STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07294

GEZAMELTE LIDER UN IBERZETSUNGEN

Leon M. Herbert

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד"ר ל. מ. הערבערט

געזאמעלטע לידער
און
איבערזעצונגען



COPYRIGHT APPLIED FOR

L. M. HERBERT M. D.
19 N. 4th St., PHOENIX, ARIZONA
U. S. A.

זעלבסטפאַרלאַג פון פערפאסער

נדפס בישראל

דפוס „הכרמל״, תל־אביב, רח׳ החלוצים 41

אינהאלט:

א.

אַ קליינע הקדמה

ב.

דער געשמאַק אויף דער איסט סאַיד
(פון „טאָג“)

ג.

יוגענד לידער (54 לידלאַך)

ד.

אַנדערע לידער

1) צו רומעניען
2) דער טייוועל לאַכט
3) פרעמדע פאָרמען: באַלאַדע
4) וואָס איז לעבען (1)
5) וואָס איז לעבען (2)
6) ווינטער 1916
7) אויף דער גרויסער גאַס
8) צו איהר
9) בלעטער פאַלען
10) מיין ליד
11) רוה
12) אַ מעלאָדי פון שובערט
13) זי שיפּלט — איך שוויג
14) צו מיין קורצזיכטיגקייט
15) צו מיין קורצזיכטיגער געליבטער

ה.

סעריע סאָנעטען

1) וואָל סטריט ביי נאַכט
2) נאַכט אין פעלד
3) ליבעס־טרוים
4) שטורם אויפן ים (1)
5) שטורם אויפן ים (2)
6) אין דרום אַטלאַנטיק
7) שטורם אין דרום אַטלאַנטיק
8) ים נעפּעל
9) אויפ'ן פּילאַטוס אין פריהמאָרגען
10) האָדסאָן ריווער
11) לעמבערג
12) אויף דער אָזערע פון לוצערן
13) לאָנדאָן
14) דער ברעג פון קאַליפאָרניען
15) סאַן פראַנציסקאָ
16) דורך די קאַנאַדער בערג אין אָווענט
17) אין די קאַנאַדער פעלזען בערג
18) פּאַריז
19) רוים
20) משה פון מיקעל אַנדזשעלאָ (2)
21) נעאַפּאָל

ו.

זומער ביים ים (12 לידער)

ז.

אַ סימפאָניע

ח.

אין די בערג

3) נעפּעל איבער ניו יאָרק
4) אָווענד כישוף
5) דער אָווענד שפּאַציר
6) עס רעגענט היינט
7) אָווענד
8) פריהמאָרגען
9) ווינטען

ט.

ים און וואַסער לידער

1) אויף דעם ים ביי ניו־יאָרק
2) איך שפּרינג...
3) אָווענד ביים האָדסאָן ריווער
4) אין וואַסער
5) אויפ'ן ים
6) איך וואַרף...
7) די פּאַליסאַדעס

י.

לידער אין עלעגישען ווערזמאָס

1) שווימען
2) ליכט
3) איבער'ן פעלד אין טראַמוואַי

יא.

צו אַ פּאַרוויאָנעטער בלום
(57 לידער)

יב.

איבערזעצונגען

1) דיעס אירע — טאָג פון צאָרן
פון סט. טהאָמאַס אַקווינאַס
2) דריי פעדים פון גאָלד
די ווערראַנדאַ
פון לעקאָונט דע ל׳איל
3) דאָ אונטען פון סאָול פריודהאָם
די קייטען
4) די בערזע פון ווערהארען
5) גייסט פון דער נאַכט פון שעללי
8) שארל פאָל באָדלער — אַרטיקל
און פאָעמעס
9) ליבע ליעד פון אבן עזרא

יג.

אמאַר כאַיאַם

פיצדזשעראַלד און אַנמערקונגען

יד.

פון גריכיש און לאַטיין

1) האָמער, איליאַדע בוך 1
2) סאַפאָ און אַנאַקרעאָן
3) לידער פון האָראַץ און קאַטוללוס

א קליינע הקדמה

אָט די זאַמלונג פון פּאָעזי האָט זיך פאַרשפּעטיגט מיט אַ צוואַנציג — דרייסיג יאָהר. עטליכע פריינד, איינער פון זיי אַ שרייבער איז שוין אַליין אויפ׳ן עולם האמת — האָבן מיר פאַר־געוואָרפען מיט עטליכע יאָהר צוריק פאַר וואָס איך בין אַזוי אָפּ־געלאָזען „נאָכלעסיג״ (אויף דייטש) און דרוק זיך נישט. „האָסט גוטע זאַכען, קלייב זיי צונויף״. סע זענען שוין אָפּגעלאָפען ווייטער עטליכע יאָהר און איצט האָב איך באַשלאָסען צונויפקלייבען די לידער, די פריהער אָפּגעדרוקטע, אַנדערע אין כתב־יד און אָפּצו־דרוקען זיי כדי איבערצולאָזען עפּעס אַ זכרון פון איינעם וואָס האָט זיך געקוויקט מיט דער שעהנקייט פון דער וועלט און האָט דאָס איבערגעגעבען לויט ער האָט דאָס געקאָנט.

איך בין געבוירען געוואָרען אין דער הויפּטשטאָדט פון דעמאָלט־דיגען קליינפּוילען (גאַליציען) אַן עיר ואם בישראל, לעמבערג, זי איז געווען אַ גרויסער קולטור צענטער מיט אוניווערסיטעטען, גימ־נאַזיעס א. ז. וו., אונטער פּוילען אויך א העברעאיש גימנאַזיום, וואו די יינגלאַך און מיידלאַך פלעגען אַרומשפּאַצירען אַמאָל פּיעש־טשענדיג זיך מיט פּויליש און אונטער פּוילען האָבען זיי זיך צו־קלונגען מיט דעם שעהנען ספרדישען העברעאיש. לעמבערג איז אויפגעבויט צופוסענס פון אַ באַוואַלדעטען באַרג וואו אויף איהם איז געשטאַנען דאָס אידישע זומער טעאַטער וואו גאָלדפאַדען אַליין האָט אויפגעפיהרט זיינע פּיעסען (עקידת יצחק) און דער גרויסער חזן שור האָט אויפגעפיהרט זיין אָפּערע אַלעקסאַנדער המלך. אויפ׳ן שפּיץ פון באַרג איז געווען דער זאַמדבאַרג, אַ פּויליש נאַציאָנאַלער מאָנומענט, אָנגעשאָטען פון פּאַטריאָטישע פּאָליאַקען. לעבען איהם זענען דאָ די רואינען פון פּאַלאַץ פון קעניג קאַזשימיעזש, דעם גרויסען, דעם מאַן פון אסתר׳קע, לויט דער לעגענדע. די אויסזיכט פון שפּיץ פון „קאָפּיעץ״, ווי דער זאַמבאַרג האָט געהייסען, איז געווען אַ וואונדערבאַרע. אַזוי שעהן איז געווען די אויסזיכט פון לעאָפּאָלדס־באַרג אין ווין וואו איך האָב שפּעטער געוואוינט.

אין לעמבערג האָב איך זיך אָנגעזאַפּט מיט תנ״ך און אַ ביסעל גמרא לערנען (שפּעטער אַ סך מעהר אין אַמעריקאַ).

אין לעמבערג האָב איך אַליין געלערענט רעדען העברעאיש ביי דער צוקינפטיגער פרוי פון גאַליצישען גוטען העברעאישען שרייבער ר׳

בנימין און פון דעם גרויסען העברעאישען פאַטריאָט, דעם גרויסען רעדנער, שוואַרץ, וואָס האָט איינגעפּירט די ספרדישע אויסשפּראַך אין גאַליציען און פון שלמה שילער, דעם טיפען דענקער, ועמען די גאַליציאנער ציוניסטען האָבען געשיקט אַלס דירעקטאָר פון דער העברעאישער גימנאַזיע וועלכע זיי האָבען געגרינדעט אין רחביה, שטאָדט פּערטעל אין ירושלים. ער האָט מיט מיין גרופּע געלערענט שמונה פרקים לרמב״ם און געלייענט אחד העם, וועגען וועלכען ער האָט דעמאָלסט געשריבען ארטיקלען אין דר. הערצל׳ס „די וועלט״.

מיין ליבע צו די גריכישע און די לאַטיינישע קלאַסיקער האָב איך געירש׳ענט פון דייטשען גימנאַזיום אין לעמבערג, אויך די קענטעניש פון דער דייטשער און פּוילישער ליטעראַטור. די קלאַסיקער האָב איך ווייטער שטודירט אין ניו־יאָרק אין קאָלעדזש און אין אוניווערזיטעט. די ליעבע צו קונסט האָב איך געקראָגען אין לעמבערג און אין ווין און אין ניו־יאָרק און שפּעטער אין רייזען אין וועלכע איך האָב שטודירט די זאַמלונגען אין די גרעסטע מוזעאומס אין דער וועלט. די ליבע צו מוזיק האָב איך פריה אַנטוויקעלט אין מיר.

יונגוויס האָב איך געשריבען לידער און פּראָזאַ אין פּויליש, דייטש און העברעאיש. אין אמעריקא האָב איך אָנגעהויבען שרייבען העברעאיש און ענגליש, שפּעטער אידיש. איך האָב געהאַט א וויכטיגען אַרטיקעל וועגען די יונגע אידישע דיכטער מיט איבערזעצונגען פון זיי אין ענגליש וואָס האָבען גוט אויסגענומען. איין שעהן ליד פון ש. איינהאָרן „ליטע״ וואָס איך האָב איבערגעזעצט איז פשוט געגנב׳עט געוואָרען פון לעפּטוויטש אין ענגלאַנד, וואָס האָט אַביסעל צודרייט עס, און חוצפה׳דיג אָפּגעדרוקט אונטער זיין אייגענעם נאָמען און איז אַריינגענומען געוואָרען אין זאַמעלבוך: „דהי דזשואיש קאַראַוואַן״. אַזוי נידעריג איז געווען די עטהיק ביי אונז. איך האָב אויך ענגליש געהאַט אַ וויכטיגען אַרטיקעל וועגען ראָזענפעלד מיט עטליכע איבערזעצונגען פון זיינע לידער. שפּעטער האָב איך געשריבען אַן אַרטיקעל וועגען ח. נ. ביאליק מיט איבערזעצונגען פון זיינע וויכטיגערע שירים, איינס פון וועלכע איז אַריין אין דער אויסגאַבע פון זיינע לידער אויף ענגליש. אויף אידיש האָב איך געשריבען ליטעראַטור און דראַמאַ קריטיק. איין אַרטיקעל וועגען באָדלער געהט אַריין אין אָט דער זאַמלונג. אויך פּאָעזי אין פאַרשידענע צייטונגען, דער „טאָג״, אין „אידישען פאָלק״, וואו איך האָב געאַרבייט מיט אב. גאָלדבערג, אין „איד. קעמפער״, „פרייע אַרבייטער שטימע״, אין „צו־קונפט״ („אין אידיש שעהן״), ביי דר. זשיטלאָווסקי׳ס „נייען אידישען לעבען״ וואו ער האָט געוואָלט איך זאָל איהם געבען דאַנטעס אָפּגע־

קירצטען אינהאַלט פון זיין לאַטיינישען ווערק וועגען דער אויסדרוק־מעגליכקייט (עלאַקוועֶנציאַ) אין דער איטאַליענישער שפראַך, דער נמשל זייענדיק, אַז אידיש האָט זיך נישט צו שעמען לגבי העברעאיש. דאָ אין ארץ־ישראל זייענדיג, קען איך זיך ניט געבוג אָפּוואונדערען ווי אַזוי לייכט העברעאיש האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד און עס איז מקוים געוואָרען דער פסוק: חדש ימינו כקדם. איך האָב אין אמעריקא אויך געשריבען אויף העברעאיש אין „הדואר” און אַנדערע צייטונגען ליטעראַרישע אַרטיקלען, איינער וועגען בן יהודה איז איבערגעדרוקט געוואָרען אין ארץ־ישראל און אין ארגענטינאַ. איין סעריע וועגען גריכישען און אידישען גייסט, איז אָפּגעדרוקט געוואָרע אין טעגליכען „היום”.

די דאָ אַרויסגעגעבענע לידער זענען צוערשט די יוגנד לידער אונטער השפעה פון היינע, אַזוי איז משה לייב האַלפּערן געשטאַנען אונטער דער השפעה פון שעפּפעל, דעם דייטש, און מאַניע לייב אונטער דער השפעה פון סאָלאָגוב. שפּעטער איז ביי מיר צוגעקומען די השפעה פון די גרויסע פראַנצויזישע פּאָעטען פון דער אימפּרעסיאָניסטישער פּעריאָדע, ערעדיא אין סאָנעטען, לעקאַנט דע ליל א. ז. וו. אגב, האָב איך פאַר אַ קורצער צייט אונטערריכטעט אין ניויאָרק פראַנצויזיש, אויך לאַטיין און דייטש אין די האַי סקולס.

ווען איך בין געוואָרען אַ מעדיקער האָט זיך אין מיר אנטוויקעלט דער וואונש צו באַרייכערן די העברעאישע שפראַך אויפ'ן געביט פון טערמינאָלאָגיע דורך מיין באַקאַנטשאַפט מיט לאַטיין און גריכיש. איך האָב צוזאַמענגעאַרבייט מיט דר. גאָלדין פון ניויאָרק, אויך א שרייבער אויף אידיש, און דר. גאָלדשטיין, איצט דאָ אין תל־אביב וואָס איז דאָ געוואָרען זעהר טעטיג אויף דעם געביט.

די אָפּגעדרוקטע לידער זענען אַ ריין פּערזענליכער אויסדרוק פון מיין אַנטרינקען זיך מיט דער שעהנקייט פון גאָט'ס וועלטעל — פעלד, וואַלד, באַרג, ים. אונטער דער השראה בין איך ארומגעפאָהרען אויף דער וועלט איינצוזאַפּען נאַטור שעהנקייט.

איך וויל פון האַרצען אָפּדאַנקען דער ליבער, קולטורעלער אַמאָליגער סעקרעטאַרין פון פויליש־אידישען פאַרבאַנד אונטער דר. שאָשקעס, וואָס האָט אָפּגעגעבען פיל צייט און מיה איבערצושרייבען אַ סך פון די פּאָעמען אויף דער שרייבמאַשין.

פּ. ס. אַלס צוגאָב גיב איך אַן אַרטיקעל, כדי דער עולם זאָל זעהן ווי די איסט סייד האָט אויסגעזעהן ביי מיר אין די אויגען, ווען איך בין געקומען אין דער איסט סייד גלייך נאָך אַזאַ שענער שטאָדט און קולטור צענטער ווי ווין.

תל־אביב — פיניקס, אַריזאָנא
דר. ל. מ. (מ. א.) הערבערט

דער געשמאַק אויף דער איסט סייד

עס ווערען אָפטמאָל פרעמדע גוים פאַרוואָגעלט אויף אונזער איסט סייד, ווייסען זיי נישט ווי אונז אָנצוכאַפּען, קריגען מיר אַרויס פון זיי די משונה׳דיגסטע אורטיילען איבער אונז. איז געקומען אַמאָל האַטשינס העפגוד אויף דער אידישער גאַס, האָט אויסגעפרעגט ווער עס זיינען דאָ ביי אונז די גדולים. פון מאַנכע, האָט ער אויף דער גוי׳אישער גאַס אַליין געהערט און איז דרייסט צו זיי אַליין צוגע־טראָטען, — און דער רעזולטאַט איז געווען אַ בוך מיט לויב און חניפה פאַר אונזער אָריגינאַליטעט און גרויסקייט. הערט דער באַ־וואוסטער אַקטיאָר דעילי פון אַ גרויסער לויה נאָך אַ גאַרדינ׳ען, אָדער מאַגולעסקאָ, קען ער זיך נישט אָפּוואונדערען, כאַפּט זיך אַריין אין דער איסט סייד פאַר אַן אבענד און מיר הערען אונזער גרויס־קייט פראָקלאַמירט איבער אַ טאָג אין „גלאוב״. קומען אַזוי פרעמדע אמאָל, אַ פראַנצויז, אַ דייטש, אַן איטאַליענער, אַ רוס, נעהמען זיי אונז אַן פאַר אַ טייל פון אַמעריקאַנער לעבען, פערדאַמען זיי אונז אַן גראָ, אין האַלסייל, צוזאַמען מיט דער אַמעריקאַנער גאַס זיינען מיר כולו שווארץ, אָדער זיי געפינען עפּעס א שטריך אין אונז, וואָס רעקאָמענדירט אונז ביי זיי אין די אויגען און מיר ווערען ארויס־געהויבען פון דעם איבעריגען אַמעריקאָ מיט אַ גוט ווערטעל, אַ לויב.

איין זאך פילט אָבער יעדער פון זיי, ס׳לעזט זיך אַרויס צווישען זייערע שורות, ווען זיי שרייבען, ס׳זעהט זיך אין זייערע פנים׳ער, ווען זיי קומען מחנות־וויז אין די זומער־חדשים פון דער וועסט, סאוטה, ניו־ענגלאַנד, אָדער פון וואַנען זיי קומען נאָר מיטצומאַכען „טו דו״, דאָס גהעטאָ און שפּאַצירען אין געדיכטע רייהען צווישען די פושקאַרטס, גרעל און שרייענדיג בעלויכטענע פון די רויכענדע שטורקאַצען, אויף ריווינגטאָן סטריט, אָדער שטופּען זיך אריין אין דער פליסיגער שוואַר־צער מענשען־מאַסע אויף דער־זעלבער גאַס פון „מענשען, רעש און שמוץ״ אויף זייערע „סייט־סיאינג״ אויטאָמאָבילען. איהר זעהט אין זייערע פנים׳ער אַ גרימאַסע, אַ פערקרימעניש, אַ בעפרעמדקייט, ד. ה. אַן אומ־מעגליכקייט זיך אויסצוגעפינען, זיך פאַנאַנדערצוקלייבען אין תהו ובהו, געמישט מיט אַ געפיהל פון אָפּשטויסונג, נישט צו זאָגען עקעל.

עס גרילצט דער צוועקלאָזער ליאַרעם אין זייערע אויערען, די מיאוס׳קייט פון די גאַסען, דער אונסימעטרישער כאַאָס, די שרייענדע

עבירות געגען גוטען געשמאַק אין דעם „סטיל” פון די בלאָטיגע טענעמענטס קאַזאַרמעס מיט „פייער עסקייפס” צעגעקלעפטע צו זיי ווי פליגען צו פליגען־פאַפּיער: דאָס אַלעס דערשלאָגט, דערפלעווט אַזוי, אַז אָפטמאָל פערלירט זיך אין גאַנצען די פעהיגקייט פון אורטייל. דאַשינסקי, צ. ב., דער גאַליציאַנער סאָציאַליסטישער פיהרער, האָט שוין פון פולען האַרצען פאַרגעצויגען דאָס עלענדע גאַליציאַנער גהעטאָ צום ניו יאָרקער איסט־סייד שמוץ.

דאָ איז דאָס פעהלען פון גוטען געשמאַק אין דער אויסערליכקייט פון אונזער גאַס אַליין, וואָס דערשלאָגט שוין די צאַרטע, עסטעטישע נערווען פון אייראָפּעאישען קולטור־מענש, וואָס קומט נאָר אַ הער אויף אַ ווייל. פון דעם וועט איהר שוין פערשטעהן די טראַגעדיע פון אַ מענש, וואָס האָט געגאָסען פון קולטור און קומט פון די צענטרען פון עסטעטישער ראַפינירטקייט אין אייראָפּאַ אָדער אפילו זיד־אמעריקאַ און איז געצוואונגען דורך די אומשטענדען זיך צו באַזעצען אין איסט סיידער כאַאָס. גענוג טראַגעדיע איז דאָס ווערען אויסגעוואָרצעלט, אַרויסגעשניטען פון דער איידעלער סביבה אין אן עלטער פון צופּאַסונגס־שווערקייט. וואָלט כאָטש געווען די דרויסיגע סביבה פול חן און שעהנקייט צו טרייסטען און מאַכען דער צופּאַסונגס, „פערשמערצונגס” פּראָצעס, ווי די דייטשען וואָלטען געזאָגט, לייכטער, קומט נאָך די מאוס׳קייט, די שווערע, שטיקענדע מאוס׳קייט פון דעם דרויסען, צו וועלכער מיר, איינגעזעסענע, זיינען שוין אָפּגעשטומפּט, מיט וועלכער מיר האָבען שוין געמוזט שלום מאַכען.

די גרויסע זינד פון אונזער אידישער גאַס, פון איר דרויסיגען פּנים און איהר אינוועניגער געשטאַלט איז דאָס פעהלען פון גוטען געשמאַק, דעם „טוב טעם”, פון עסטעטישען חוש, פון געלייטערטען, בעפרידיגענדען קונסט־זין.

דאָס איז די זינד אין גרויסען און גאַנצען גענומען אויך פון דער אַמעריקאַנישער גאַס — דער בעסטער אַפילו — דאָרט איז מען נאָר יוצא אַמאָל אָהן דער אונרייַנקייט. דאָס קען אפשר ביט זיין אַנדערש. קולטור־רויהקייט איז אַן אַטריבוט פון יונגקייט, וואָס איז אָהן וואָסער עס איז טראַדיציאָן און זעלבסט־אַכטונג, זי געהערט צו אַ געזעלשאַפט וואו פאָרמען זייַנען נישט באַגרינדעט, עטאַבלירט, און היינט בויט מען, מאָרגען רייסט מען אַרונטער. היינט אַ הילצערנע הייזקע, מאָרגען אַ קליינער „סקאַי־סקרעיפּער”, איבערמאָרגען אַ גרעסערער. קולטור־רויהקייט מוז אפשר קומען, וואו מאַסען מיט פערשיעדענע קולטורען שטויסען זיך צונויף און דאָס שעהנע, איידעל־פערצירטע טויכט אונטער, וואו די אַכטונג, די פערהייליגונג פון אָנגענומענע, סטאַבילע, אייגענע פאָרמען פון לעבען פערלירט זיך ביים פאַרהאַנדען זיין פון גראַד אַזעלכע אויסשליס־

ליכע הייליגקייטען, זייט ביי זייט, ביי יענע אנדערע הייליגקייטען וואָס טראָגען זיך ווי א בן־יחיד אַליין אין מענשענס באַוואוסטזיין.

דערפאַר וואַקסט אונזער קומענדער דור אַרויס גראָד ווי עושרים, אויפגעקומענע פּלוצים פון נידריגען שטאַנד, שרייעריש אומקולטיווירט, ווי טיפּישע „סיילסמען". די מיידלעך, כאָטש אויף זיי איז אויסגעגאָסען דער אידישער חן, וואָס דאַרף צוציהען, אַזוי אונאַנגענעהם געפּודערט, געפאַרבט און געקליידט.

און איז נישט אונזער אידישע גאַס אויך אַ צונויפמישונג פון מענשען אויסגעוואָרצעלטע פון איינגעזעסענע ערטער, איבערגעשליידערטע אַהער, די בריקען הינטער זיי פערברענט און דאָס טראַדיציאָנאַל פער־הייליגטע אין ים אַריינגעוואָרפען?

גוטער געשמאַק — דאָס פאָדערט געזעצטהייט, איינגעגרונטעוועט־קייט, די קריסטאַליזירונג פון בעשטימטע און באַשטימענדע פאָרמען, אַזעלכע וואָס ווייזען אָן דעם וועג פאַר די פאָרמען, וואָס וועלען זיך ערשט אַרויפאַרבעטען אין דער צוקונפט. עוואָלוציאָן אַליין ווערט דאָן נישט אַ נערוועזער, פיבערהאַפטער כאַאָס, אָן אַרונטעררייסען און אויפבויען, אַ געשמאַקלאָזע פערמישונג און צופאַסונג פון פאָרמען אַ מו־רישער טעמפעל בענוצט פאַר אַ באַהן־סטאַציאָן, אַ גאָטיש־ראָמאַנישע געמישעכץ בענוצט פאַר אַ וואוינונג.

גוטער געשמאַק איז דער אַרויספלוס פון אַ קולטור־לעבען. גוטער געשמאַק איז אַזוי ווי די סימעטריע פון אַ שעהנעם מענשען־קערפּער. ער האָט באַלאַנס, די גלייכע פאַנאַנדערטיילונג פון ווערטהען, ער האָט קלוגע, דיסקרעטע, טאַקטפולע אויסלעגונג פון פונקציאָנען, ער האָט די חנ׳עווידיגע רוה, די איינגעהאַלטענקייט פון אַ באַיערישען דערפעל, אַ האָלענדישער שטאָדט, פון אַ בוימיגער פּאַריזער גאַס ווי די וואָס לויפען אַרויס פון פלאַס דעל׳עטאָאַל צום בולאָנער פּאַרק. גוטער גע־שמאַק — דאָס איז סטיל, דאָס איז דער פעראייניגענדער הויך וואָס שוועבט אויף אַ לאַנדשאַפט, אַ בעזעצטען אָרט, אַ קונסט־ווערק, אַ בוך.

איהר וועט אפשר טענה׳ן, אַז קיין שטייפע, אַבסאָלוטע נאָרמע טאָר נישט עקזיסטירען, אַז עס איז דאָ גרויסקייט אויך אין ווילדקייט, אַ געזעץ אויך אין כאַאָס. יאָ, אָבער אין וואָסערען? מיר גיבען צו, אַז עס איז דאָ דער פּלאַן פון דעם אונגעפּלאַנעוועטען, פּונקט ווי אין אַ סקיצע פון מיקעל אַנדזשעלאָ, וואו דער רויהער געדאַנק קעמפט נאָך מיט זיך אַליין פאַר אויסדרוק, וואו ער האַלט ערשט אין זיך־אַליין־געפינען, זיך אַליין פּרעציזירען, וואו די שעהנקייט פון אויסדרוק־זוכעניש ביי מאַנכע גרויסע פילאָזאָפען (פיכטע) און סטיליסטען (דער דייטש־אידישער העלעניסט גאָמפּערץ, דער פּראַנצויזישער היסטאָריקער

פּישעלע) ווייזט זיך ארויס. אין אַ געוויסען זין האָט אויך ניו יאָרק אויפצואווייזען גראַנדיאָזקייט, דאָס איז וואו דער שאַפענדער, בויענדער, דאָס ריעזיגער זוכענדער, אומרוהיגער גייסט פון דעם מיט ענערגיע איבערלויפענדען אַמעריקאַנער שווימט אַפּיר, ווען דאָס אייגענטליכע, אָריגינעלע פון אַמעריקאַנער, נישט דאָס געבאָרגטע, נאָכגעמאַכטע, די נישט פערדייהטע אריבערנעמעניש, שטעלט זיך אַרויס. דאָס נישט אייגענטליכע, וואָס נישט אָריגינעלע.

אויך אויף דער אידישער גאַס האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעזעצט די געשמאַקלאָזיגקייט. דאָ שטעהט דער דרויסיגער כאַאָס אין דער אַרכיטעקטור פון גאַס אין ענגער פערבינדונג מיט דעם כאַאָס אין די מחות, אין דעם עפענטליכען לעבען, איז דער גייסטיגער, דער ליטעראַרישער און קענסט־שאַפענדער וועלט. „הפקר" איז דאָס וואָרט וואָס כאַראַקטעריזירט די אידישע איסט סייד אַם בעסטען (און לויט איך ווייס, כמעט אַלע אַנדערע פרעמדען־קוואַרטאַלען אין ניו יאָרק. אַזוי דאָס איטאַליענישע, גריכישע און פּוילישע). דאָס סימפּטאָם פון הפקר אין אַלע צווייגען פון לעבען, איז דאָס פעהלען פון אַ קולטור־קלאַס, וואָס שאַפט דעם טאָן, און זיך פארשאַפט ער אַכטונג און אויטאָריטעט, פון דעם פעהלען פון אַ פעראייניגענדען, סטאַבילען אָרגאַן, וואָס זאָל מיט זיך פאָרשטעלען, טיפּיפיצירען און צו דערזועלבער צייט פיהרען אונז. דערפאַר פיהרען די יאַהודים, וואָס קענען אונז ניט, וואָס פאַרשטעהען אונז ניט, אַפט חוצפה'דיג דאָס וואָרט פאַר אונז. דערפאַר איז אַ פּרעזידענט פון אַ גרויסער פעדעראַציאָן ביי אונז געוועזן יאַהרען־לאַנג אַן עם־הארץ, וואָס האָט אונז פערשעהמט, ווען ער האָט עפענטליך גערעדט אין ענגליש. דערפאַר האָט דעמאַגאָגיע און אונפעראַנטוואָרטליכקייט זיך פאַנאַנדערגעשפרייט אין אונזערע פאַרטייען. דערפאַר איז חוצפה'דיגקייט, שרייערי, אונוויסענהייט אַ גאַנגבאַרע סחורה אויף דער אידישער גאַס. דערפאַר איז ביי אונזערע טהעאַטער־מענעדזשערס נישטאָ דאָס רוב קיין ברעקעל פעראַנטוואָרטליכקייטס־געפיל צום פּובליקום, קיין ברעקעל העפליכקייט צום אידישען שרייבער און קריטיקער (ווי אַנדערש קען דען זיין ביי זייער וואוויל־יונגישער טראַדיציאָן?) דערפאַר דאַרף ביי אונז מאָריס מאַריסאָן שטאַרבען איז נויט און דחקות און מאַנכע פורציעס, וואָס קענען קיין שייטעל עברי נישט, דערלעבען זיך צו ווערען אַדוערטייזט מיט „פּיקטשערס". דערפאַר איז דעם קליינעל־לעבען אַזוי איינגעוואָרצעלט אין דער אידישער גאַס און אָרגאַניזאַציאָנען, לאָדזשען, אָרדענס ווערען געפיהרט גאָט ווייסט פון וועמען.

שלעכטער געשמאַק אין עפענטליכען לעבען, שלעכטער געשמאַק אין אונזער ליטעראַטור און קונסט, וואו דאָס עקזיסטירט. דיכטער וואָס

פערשלעפּען זיך פון ווערטער געדויש אָדער קלאַנג מיסטיק, וואָס טאָג־צען און זינגען צו דערזעלבער אָבשטויסענד־געוואָרענער נאָט פון ליעבע־שמיעבע, פון „זי קומט, זי געהט״, פון נאַרישען אָנשטעל און ליגנערישע געפיהלען. ערצעהלער, וואָס וואַלגערען זיך אין נאַקעטקייט ביז עס ווערט עקעל, הומאָריסטען און קריטיקער, וואָס צימבלען אַלץ אַריין אויף איין און דעמזעלבען צוגעגעסענעם אופן פון אָבפאַרטיגען אלץ און אַלעמען, פון שטאַנדפּונקט פון זייער אייגענעם איך, עסעאיסטען וואָס שיטען אויס טאָג איבער טאָג מיט דעם זעלבען בוימעל.

אַ הפקר וועלט איז אונזערע, וואו דוקא שוואַכע אינטעלעקטען זיינען די פּסק׳ענער איבער זאַכען, וואָס זיי פערשטעהען ניט, וואו פּלוידערער, ספּאָדיק־דרעהער, וואָס וואָלטען זיך ניט אָנגעזעהן אויף דער גוי׳אישער גאַס, זיינען געוואָרען ביי אונז געאַכטעטע, בעוואונ־דערטע טאַלאַנטען, אפילו קריטיקער פון קריטיקער האָבען מיר, גע־וויסענהאַפטע מענשען, נעבעך, וואָס קענען קיין עולה ניט פערטראָגען און ציטירען פאַלש ציטאַטען, פאַסטעל־שמירער מיט אַ באַרבאַרישען, פּרימיטיווען פאַרבען־זין און וואָס קענען נאָך נישט צייכענען זיינען געוואָרען „גרויסע״ קינסטלער.

דער אידישער זין איז אפשר קיינמאָל נישט געווען פאָרם־פיה־לענדיג, אפשר ווייל מיר האָבען פעראַכט פאָרם און בעטאָנט דעם אינ־האַלט — און אפילו דאָ נאָר דעם עטהישען ווערטה. קוקט זיך צו, למשל, צו דער מאָנאָטאָנקייט פון דעם תהלים אָדער אפילו „איוב און בן סירא — אַלץ איין נאָט. די איין־נאָט־קייט איז אָרימקייט, אָבער אין תוך ברענגט זי מיט זיך קראַפט, וואוכטיגקייט, שוואונג, געוואַל־טיגען פּאַטהאָס וואָס איז מוחל פאר דער זינד אין פאָרם.

אין אונזער איסט סיידער „דרויסען״ און „אינוועניג״ איז קיין קראַפט נישטאָ, פּאַטאָס פעהלט, אָדער וועניגסטענס ווערט ער נישט אויסגעדריקט. וואָס מיר האָבען איז קולטור־רויהקייט, אונגעהובעלט־קייט, שרייערישקייט, עם־הארצות, חוצפה, דאָס פעהלען פון זין פאר פּראָפּאָרציאָן, פאַר האַרמאָניע, דעם אָהן טעם וואָס איז צוואוידער יעדען מענשען מיט קולטור, דעם שלעכטען געשמאַק.

יונגע ליבע

1

זאָל זיין, ליבסטע, אַז דו ליבסט,
אָבער כ׳זעה דאָס ניט,
כ׳ליין עס ניט אין דיינע אויגען,
כ׳פיהל׳ס ניט אין דיין שריט.

ביסט דיר אַזוי קאַלט און מונטער,
רעדסט געמיטליך, גוט,
מיר זינגט ליבע אין די אבר׳ן,
קאָכט מיר אויף דאָס בלוט.

מיך, אז ס׳כאַפּט אַ ליבעס־שוידער,
ווער איך פלאַמענד הייס,
היינט דו זאָגסט מיר קאַלט: דו ליבסט מיך,
זאָל איך גלויבען, כ׳ווייס?

2

אַזוי זינגען, זאָגסטו, אַלע,
אלע, ווען זיי ליבען,
אסור, אויב מיך ועט דאָס וואָרט דיינס
אויף אַ האָאר באַטריבען.

וואָס כ׳האָב ניט געפיהלט ביז איצטער,
הייב איך אָן צו פיהלען,
און מיין האַרצענס ווייכע סטרונעס
נעהמען זיך צושפילען.

קען איך העלפען, וואָס זיי שפילען
אין די זעלבע טענער?
ס׳שפּילט אַ יעדעס האַרץ איין נוסח —
נאָר ביי מאַנכע שעהנער.

3

ווען כ׳האָב, ליבסטע, דיך דערזעהן,
טויט איז נאָך מיין האַרץ געווען.
ביי דיין שטימעס זיסע קלאַנגען,
ווען דו האָסט דיך דאַן צולאַכט,
האָט עס ווידער אויפגעוואַכט,
אָנגעהויבען צו פאַרלאַנגען.

אָנגעהויבען האָט עס פּיהלען,
צאַפּלען, ציטערן אין שטילען,
זיך אַהין און הער געטריבען.
ס׳האָט זיין אַלטע קראַפט דערשפּירט,
האָט דיין קוק מיך זיס באַריהרט,
אָנגעהויבען האָט עס ליבען.

4

ווער איך דיך צו ליבען, טייערע,
ווען עס איז אויפהערען?
ניט אַזוי לאַנג, ווי ס׳וועלען
פינקלען שטיל די שטערען.

פינקלען שטיל אַראָפּ און שמייכלען
אויף אונז צוויי פון אויבען,
קען אַ בייזער גייסט, אַ ווילדער,
מיר מיין ליבע רויבען.

5

כ׳בין מיט מיידלעך תמיד דרייסט,
כ׳ציטער ניט פאַר קיינער,
ווי א זיגער טרעט איך צו
צו אַ יעדער שיינער.

קען איך זי, קען איך זי ניט,
כ׳הייב ניט אָן זיך שעהמען,
כ׳וויל — געה איך אָהן שאלות זי
אין די אָרעמס נעהמען.

ווייס איך דאָך פון לאַנגע יאָהרען
יעדער מיידעל׳ס גייסט —
איין זאַך דאַרף מען זיין מיט זיי באַר:
מוטיג, פרעך און דרייסט.

האָב איך אָבער דיך דערזעהען,
איז געשעהען אַ נס!
כ׳האָב אפילו געהן געשעהמט זיך,
פרעגען דיין אַדרעס!

6

היינט, היינט האָסטו בייז געקוקט,
גלייך וואָלסט מיך דורכשטעכען.
כ׳האָב געפיהלט, אַז אָט־אָט באַלד,
וועסט מיין האַרץ צוברעכען.

כ׳בעט דיך, קינד, קוק ניט אַזוי,
מיר ווערט אַזוי שווער,
דען וואָס מעהר דו קוקסט אַזוי,
כ׳שטאַרב אָפּ מעהר און מעהר.

7

כ׳זעה, דו ווילסט מיך ניט אויסהערען,
נאָר דו קענסט מיר ניט פאַרוועהרען
איך זאָל זינגען דיר און זאָגען,
וואָס איך פיהל.

זאָלסט מיך מיט דיין אויג פאַרשטויסען,
וועל איך ניט קיין זיפץ אויסשטויסען,
כ׳וועל נאָר זינגען אַלץ און זאָגען,
וואָס איך פיהל.

זאָלסט מיך מיט אַ וואָרט דורכשטעכען,
כ׳וועל ניט אין קיין קלאָג אויסברעכען,
כ׳וועל אין לעצטען הויך נאָר זינגען,
וואָס איך פיהל.

8

איך וויל לעבען, איך וויל לעבען!
ליבע האָט מיר מוט געגעבען,
לעבען וויל איך טיעף און מעכטיג,
דיך צו האָבען.

כ'האָב אַ נייע פרייד געפונען,
דען די נאַכט איז ווייט אַנטרונען,
וויל איך פרייען מיך טיעף און מעכטיג,
דיך צו האָבען.

9

וואָס, וואָס טרייבט מיך אַלץ צו דיר,
ווען איך וויל ניט קומען?
וואָס, וואָס זינג איך אַלץ פון דיר,
ווען איך וויל פאַרשטומען?

מאָרגען זעהסט מיך ווידער.
זאָג איך אַלץ: איך קום ניט מעהר.
שווער איך אַלץ: איך זינג ניט מעהר,
שרייב איך הויפען לידער.

10

טרינק איך אויס דעם לעבענס כוס
פריהער-שפעטער — מאַכט ניט אויס!
טרינק איך אויס איהם מיט איין מאָל
און די רעכנונג איצט באַצאָהל,

עט, צום טייוועל, אָט אַזוי,
זאָל זיין אויסגעלעבט אַזוי,
וועניגער צי מעהר אַ טאָג,
אַלץ איינס אויף דער לעבענס-וואָג!

אָט אַזוי הייסט אויסגעלעבט,
אַל דעם זאַפט פון אַלץ געשעפט,
אויסגעטרונקען ביז צום ברעג,
כאַפּט דער טייוועל און אַן עק!

11

זאָג, פאַרוואָס זאָל איך דיך ליבען?
ביסט דאָך מיר אַ מענש אַ פרעמדער,
ביסט קיין שוועסטער מיר, קיין אייגען,
און דאָך טייערער פון אַלעם!

מיילען טויזענדער צושיידען,
וואו דיר איז דיין וויעג געשטאַנען,
פון וואו מיך האָט מען דערצויגען,
דאָך פיהל איך דיר אזוי נאָהענט!

אַנדערש רעדסטו, אַנדערש דענקסטו,
אַלעס, אַלעס זעהסטו אַנדערש,
טיעף איז צווישען אונז דער אָפגרונד,
ביסט דאָך טייערער מיך פון אַלעם!

12

כ׳וועל ביי מיר אַראָפּ ניט פאַלען,
אַז דו וועסט מיך ווען פאַרלאָזען.
ס׳וועלען זיך ביי מיר ניט עפנען
איינגעהאַלטענע טרעהרען שליאָזען.

כ׳וועל ניט וויינען, קינדיש ווערען,
כ׳וועל דעם קאָפּ ניט בידריג טראָגען,
קוקען וועל איך דרייסט אין פנים,
און די פרעגער וועל איך זאָגען:

אַלעס אויף דער וועלט פאַרגעהן מוז,
טויט קומט אויף די שעהנסטע בלומען.
זאָל אן ענד זיין צו מיין ליבע,
כ׳האָב געוואוסט, ס׳וועט מוזען קומען.

13

זייט כ׳האָב דיך דערקענט, האָב איך
אויפגעהערט צו קלעהרען,
מיך קען פון מיין יונגען גליק
קיין געדאַנק מעהר שטערען.

איצטער אָבער כ׳ווייס ניט ווי
ס׳הייבט מיין האַרץ אָן בויערן:
ס׳פרעגט זיך, ס׳פרעגט זיך אָהן אן ענד,
וועט עס לאַנג נאָך דויערן?

וועט עס דויערען כסדר,
וואָס מיר שטיל איצט שפינען,
אָדער וועט אַ בייזען טאָג
אלעס דאָס צורינען?

14

כ׳ווייס, מיין ליבע איז אַ שפיעל באָר,
שפיעל מיט די געפיהלען,
און ס׳קאָן זיין, עס קאָן זיך טרעפען,
אַז איך וועל פאַרשפּיעלען.

כ׳שטעל אין קאָן איצט מיין נשמה,
ס׳האַרץ און די געהירען,
און איך קען מיט דיר, געליבטע,
אלעס דאָס פאַרלירען.

זעהסט, מיך אַרט ניט, זעהסט איך זאָרג ניט,
ס׳קומט מיר ניט אין זינען,
ווייל איך ווייס, ווי ס׳ווייסט עס קיינער.
וואָס איך קען געווינען.

15

כ׳וואָלט אַמאָל פאַר הייליגער פרייהייט
לעבעדיג מיך גערן פאַרברענט.
פרייהייט — שטענדיג האָב געטרוימט איך,
כ׳האָב דאָס גליק נאָך ניט געקענט.

איצט, ווען איך האָב דיך דערזעהן,
מיט די אויגלעך ווייך און פיין,
איצטער, שווער איך, בין איך גליקליך
אייביג דיר דיין שקלאַף צו זיין!

16

זאָגסט, וואָס שרייב איך שירים קורץ,
ניט ווי אנדערע טוען?
ציטערט אויף א ווייל מיין האַרץ,
וויל עס דאַן אָפּרוהען.

ס׳שפּיעלט מיין האַרץ אַ לאַנגען שפּיעל,
כ׳ווייז נאָר אויגעבבליקלעך;
ס׳זינגט מיין האַרץ אַ לאַנגען שיר,
כ׳גיב נאָר איבער שטיקלעך.

17

ווערסט אויף איינמאָל טרויריג דו,
שפּרינגסט און טאַנצט ניט אונטער,
טרייסט איך דיך, דו לויניג קינד,
דו זאָלסט ווערען מונטער.

פרעג איך דיך ניט, זאָג פאַרוואָס,
כ׳זעה דיך עפּעס ליידען,
וויל איך אַלע פראגעס היינט
זאָרגפעלטיג פאַרמיידען.

כ׳פיהל עס איצט, אַז ניט פאַר מיר
ציטערן דיינע ליפּען,
און מיט שווערקייט דו דערדריקסט
איצט אין דיר אַ כליפּען.

ליידסט דו פאַר אַן אנדערן איצט?
כ׳וויל עס דיך ניט פרעגען.
כ׳וויל צו טרייסטען דיך דיין קאָפּ
אויף מיין ברוסט איצט לעגען.

18

היינט, געליבטע, זאָגסט, דו ליבסט מיך.
וואָס וועט מאָרגען זיין?
— מאָרגען, מאָרגען ס׳קען זיך טרעפען
כ׳פאַל אין ים אַריין.

זאָג, וואָס מוטשעסט דיך, געליבטע,
מאַכט דאָס לעבען שווער?
— עט, פאַרגעס, געניס איצט, מאָרגען
קען זיין כ׳בין ניט מעהר.

זאָג, וואָס זאָרגסטו זיך אויף מאָרגען,
כ׳וועל דיך קריגען פיינט,
אז דו זעהסט צו מיין פערדאַרבען.
כ׳ליב דיך, ליב דיך היינט.

19

עפּעס בין איך היינט באַטריבט,
און איך קען ניט, קען ניט לאַכען.
מענשען זאָגען כ׳בין פאַרליבט
און נאָך נאַרישערע זאַכען.

ניין, איך גלויב ניט, ס׳קען ניט זיין,
מיך האָט קיינע צוגעצויגען,
ס׳איז ניט מעגליך, ניין, ניין! — דאָך...
זי האָט זעלכע שעהנע אויגען!

20

קענסטו דען פון אונזער ליבע
עפּעס נייס דערצעהלען?
דאַכט זיך האָסט שוין אויסגעשאָסען
אַלע דיינע פיילען.

ניין, געליבטע, ניין, אַ טעות,
איך בין ניט קיין מידער,
שטענדיג זעה איך נייע שטריכען —
זינג איך נייע ליעדער.

כ׳האָב דעם ליבע אוצר אונזערן
ניט ביז ענד דורכקליבען.
דאַכט זיך מיר כ׳וועל שטענדיג זינגען
אַזוי לאַנג כ׳וועל ליבען.

21

ווייסטו, מיידעלע, איך ליב דיך,
קענסט פאַרשטעהען, וואָס עס הייסט,
אַז דו האָסט מיין אָרעם לעבען
זין געגעבען, זין און טרייסט?

טרייסט פאַר׳ן קיום׳ס ביטרע וואונדען,
זין, וואו פוסטקייט איז געווען,
טרייסט, וואו כ׳האָב איז שמערץ געראַנגעלט,
ליכט, וואו נאַכט איז נאָר געווען.

איידער כ׳האָב דערקאָנט דיך, האָט אַלץ
טרויריג אויסגעזעהן און טריב,
איצט געליבטע, זינט איך קען דיך,
איז מיר צ׳ריק דאָס לעבען ליב.

22

טראָג קיין פענס־נע, טראָג קיין ברילען,
נו, ווערסט ניט אַזוי קלאָר זעהען,
דאַרף אַ שעהנע זעהען אַנדערע,
אָדער דאַרף מען זי גאָר זעהען?

ווי, ווען איך זאָל זיך צופלאַמען,
ווי, געליבטע, וועט דאָס קלינגען,
ווען איך וועל דיין צאַרטע שעהנקייט
אויף אַזעלכער אַרט באַזינגען:

אין די שווארצע אויגען איהרע
טויזענד חנ׳דעלעך זיך שפּילען,
הויך זיך הויבט איהר גריכיש נעזעל,
אָבער אויף איהם טראָגט זי... ברילען!

איהרע אויגען בלישטשען זיס, ווי
טוי־דיאַמאַנטען אויף די גרעזער.
זי איז ווענוס! היינט שטעל פאָר דיר
ווענוס׳ן אין אויגען־גלעזער!

23

האָב איך מיך אַלץ פאַר דער וועלט
איינגעקאָרטשעט, איינגעבויגען;
האָב איך קוים דיין האַנד באַריהרט,
צוריק מיין אַלטען ווערט דערשפּירט,
צו מיין לענג מיך אויסגעצויגען.

שטעה איך איצט און קוק איהר דרייסט,
גלייך אין איהרע אויגען,
וועל פון איצט פאר קיינעם איך,
וועל איך ניט, זינט איך האָב דיך,
מעהר מיין רוקען בויגען.

24

קום אַוועק ווייט פון דער וועלט,
קום אַליין אַ וועלטעל בויען.
כ׳וועל דיך דאָרט אליין באַזיצען,
גרעסטע, שענסטע פון די פרויען!

ליבע וועט איהר כישוף וועבען,
וואַרפען זיס אום אונז איהר חן.
אונז איז קיינער דאן מקנא —
קום, געליבטע, זיין אליין.

25

ווי די צייט פאַרגעהט געשווינד מיר,
פּיילען זיינען יאָהרען,
כ׳קוק מיך אום און זעה איך ביז שוין
ווייט אין צייט פאַרפאָהרען.

ס׳פלעגט אויף מיר די רגע ליגען
שווער, איך פלעג זיך זאָרגען,
פלעג איך פריה די אויגען עפנען,
זעהן וואָס ברענגט דער מאָרגען?

ס׳פלעגט די צייט, די זאָרגען־רייכע
לאַנגזאַם זיך פאַרווײלען,
היינט איז זי ניט מעהר באַלאָדען,
זעה איך פלינק זי איילען.

האָב געוואַרט ביז כ׳האָב איהר כוס דאַן
ביז צו ענד געטרונקען,
לויפט זי היינט, קוקט זיך ניט אום, ווי
כ׳בין אין גליק פאַרזונקען.

זאָל זי איילען, לייכט און מונטער,
זאָל אַוועק זי שוועבען,
זאָל זי אויף די לייכטע פליגלען
טראָגען איצט מיין לעבען.

26

זאָג, פאַרוואָס מיר איז געקומען:
אין אַ שעהנעם טאָג
האָסטו ביי מיר צוגענומען
אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג.

כ׳האָב איין האַרץ אוועק צו געבען,
ס׳איז געוועזען פריי,
כ׳האָב געהיט עס, ווי מיין לעבען,
אמת און געטריי.

כ׳האָב געהאַלטען עס פאַר יענער
העלדין פון מיין טרוים,
עדלער ז׳איז פאַר דיר און שעהנער,
ביסט איהר שאָטען קוים.

האָב געלאָזט איך שטיל עס בליהען,
צוגעגרייט פאַר איהר,
ביסט געקומען, האָסט׳ס אָהן מיהען
צוגענומען דיר.

27

הויך איך ווען מיין לעצטען אָטעם,
פיהל איך שוואַך און מילד,
שוועבט מיר פאַר די טונקלע אויגען
אויף דיין ליבליך בילד.

שמייכעל זיס איך אין ענטציקונג
און איך פיהל קיין פיין.
טראָג איך דאַן מיין מילדען שמייכעל
מיט אין גרוב אַריין.

28

איך וויל קאַרגען מיט די ווערטער
און ניט רעדען מעהר,
רעד איך אַלץ פון אונזער ליעבע,
ווערט זי ביליגער.

איך וויל אָנהויבען צו שווייגען
שטיל אין איינעם פאָרט,
וויל איך זאָגען, ווי איך ליב דיך,
מאַט קלינגט יעדעס וואָרט.

דרום, געליעבטע, זיי מיר מוחל,
נעם מיין שווייגען, נעם,
כ׳פיהל, אַז זאָגען דיר מיט ווערטער
איז מחלל שם.

29

וואָלט אַ קול געהאַט, וואָלט איך
הויך און שאַלענד זינגען,
דען מיין האַרץ אין מיר, איך פיהל,
האַלט איצט אין צעשפּרינגען.

איך וואָלט זינגען אָהן אַן ענד,
זינגען, טאַנצען, שפּילען,
אפשר וועט דער שטורם אין האַרץ
ביסלאַכווייז זיך שטילען.

30

כ׳קען ניט זאָגען, וואָס איך פיהל,
ווייל מיר ווערטער פעהלען,
כ׳קען אויף דיר מיין צאַרטססטען בליק
שוויינענדיג נאָר שטעלען.

ער וועט שליחות פון מיין האַרץ
שטיל צום האַרץ דיר טראָגען.
ניין, איך דאַרף קיין ווערטער ניט,
ער וועט אַלעס זאָגען.

31

איז דאָס אַלעס, זאָג, אַן אמת,
האַלט איך נאָר אין טרוימען?
זאָג מיר, כ׳וועל ערוואַכען אום
ניט דעם טאָג פאַרזוימען.

האָב איך נאָר געחלומט פון
דיר און דיינע אויגען
און האָט מיך אַ שאָטען-בילד
יעמערליך באַטרויגען?

32

ווייסט, געליעבטע, אַז מיך אַרט ניט,
ווי דו פיהלסט צו מיר,
אַזוי לאַנג ווי איך האָב שטענדיג,
שטענדיג דיך ביי מיר?

מעגסט אפילו ליעבען אַנדרע,
גאָר ניט ליעבען מיך,
איך וויל גאָרניט, איינס פאַרלאַנג איך:
ליבען, ליבען דיך!

33

אויפגעהערט האָסטו צו זינגען —
וואָס האָט דיך דאָצו געטריבען?
— פרעגסטו מיך נאַאיוו, ווען ד ו האָסט
אויפגעהערט מיך שוין צו ליבען.

אָנגעריהרט מיט הויך, מיט קאַלטען,
האָסטו מיך, מיין האַרץ פאַרקיהלט,
איצטער שווייגט זיין רעזאָנאַטאָר,
פּאָעזיע, ז'איז איינגעשטילט.

דריק מיך ווידער צו צום האַרצען,
ליבסט, געליבטע, דו מיך ווידער,
ווי ניי־באַפייכטע, טרוקנע בלומען
בליהען אויף צוריק די לידער.

34

זאָלסט אַזוי ניט לאַכען, קינד,
מיר ווערט גאַליג־ביטער,
עס פערלעהמט מיר גאַנץ דאָס האַרץ,
און פון שרעק איך ציטער.

ס'איז אַ הוילקייט אין דיין לאַך,
וואָס מיר איז געפעהרליך.
לאַך אַזוי ניט! קענסטו, קינד,
אמת לאַך און ערליך.

ווי דו האָסט געלאַכט אַמאָל,
ווען האָסט מיך אומאַרימט,
ווען צום ערשטן מאָל אונז האָט
ליעבע־זון דורכוואַרימט.

איצט, איך זעה, זי שיינט ניט מעהר
אין דיין האַרץ דעם שוואַכען,
אפשר ווייל דו ליעבסט ניט מעהר,
קענסטו מעהר ניט לאַכן?

35

קאַלט איז דרויסען איז געוואָרען,
ווינד און שנעע און אייז.
בלאָזט דער ווינד אין האַרץ אַריין דיר
שנעען הויפען־ווייז.

הויבט אַ קעלט אין דיר צו וועהען,
פרירט, וואָס וואַרם און מילד.
אייז קאַלט ווערען די געפיהלען,
ליבע ווערט פאַרקיהלט.

שווִעבען טונקלע כמאַרעס דרויסען,
דריגגען כמאַרעס שוואַרץ;
דרויסען אַלעס קאַלט, פאַרפרוירען,
אייז באַדעקט דיין האַרץ.

36

„זעה, וואָס טראָגסטו זעלכע קליידער,
אויך דיין הוט איז ניט קיין גלייכער.
פוץ זיך, קלייד זיך עפּעס שעהנער,
ווייז זיך אויס פאַר עפּעס רייכער.

ווי דו האַלטסט דיך עפּעס מאָדנע,
ווי האָסט דיר די האָר געשוירען? —"
אַזוי קריטיקירסטו, ווייל דו
האָסט דיין ליעבע אָנגעווירען.

דו, געליעבטע, זעה, מיך אַרט ניט,
זאָלסט אין טראַנטעס דיך פאַרצירען.
זאָלסט די האָאָר דיר שלעכט פאַרקעמען,
און מיט שטויב דיך גאַנץ פאַרשמירען.

איך בין בלינד, ווען דו ביסט מיט מיר,
כ׳זעע דיך אויף מיין שויס אַנידער.
זיסע לוסט פליעסט דורך די אָדערן
און איך זינג די שעהנסטע ליעדער.

37

זאָל איך אויף אַ רגע מיך
טייערסטע, אָפּשטעלען,
זאָל איך איינהאַלטען מיין גייסט
איצט, דעם פונקען־שנעלען?

זאָל ער דורכגעהן, וואָס ער האָט
דיר ביז איצט געזונגען,
זאָל ער שוועבען אויף אַ ווייל
אין דערינערונגען?

ס׳שטעלט דער פויגעל זיך ניט אָפּ
זיינע ליעדער ציילען.
כ׳קען ניט, איך זאָל וועלען אויך,
אויף אַ רגע ווייילען.

38

אַל די פרייד אין מיר,
וואָס האָט זיך ענטפּלעקט
אין די זוניגע שטונדען
און צום „זיין" געוועקט,

וואָס האָט זיך צוגאָסען
אין מיין זודיג בלוט,
אויפגעפלאַמט מיין האַרץ האָט
ניי מיט לעבענס־מוט;

אַל די פרייד איז טויט איצט:
געבלאָזען האָט אַ ווינד,
דאָס האַרץ האָט אויפגעשוידערט,
אַוועק איז פרייד געשווינד.

39

אַל מיין שמערץ אין מיר,
וואָס איך האָב געליבט,
שטענדיק האָט געגלעט מיך,
יאָמערנדיג, פאַרטריבט,

וואָס מיך האָט געאײדעלט,
און אין שטיל געװײן
האָט אַרײנגעגאָסען
זאַנפטען, צאַרטען חן.

אַל דער שמערץ איז טויט איצט.
געקוקט האָסט אויף מיר, קינד,
מײן האַרץ האָט אויפגעציטערט,
אַוועק איז שמערץ געשווינד.

40

דו, פרייד, וואָס האָסט געוויגט מיך
און ביסט שוין לאַנג אַוועק,
איך זוך דיך, קום, פיל אָן
מײן האַרץ מיט ליכט אָהן ברעג.

דו שמערץ, וואָס האָסט געטרייסט מיך,
דאָס לעבען ליעב געמאַכט,
קום איצט און טרייסט מיך ווידער,
ברענג ווייכע, וואַרימע נאַכט.

ווייל כ׳האָב קיין פרייד, קיין שמערץ איצט,
אין האַרץ איז טויט און שטיל,
און גאָרניט קען עס וועקען,
קיין בענקשאַפט, קיין געפיהל.

אין האַרץ איז בין־השמשות,
אַ כמאַרע הילט עס איין,
צי צאַנקט עס נאָך, צי לעבט עס,
דאָס וויים עס נישט אַליין.

41

איז דאָס מעגליך, איז דאָס מעגליך,
ווי איז עס געשען?
אַזוי אויפגערעגט, ווי איצטער,
בין איך ניט געווען.

כ׳בין אַן אַנדרער מענש געוואָרען,
דו האָסט מיך פֿאַרפֿיהרט,
כ׳האָב געהאַט אַ קאָפּ אַ קלאָרען —
דו האָסט איהם פֿאַרווירט.

וואָלט מיר אימיצער געזאָגט ווען:
איך וועל זיין אַט דאָס,
וואָלט איך אויף איהם שפּאָט געהויפּט נאָר,
געלאַכט אָהן אַ פֿאַרוואָס.

„ווילסט צוריק זיין ווי געוועזען?"
לאַכענד האָסט געפֿרעגט.
אַך, וואָס רעד איך? ניין, געליעבטע,
כ׳וויל זיין אויפגערעגט.

42

כ׳האָב מיין גליק געזוכט און דאָך
ניט געקענט געפינען.
כ׳ווייס ניט, ווי ס׳וועט אויסזעהן, ווען
איך וועל זיין דאַרינען.

כ׳האָב דערזעהן דיך, הויב איך אָן
עפּעס אַנדערש פיהלען.
איז דאָס גליק און אפשר נישט?
— כ׳צווייפעל אַלץ אין שטילען.

43

זעה, איך האָס דיך, ווייל איך ליעב דיך,
האָסט גע׳גזל׳ט מיר מיין רוה.
אַלעס האָסט פון האַרץ פאַרשטויסען,
ברייט באַזעצט זיך דאָרט האָסט דו.

שטענדיג האָט מיין האַרץ זיך צווישען
זאַכען טויזענטער פאַרטיילט,
היינט, היינט ווייס עס מעהר פון גאָרניט,
אימערצו ביי דיר עס ווײַלט.

44

וועז כ׳האָב איינמאָל אין דער ליבע
ביטער מיך געגאַרט,
כ׳האָב געשוואוירען: זאָל מיין האַרץ זיין
שטענדיג טעמפּ און האַרט!

וויסען זאָל עס פון דער ליבע׳ס
סם און וויין ניט מעהר!
לאַנגזאַם איז אין מיר געשטאָרבען
יעדוועדער באַגעהר.

45

שטייב־האַרט איז דאָס האַרץ געוואָרען,
אייז־קאַלט, ווי דער טויט,
האָסט געשטראַהלט דאַרויף — און פּלוצים
האָט עס אויפגעטהויט.

איך האָב מורא דיך צו זעהען,
טאָמער וועט וואָס שלעכטס געשעהען:
כ׳וועל דיך קושען און דערינען
כ׳וועל פון גליק אַראָפּ פון זינען.

איך האָב מורא דיך צו זעהען,
טאָמער וועט וואָס שלעכטס געשעען:
ס׳וועט דער ליעבע־טרוים צורינען,
כ׳וועל פון צער אַראָפּ פון זינען.

46

היינט קום, ליעבסטע, כ׳וויל דיך דריקען,
צו דער ברוסט דיך דריקען הייס,
ביז אין איביגסטען ענטציקען
וועסטו ווערען קאַליך־ווייס
און וועסט אויף מיין ברוסט דערשטיקען.

הייגט קום, ליעבסטע, וועסט זיך בויגען,
אָן צו מיר, מיך קושען ווילד,
טרעהרען נעצען מיר די אויגען,
מיר ווערט גוט און אַזוי מילד —
מיין נשמה וועסט אויסזויגען.

47

כ׳האָב דיך אויף איין באַק געקושט איצט,
צעהן מאָל האָט מיין קוש געברענט זי,
איך מוז איצט פון יושר וועגען
נאָך צעהן אויף דער אַנדרער געבען.

אַך, איך האָב געמאַכט אַ טעות
און איין קושען מיך פאַררעכענט,
איצט מוז איך צום גלייכען חשבון,
אויף דער ערשטער באַק דיך קושען.

אוי, כ׳וועל ווידער מיך פאַררעכנען,
ווייסט, געליעבטע, כ׳וועל ניט ציילען:
כ׳וועל דיך קושען אַזוי לאַנג, ווי
ס׳וועט אין מיר נאָך כחות בלייבען.

48

האָסט שוין אַלע ליעבעס־טענער
זיכער אויסגעפרופט,
אויסגעזונגען ווערט די שטימע,
וואָס אָהן אויפהער רופט.

ניין, געליעבטע, קענסט מיין האַרץ ניט,
ס׳איז אַן אינסטרומענט
שוואַך און איידעל, אָהן פיעל סטרונעס,
דאָך אין גוטע הענט.

ליעבע, דער אימפּראָוויזאַטאָר,
שפּיעלט דאָרט איצט קאָנצערט,
זינגט פון אַלע אירע טרוימען
און וואָס זי באַגעהרט.

פלעכט זי אויס די ווייניגע טענער,
פלעכט אין איינעם פּאַרט,
קלינגט אַרויס אַלמאָל אַ נייער
הערליכער אַקאָרד.

49

קאַלט אין דרויסען, שוואַרץ און טרויריג,
ס'וואָיעט אומעטיג דער ווינד,
זעץ זיך אויף מיין שויס, מיין טייערע,
קום אין מיינע אָרעמס, קינד.

טוליע צאַרט דיין לאָקיג קעפּעל,
טוליע, קינד מיינס, צו מיין האַרץ,
איך וועל גלעטען דיינע באַקען,
קוקען אין די אויגען שוואַרץ.

ווערסט די וואַר'מע הענטלעך לעגען
אויף מיין באַקען אַזוי ווייך,
איך וועל דיין נשמה זויגען
פון די ליפּלעך רויטליך־בלייך.

און ס'וועט שטיל זיין, שטיל אַרום אונז,
שאַ — קיין שאָרך אין גאַנצען הויז —
זשומען וועט, זיין היץ צעגיסענד,
קלוג דער קליינער אויוועז בלויז.

און ס'וועט לויכטען שטיל דאָס לעמפּעל
און וועט וואַרפען זאַנפט זיין שיין
דורך דעם ראָזאַ־מאַטען שירעם
אין דיין פּנים מילד אַריין.

איך וועל שעפּטשען אין די אויערן
זיסע סודות אַלערליי,
סודות, וואָס מיין האַרץ באַהאַלט טיעף,
סודות פיעלע, אַלט און ניי.

כ׳וועל מיין האַרץ פאַר דיר אַנטפּלעקן,
אַלץ, וואָס ווען געטרוימט עס האָט —
און וועל שעמעוודיג, ווי א מיידעל,
דיר פאַרטרוי׳ן מיין גרעסטען סוד:

דאָס איך ליעב דיך, ליעבסטע מיינע,
ווי ס׳האָט קיינער נאָך געליעבט.
וואָסער פרייד פילט איצט מיין האַרץ אויס,
וואָס געווען איז אָפט באַטריבט!

כ׳וועל דאָס אין אַזוי פיעל ווערטער
ניט דערצעהלען קענען, קינד!
ס׳וועל׳ן די ליפען שטיל אויפציטערן,
וועסט דערוויסען אַלץ געשווינד.

שטיל וועט ווערען אויף אַ ווײלע,
ס׳וועט אַ פּחד נעמען דיך,
וועסט זיך טיעפער צו מיר טוליען,
וועסט אומאַרמען פעסטער מיך.

און כ׳וועל ווייטער שעפּטשען בעמען
פון אַ גרויסען, גרויסען שלאָס;
איך בין פרינץ און דו — פרינצעסין,
דו אין זייד, איך — „הויך צו ראָס”.

ווינקסט מיר צאַרט פון הויכען פענסטער
מיט דיין איידעל-ווייסער האַנד,
כ׳שיק אַ גרוס דיר פון טרומייטער
און רייט פלינק אין ווייטען לאַנד.

און שטייג אָפּ דאָרט ביי דעם טייבעל,
רייס די שעהנסטע בלום דאָרט אויס,
פליה צוריק פלינק אויף מיין פערדעל,
לעג די בלום דיר אין דיין שויס.

איך דערצעהל, דו ווערסט אַנטשלאָפען,
בויגסט דיין קעפעל מיר צוריק,
דו דריקסט צו די אויגען־ברעמען
און ס׳פאַרמאַכט זיך שלאָף דיין בליק.

און איך שעפטש אַלץ שטילער, שטילער,
ס׳בויגט מיין קאָפּ זיך אויך צוריק,
און איך שטאַמעל אויס די ווערטער
פון מיין גרויסען, גרויסען גליק.

ס׳פעכעלט מיך דיין צאַרטער אָטעם,
וואַרעם — ווייך און ריטמיש־פיין,
אויף דיין זיידען־ווייסען אָרים,
ליעבסטע, דרעמעל איך אויך איין.

און די האָאָר צולאָזען צאַרט זיך,
שטיפען אויף מיין פנים ווילד,
און איך שמייכעל אין מיין דרעמעל,
שמייכעל אַזוי גליקליך־מילד.

און דאָס לעמפּעל געהט אויס שטיל זיך,
און פאַרלאָשען ווערט זיין שיין,
און דער אויוועז הערט אויף גליהען,
שטעלט זיין אייבזאַם זשומען איין.

אין די שאָטענס, וואָס אַרום אונז,
הערט דאָס וואָרט זיך אייביג־ניי:
גליקליך ווען איין האַרץ געוואָרען
זיינען ליבע הערצער צוויי.

אנדערע לידער

צו רומעניען

דו צאַפּעלסט, רומעניען, אָה, צאַפּעל זיך ווייטער.
דו עלענדע, האָסט אונז אָהן רחמים געשטיקט,
אַ פּאָלקסשטאַם אַ שוואַכען, וואָס דיר אונטערלעגען,
איצט האָט דיך אַ שטאַרקערענס קנאַפּעל צערדריקט.

אָה, שוואַך האָט די האַנד צו א פויסט אַלץ געדריקט זיך
נקמה, כאָטש הילפלאָז, דאָס האַרץ האָט באַגעהרט.
שפוך חמתך! נאָר דאָס האָט די ליפּ געקאָנט שעפּטשען,
איצט האָט אונז דער הימעל דער גרויסער דערהערט.

מיר האָבען געשוואוירען דיך האַסען: האַס! האַס!
אַן אייביגען, אומגעשטילט־שרעקליכען האַס!
איצט שפּרינגט אונז פון פרייד אונזער האַרץ אין דער ברוסט,
פון גליק, פון נקמה דאָס אויג איז אונז נאַס!

מיר האָבען די ציינער אין די ליפּען געגראָבען,
געשוויגען אָהן האָפנונג, דער האַס האָט געברענט,
דיין טאָג איז געקומען, דיין בראָך איז געקומען,
איצט ווערסטו פאַרטיליגט, צעטראָטען, פאַרלענדט!

אונזער פרייד האָט קיין גרעניץ, שרייט מעכטיג פון האַרצען,
דער האַס ווערט געזעטיגט, דער וואונש איז געשעהן!
מוזט צאַפּלען זיך, גוסס'ן, בלוטען, פאַרשמאַכטען;
אַזוי זאָל'ן מיר אַנדערע שונאים שוין זעהן!

דער טייפעל לאַכט

אין דעם בראַנד פון דעם פייער, די טייכען פון בלוט,
דורכשטאָכען דורך שווערד און דערמוטשעט דורך רוט,
דו צאַפּעלסט זיך, פאָלק, ליגסט אין העלישער מאַכט —
און דער טייוועל, ער שטעהט און פאַרקרימט זיך און לאַכט...
און ער קוקט אויף דיין גורל און ס'דאַכט איהם אַ שפּאַס,
אַ שרעקליך אונזיניגער, בלוטיגער שפּאַס
דאָס ביזטו מיין פאָלק, וואָס דיין גאָט האָט געוועהלט
אַריינוואַרפען דיך אין ווירוואַר פון דער וועלט
פאַר זיין אייגענער הנאה — א טייוועל'דיג שפּיעל,
וואָס דויערט פיעל יאָהרען, וועט דויערן נאָך פיעל...
און דער טייוועל ער לאַכט און ער רייבט זיך די הענד.
אַזוי טייווליש צו שפּאַסען וואָלט ע ר נישט געקענט!
און ער לאָזט פאַר די אויגען פאַרבייגעהן דאָס בילד,
דאָס אין טרעהרען דורכווייקטע און בלוטיגע בילד,
פון דיין גורל — גאָט'ס שפּאַס — און ער לאַכט און ווילד.
און ער זעהט דיך אין אָנהויב, איין איינציקן מאַן,
וואָס פער'שיכור'ט פון גאָט־געדאַנק ווערט און ווי דאַן
געהט אַרויס פון זיין היים, ווערט פאַרוואָגעלט ווייט, ווייט
(פון דעם גורל האָסט, פאָלק מיינס, זיך קיינמאָל געשיידט!)
און ווערט אויסגעפּרוווט ביטער אין שרעק און אין לייד
פון זיין גאָט ביי זיין איינציגער טרייסט, ביי זיין קינד.
דאַן, ווען עס וואַקסט אונטער דאָס קליינע געזינד,
און דו ביזט אַ הייפעלע, זיבעציג מאַן,
מיט אַ ווינציג פערמעג און אַ קליינעם געשפּאַן,
דאַן טרייבט דיך דער הונגער אַרויס פון דיין היים
און דו קומסט קיין מצרים — צו ציגעל און ליים,
און דו ווערסט דאָרט דערנידערט, דיין כבוד — פערשוועכט
און דער גאָט, דיין בעשעפער, איז אַלץ נאָך גערעכט,
האָט נאָך טענות צו דיר... דאָך ער טרייסט דיך, אַז גוט
וועט זיין אַלעס און אַלץ און דו — טונקסט זיך אין בלוט!
ער דערמאָנט אין זיין צוזאָג — דיין צאָהל וועט זיין מעהר
ווי די שטערען אין הימעל, דער זאַמד ביי דעם מעער!
— מעהר צו ליידען און צאַפּלען זיך, מעהר וועט זיין, מעהר! —
און אָנשטאָט זאָלסט שטאַרבען ביים ביטערען ברויט,
און זאָלסט איין מאָל אויף שטענדיג דערלעבען דיין טויט.

און די קורצע טראַגעדיע זאָל האָבען איהר סוף,
רוימט ער איין דיר אין אויער פערפיהרעריש: האָף!
עס וועט קומען דער טאָג, דער דערוואַרטעטער טאָג,
און כ'וועל אויסלייזען דיך פון דיין צער און דיין פּלאָג,
און וועסט זיין אַזוי גרויס און וועסט זיין אַזוי שטאַרק,
ווי די צעדער וואָס שטאָלץ, ווי אַ מעכטיגער באַרג,
און ס'וועט גרייכען דיין שם ביז'ן עק פון דער וועלט...
און דו געהסט און שלאָגסט אויף אינ'ם מדבר ס'געצעלט
און דו הונגערסט און דורשסט און דו פאָלגסט אים נאָך בלינד
און עס פאַלט מיד דיין ווייב, שטאַרבט פון הונגער דיין קינד
און דו פאַלסט אויך אַ מידער און ס'בלייכט דיין געביין
אין דער ברענענדער זון, ביי שאַקאַלען-געוויין.
און דו געהסט אַלץ, און געהסט אַלץ, צובלוטיגט, פערצעהרט,
אַהין וואו ס'האָט דיר גאָט יעהאָווא בעשעערט,
וואו דו האָסט געבענקט, האָסט פערצווייפעלט בעגעהרט.
דו קומסט אָן צום ציעל, ס'איז דער איינגאַנג פערוועהרט
און דו צווינגסט דיר דעם איינגאַנג מיט שפּיעז און מיט שווערט!
און מיט שפּיעז און מיט שווערט שטעהסטו אָנגעגורט אַלץ,
און דו טרינקסט זיך אין זידענדען בלוט ביז צום האַלז
צו בעזיעגען און האַלטען דיין צוגעזאָגט לאַנד.
קוים האָסטו דערגרייכט דאָס, דערפאַכטען דיין שטאַנד,
צעטהיילסט זיך, צעפּיצעלסט צו לייד און צו וועה
אויף פעלקערלאַך קליינע, אויף פעלקערלאַך צוויי,
און די זון פון דעם פריעדען שיינט קיינמאָל אויף זיי,
ביז עס פאַלען צוויי וועלף אין דיין לענדעל אַריין
און זיי שלינגען אייך, נאַרישע פעלקערלאַך, איין.
וואָלט גענוג אפשר זיין? וועט שוין קומען דער סוף?
אָבער זעה וואָס דיין גאָט, גאָט יעהאָווא טהוט דרויף!
ער האָט, דער אַלמעכטיגער, גרויסער, דערפילט,
אַז דער שפּאַס איז נאָך ווייט ביט צו ענדע געשפּיעלט;
ער וועט לאָזען דיך צאַפּלען נאָך, צאַפּלען זיך לאַנג;
עס טוהט איהם פאַר זיין שפּאַס, פאַר זיין קאָמישען, באַנג!
ווי שפּאַסיג, אַז ס'מוטשעט זיך, פייניגט אַ פאָלק
— זיין צום ליידען געקליבען און אויסדערוועהלט פאָלק! —
אָהן אַ צוועק, אָהן פאַרוואָס, אָהן אַ זין, אָהן אַ טאָלק!
עס איז דאָך צום לאַכען!... (דער טייוועל לאַכט הויך.) —
דען דער גאָט, וואָס געוואוינט איז צו רינדער-פליישרויך

קען פערטראָגען אַלס קרבן אַ פאָלק, אַ גאַנץ, אויך!
און פערזינקען דאָן טהוט ער א טהייל פון דיין שטאַם
אין דעם קעסעל פון פעלקער, דעם צעהרענדען פלאַם
און ער רעטעט אַרויס פון די פלאַמען אַ טהייל,
דעם „שאר־ישוב״, דעם עלענדען, גיט אויף אַ ווייל
די חרוב׳ע היים איהם צוריק אין דער האַנד,
און ער בויט אויף אין טרעהרען און בלוט זיך זיין לאַנד,
און ווייטער אַלץ קעמפּפט ער אין דרוק און אין נויט
ביז א שווערע פערוויסטונג ברענגט נאָהנט אים צום טויט;
אין אַ קאַמפּף מיט דעם רויבער, וואָס הערשט אויף דער וועלט,
זעהסטו, שווער־געפּרואַפּט פאָלק, דיך מיט איינמאָל געשטעלט.
און ווייטער אלץ בלוטיגסטו שרעקליך, אָהן ענד,
אין טייכען דיין בלוט רינט, דיין קראַפט ווערט פערשווענדט.
אַט גוסס׳טו איצט — וועט אַ סוף דאָס שוין זיין,
אַ סוף צו דיין מוטשען, אַ סוף צו דיין פּיין?
דאָך ס׳האָט אָנגעשיקט גאָט באַלזאַמירער אויף דיר,
וואָס האָבען מיט פּאַרמעט, מיט שמות, פּאַפּיער
דיך איינבאַלזאַמירט און דיך איינבאַדאַזשירט
מיט געזעצען אָהן צאָהל — סייג לתורה׳ס, פערפיהרט
פון דעם וועג פון דערלייכטערונג, רוה און פון טויט
צו דעם וועג פון לעבען, פון מוטשעניש, נויט.
צוריסען דיין פלייש, און דיין קערפּער א י י ן וואונד,
און דעם כוס פון די ליידען געזופּט ביז׳ן עק
און דיין רוקען צעבראָכען, דאָך מיט מוטה אָהן אַ ברעג
און לייד־דורשטיג טרעטסטו אַרויף אויף דעם וועג.
ס׳איז נאָך ניט געקומען, געקומען דיין צייט
און דו, פאָלק, אומגליקליכס, לייד ווייטער אַלץ, לייד!
און דו געהסט — און ער טרייבט צו די פיינד דיך אין מיט
און זיי קוועהלען דיך ווייטער אויף שריט און אויף טריט.
אין אַלע פיער עקען צוזייט ביזט, צושפּרייט,
און עס בויגט דיך דער קומער, דערשלאָגט דיך דיין לייד,
און דער סוף, דער געבענשטער, איז ווייט נאָך, אַלץ ווייט!
און דו ליידסט, נאַריש פאָלק, ווייל דיין גאָט אזוי הייסט
און דו ליידסט אַלץ און ליידסט אַלץ, און וואָס איז דיין טרייסט?
גלאַט־צונגיקע טרייסטען דיך אין איינעם פאָרט,
אַז דאָס געהסטו „גאָט׳ס פאָלק״ עס פערשפּרייטע גאָט׳ס וואָרט!
(פערוואָגעלט, געטריבען פון אָרט ביז צו אָרט!)

האָסט אַ וועלט, אַ פערווילדעטע, מענשליך געמאַכט!
(פאַראַכט און בעשפּיגען, געשענדט און פערלאַכט!)
האָסט בעלויכטען אַ וועלט! (לעבסט אַליין אין דער נאַכט!)
באַלד, באַלד קומט אַן ענד צו די ליידען, באַלד, שוין,
און עס וועט יעדע טרעהר זיין אַ פּערל אין דיין קרוין!
(נאָכדעם ווי וועסט שטאַרבען, וועט דאָס זיין דיין לוין!)
יעדער טראָפּען פון בלוט פאַרבט אַ רויז אין דיין קראַנץ,
דרום ווייטער געה, פאָלק, גאָט'ס וואָרט געה פערפלאַנץ!
(שפּרינג ווייטער אַריין אין דעם העלישען טאַנץ!)
און אַז דו וועסט האָבען דערפילט דאָן דיין חוב,
וועט קומען צום לעבען און ליידען אַ סוף
(צו שטאַרבען אין שאַנד! — האָסט געליטען דאַרויף!)
און דער טויט וועט אומפלאַטערן דיין טרויער־געשטאַלט!
(אַ גבור־פאָלק עלענד פערשווינדט און פערפאַלט!)
כאַ, כאַ! לאַכט דער טייוועל, זיין לאַכען הויך שאַלט:
ווילסט ווערען בעפרייט פון דיין לייד אַזוי באַלד?
כאַ, כאַ! מיינסט אַרויסגעהן פון יעהאָוואַ'ס געוואַלט?
גאָט יעהאָוואַ איז גרויס, ער איז וואונדערליך גרויס
און גרויס איז זיין שפּאַס, כאָטש אַ שפּאַס איז עס בלויז.
און וויל גרויס איז דער שפּאַס, איז ער לאַנג נאָך נישט אויס!
דו וועסט ליידען נאָך, צאַפּלען זיך, ליידען אַ סך,
מאַרטירער־פאָלק, „גאָט'ס־פאָלק", ווי קליין און ווי שוואַך,
אָהן האפט און אָהן וואָרצעל, אָהן לאַנד און אָהן שפּראַך!
פער'עקשנ'ט, פער'שיכור'ט אַלץ אין איין געדאַנק,
וועסט געהען ווי שטענדיג דיין איינזאַמען גאַנג,
צעוועהטאָגט דיין לייב און פער'חלשט און קראַנק,
פערוואָגעלט, פערשטויסען וועסט וואַנדערן לאַנג,
דיין בעסטס ניט פאַר דיר — דיר נאָר שאַנדע און שפּאָט,
דען דו ביסט אַ קרבן, אַ קרבן צו גאָט!
דרום צאַפּעל זיך ווייטער אין נויט און אין שרעק
אָהן זין, אָהן פּאַרוואָס, אָהן אַ נוץ, אָהן אַ צוועק,
און וואַנדער די וועלט דורך פון עק ביז צו עק
און וואַנדער און לייד ביז צום ענד פון די טעג!
כאַ, כאַ, כאַ! כאַ, כאַ, כאַ!
ניו יאָרק, אין שרעקענס־יאָהר תרע"ד־תרע"ה. — (1914־15)

באַלאַדע
(פּראָנצויזישע פאָרם)

געבענקט האָב איך שטאַרק און געהאָפט אַזוי זיס,
אין דער ברוסט איז געוואַקסען דער טרוים אַזוי גרויס,
אַז געהיילט וועט ווען ווערען אין האַרצען דער ריס,
מיך וועט ליבע פאַרוויגען אין טרייסט אויף איר שויס,
אַז דער נאָגענדער דרוק וועט פון האַרצען אַרויס
און זיין אָרט וועט פאַרנעמען איין זוניג געזאַנג.
דאָך מיין האָפען איז טויט און מיין בענקען איז אויס,
און מיין האַרץ איז צוועהטאָגט און טרויריג און קראַנק.

האָט איין קליינטשיגער שטראַהל זיך געריסען אַריין
אין דער ברוסט. האָט די האָפנונג מיך שיכור געמאַכט,
האָט דאָס האַרץ זיך ראַנגלענדיג שווער אין זיין פּיין,
מיט אַ זודיגען לאַך פון באַפרייאונג צולאַכט:
געבראָכען דער יאוש און אויס איז די נאַכט!
כ'האָב געקלאַמערט זיך פעסט אָן מיין אָר'מען פאַרלאַנג,
ס'האָט די רגע די צווייטע מעהר יאוש געבראַכט,
און מיין האַרץ איז צוועהטאָגט און טרויריג און קראַנק.

ס'האָט מיין דמיון, מיין ארימער, אָפּט מיך געבלענדט
און מיין האַרץ האָט, מיין נאַריש, איהם קיינמאָל פאַרוועהרט.
איצט טויט איז מיין דמיון, זיין קראַפט שוין פאַרשווענדט
און לאַנגזאַם דער יאוש מיין לעבען פאַרצעהרט,
און טויט, טויט איז אלעס, וואָס איך האָב באַגעהרט,
איין פראַגע נאָר עגבערט מיין מח: ווי לאַנג?
ווי לאַנג איז דאָס גרויזאַמע ראַנגלען באַשעהרט?
און מיין האַרץ איז צוועהטאָגט און טרויריג און קראַנק.

ל'ענוואָי *)

אַ גאָט! ס'וועט די ליעבע ניט וואַרמען מיין האַרץ,
דען מיין האַרץ איז איצט אַלט שוין און טויט איז דער דראַנג,
און פוסט אַלץ אַרום מיר און טעמפּ איז און שוואַרץ,
און מיין האַרץ איז צוועהטאָגט און טרויריג און קראַנק.

---

*) ווידמונג: אין אַ פראַנצויזישער באַלאַדע איז די ווידמונג געווען צו'ן אַ פּרינץ.

וואָס איז דאָס לעבען?

1

טעמפּ אויפצוואַכען, אומבאַוואוסט פאַרלוירען
אין טונקעלען צער, וואָס וועט ווי דו געדויערן —
איז דאָס געבוירען?

דעם טויט זיך נעהנטערנדיג, בלינד פאַרווערטס ציהען,
איינזאַפּען האַלב פאַרשטאַנען פרייד און מיהען —
איז דאָס בליהען?

אַ פוסטער רויש פון תאוות אַלץ געטריבען,
באַלד נאַרט ער דיך, באַלד ווערט צו שטויב צוריבען —
איז דאָס ליבען?

א זיך־פאַרלירען, וואָס נאָך איבערפלוס
אַלץ בענקט, געהט אויף נאָר אין פערדרוס —
איז דאָס גענוס?

אַוועק דער צער, וואָס האָט דיך לאַנג באַזעסען,
דערוויל אין אויג די אַלטע טרעהרען פרעסען —
איז דאָס פאַרגעסען?

פון נאָבלער שאַפונג זיין די קליינע אַפּען
און טרייבען פורציע־שטיק פאַר די, וואָס גאַפען, —
איז דאָס שאַפען?

אַ פוסטער קלאַנג דיין נאָמען טראָגט אַרום,
דום לאַכט דיך אויס, דום לויבט דאָס בירגערטום, —
איז דאָס דער רוהם?

דיין האַרץ צוריסען ווערט דיר שטיק נאָך שטיק,
גייט גאַנץ זיך אונטער, פאָדערסט גאָרניט צ׳ריק —
איז דאָס גליק?

די רגע דיך פאַרשיכורט, דאָך באַנייט,
וועקט אויף דיך אכזר׳דיק אַ שטאַרקער לייד —
איז דאָס די פרייד?

דיך קיינער, גאַרניט ריהרט, דיין האַרץ געשידען
פון פוסטען קאַמף, דעם לעבענס שטורמען, זידען —
איז דאָס דער פ ר י ד ע ן ?

דיך רופט פון קוים דורכפיהלטער פרייד און בויט
פאַרלאָזען וואָס אָהן זין האָסט אויפגעבויט, —
איז דאָס דער ט ו י ט ?

אָפזיין דיין צייט, אָהן רוה, אָהן צוועק אַלץ שטרעבען,
אין נעץ פערשטריקט, וואו טונקלע כוחות וועבען, —
איז דאָס דאָס ל ע ב ע ן ?

2

אין שווערער אַנגסט פרעג איך: צו וואָס טויג לעבען?
צו וואָס ביזט קוים עלענדער געגעבען?
אַ בת־קול ענטפערט ערענסט מיר: צ ו ש ט ר ע ב ע ן !

איך שטרעב, דאָך איז מיר גאָר נישט איצט געבליבען,
אין שטויב איז מיר מיין בענקעניש צוריבען;
איך פרעג אויפ׳ס ניי. ווייך קלינגט דאָס קול: צ ו ל י ב ע ן ;

איך וויג מיך איין אין לעבענסטרוים, דעם זיסען,
דאָך זעה איך איהם אין פוסטקייט באַלד צופליסען
איך פרעג: וואָס איצט? און פרעהליך הילכט: ג ע נ י ס ע ן !

און איך ווער באַלד אין פרייד פון צער צוגעסען,
דערזעה אַ תהום איך און דאָס האַרץ נעמט פרעסען,
איך פרעג און ציטער. ס׳שעפטשעט: זיך פ אַ ר ג ע ס ע ן !

איך בלייב נישט לאַנג פון מיר אַליין געשידען,
איך פרעג: וואָס נאָך בלייבט מיר, דעם לעבענסמידען?
דאָס קול רופט: זיי מיט וואָס דו האָסט צ ו פ ר י ד ע ן !

צופרידען מיט דעם לעבען, מיט דעם האַרבען?
צופרידען? — פרעג איך וואו עס הערשט בלויז דאַרבען?
אַ דומפּפער זיפץ באַלד ענטפערט: ש ט אַ ר ב ע ן !

ווינטער 1916

טריב און קאַלט און פינסטער־שוואַרץ,
בלייכע נעפּלען, נעץ און קויט,
פייכט דער ווינטער איבערן לאַנד,
פייכט דער הונגער און די נויט —
זאָגט אָן טויט.

בלוט די וועלט דאָרט ווייט, העט ווייט,
געהט מיט רויך איהר מיה אַוועק,
כאַפּט שגעון אַלץ אַרום,
וואַרפט אַלץ אין אַ ווילדען שרעק,
און קיין עק!

גרייכט דער אָפּקלאַנג דאָ אַהער,
טאָג צו טאָג און וואָך צו וואָך,
ברעכט דאָס האַרץ פון אומגליק זיך,
צאַפּלען מיר און שוידערן נאָך:
גרויס דער בראָך!

וועה און ווינד און חרוב אַלץ,
און קיין מלאך שעפּשעט: האָף...
וואָס וועט זיין, אָה, וואָס וועט זיין?
קומט צו אַלעם שוין דער סוף?
גרויס די שטראָף!

וועט זיין ליכטיג אויף דער וועלט,
האָפנונג — גרין, און מעהר ניט רויט?
פליהט די נאַכט אום אויף דער וועלט,
הונגער ברענגט זי, שרעק און נויט,
זאָגט אָן טויט!

אויף דער גרויסער גאַס

עס איז אַריין, איך ווייס ניט ווי, אַ פּיינער צער אין ברוסט
און רייצט און מוטשעט מיך, ווי ס׳רייצט אַן אומבאַקאַנטע לוסט,
וואָס גנב׳עט זיך אריין אין האַרץ, ווייסט ניט איהר אַנהויב, ענד,
און ווי אַ שטעכעדיג געוועקס עס שטעכט דיך און עס ברענט.
איך זוך באַפרידיגונג, וויל וויסען, וואו, פון וואַנען ס׳קומט
איך ווייס, אַז צוגעפיהרט צום קוואַל באַהאַלטענער צער פאַרשטומט
עס רייצט דער פּיינער צער, כ׳האָב ניט דעם שליסעל צו דעם קוואַל,
איך געה אַרויס באַטויבען איהם אין גרויסשטאָדט ליאַרם און שאַל.
איך געה אויף ווייטער גאַס אַרויס, וואָס ציהט זיך אָהן אַן עק,
און אין דעם גרויסען מענשען־שטראָם, וואָס שטראָמט פון ברעג צו ברעג
דעם שווארצען, ברויזענדיגען שטראָם, וואָס שטענדיג כוואליעט, ברויזט,
וואו טיף דער אומרוהה גייסט באַהאַלטען לויערט, קיינמאָל פויזט.
עס גיסט זיך אויס דער אומרוהה אין געדיכטען מענשען־שטראָם
עס זשומט און ליאַרעמט דאָרט, ווי ס׳ליאַרעמט אין אַ וואָלוולער קראָם.
דאָ אין אונזיניגען גערויש וועט זיין מיין צער פאַרשלעפּט,
וועט טרינקען זיך אין רעש, פון האַרץ זיין אויסגעוועבט.
און גאָרניט רייצט, ס׳קומט גאָרניט אומגעבעטען צו
אין האַרצען וועט צום סוף בלייבען לאַנג־געגאַרטע רוה.
איך געה ארויס און טראָג אין מיר דאָס בליהענדיגע לייד,
אַט באַלד זידט אויס דער סם זיך, אַה! און באַלד ווער איך באַפרייט!
איך פאַל אין רעכטען שטראָם אַריין, שטויס זיך אַהין, אַהער,
אומזיסט, ס׳איז פוסט ארום מיר, אַה! און דאָ אין האַרץ איז שווער.
כ׳האָב פאַלש געהאָפט, ווייל שטענדיג איבערן שטראָם פון אומרוה וועהט
דאָס אומדערבאַרימטע געשפּענסט: פאַרלאָזענע איינזאַמקייט.
זי שטיקט און דריגנט מיט פינגער ביינערנע אין ברוסט אַריין
און שנירט דעם שמערץ, וואָס וועבט זיך דאָרט, אַלץ פעסטער, שנירט
עס הילכט אום מיר די איינזאַמקייט און שטאַרקער בליהט מיין צער,
איך לויף אַרויס פון שטראָם אַוועק פון דעם נאָך וואָס איך גאַר,
די זיסע רוה, די האָב איך נישט און איך בין נישט באַפרייט
און טראָגען וועל איך אלץ אין מיר דאָס אומבאַקאַנטע לייד.

צו איהר

זי האָט צום האַרצען מיר געשריבען
און אויפגעבלאָזען אין מיין זעעל אַ פייער,
פון ווייטענס, אומגעזעהן איז זי געוואָרען טייער
און איינגעוואָרצעלט אין מיין האַרץ איז זי געבליבען.

און איך האָב אָנגעהויבען פון דער ווייטענס בענקען
און טראַכטען פיל פון איהר געשטאַלט און גארען.
און מורא האָבען פאַר די אמת׳ע געפאַהרען;
פון ווידער טרעפען זיך — וועט זי אַ בליק מיר שענקען?

וועט ניט די נאָהנטקייט — צו רעאַל — צערשטערען,
וואָס אין דער ווייט די פאַנטאַזיע טוט בויען?
זאָל איך דער רויער ווירקליכקייט געטרויען?
אויב ניט, וואָס וועט חלילה אויס מיר ווערען?

צו ליב איז זי פון ווייטען מיר געוואָרען.
נאָך איז דער גרונד ניט פעסט פון אָט דער ליבע.
אַ ווינטעל קען אַ ווייה טאָן, וואָלקענס טריבע;
צעפאַלען קען דאָס, וואָס איז צאַרט געבאָרען.

די איידלע פלאַנץ פון ליעבשאַפט קאָן פאַרוויאַנען:
ערשט קוים געפונען, ווידער שוין פאַרגאַנגען.
איך בין אין ספקות און אין ציטערניש געפאַנגען.
צו ביטער די ערפאַהרונג — כ׳וויל זי נישט דערמאָנען.

כ׳וויל אָבער זיך ניט נאַרען, כ׳וועל זיך טרייסטען,
אויב דאָס זאָל אויך פאַרגעהן — דער דראַנג, דאָס בענקען,
וועל איך זיך ווידער נעמען טרויערן קרענקען,
צי וועל איך זיך צו אָט אַזוינס דערדרייסטען?

כ׳וועל אויסגיסען מיין צער ווי ווען אַמאָל אין לידער
אויסליידיגען וועל איך מיין האַרץ, געהירען
כ׳וועל פון קאָשמאַר ניט לאָזען זיך פאַרפיהרען
כ׳וועל אויפריכטען דורך אייגנער קראַפט זיך ווידער.

און דאָך אַ ספק איז אין מיר: וועל איך דאָס קענען?
אויב אויס — און כ׳ציטער — איך וועל זיין פאַרלוירען —
עס לאַכט דער לץ אין מיר: „געניס, ווער ביי געבוירען,
פאַרגעס זיך — סיי ווי סיי וועסטו דאָך ברענען!״

בלעטער פאַלען...

בלעטער פאַלען, גאָלדנער רעגען,
פאַלען אויף דער ערד וואָס גיכער
און אַ גאַנצען טאָג זיי פאַלען,
דרעהן זיך שטום אַרום אין וויכער.

זאָגט פאַרוואָס שטאַרבט אָפּ די גלאָריע
פון דעם גרינעם לעבען?
ס׳איז מיין זעעל פאַרקניפּט מיט בלעטער
וואָס אין לופטען שוועבען.

ס׳האַרץ געווען מיינס גרין מיט האָפנונג,
ס׳האָט די ליבע עס גענאַרט,
אַ קאַלטער ווינד איז אָנגעלאָפען,
איצטער איז מיין האַרץ פאַרדאַרט.

כ׳קען נישט זיפצען, כ׳קען נישט וויינען,
ס׳איז אַ סוף צו די געזאַנגען,
וואָס ס׳וועט ווייטער זיין איך ווייס נישט,
ס׳האָט דער יאוש מיך געפאַנגען.

מיין ליד

זינגט אַ ליד אין האַרץ ביי מיר,
וויל מיין האַרץ צוגעהמען —
הויבט מיין אָרים, אָרים האַרץ
דריקען זיך און קלעמען.

רייסט זיך דורך דאָס ליד צום האַלדז
גרייכט ביז צו די ליפּען,
ציטערט עס ארויס פארשטיקט
אין א שטומען כליפּען.
דרינגט דאָס ליד ביז צו מיין אויג,
קען עס זיך ניט וועהרען,
שמעלצט דאָס ליד מיר אין מיין בליק
און צעפליסט אין טרעהרען.

רוה

כ'האָב אין אייזערנע טירען געקלאַפּט,
און די הענט זיך צעבלוט;
כ'האָב געפאָכטען מיט ווינד און מיט שפּריי
און אַליין זיך פאַרשפּאָט.
באַשער מיר איצט רוה.
נישט געפעכט, ניט געגלוסט,
נאָר רוה.
אַ באַרג געגען אַ ים
און אַ פעלז אין דער הויך אויפ'ן באַרג,
און אַ גראָזיגער טאָל אין דער נידער,
און הימעל אַ סך,
און ווייטקייט אַ סך,
און רוה,
און רוה.

א מעלאָדיע פון שובערט

(AVE MARIA)

פון דעם אָרקעסטער זיפצט אַ קלאַנג אַפּיער
וואָס קלינגט צוערשט ווי שטיל, פאַרשטיקט אַ כליפּען,
גלייך צער וואָלט אָנגעזאַפּט זיך אָהן א שיעור
און וואָלט דיר שטום געציטערט אויף די ליפּען
און זיך אָהן טאָן אַרויסגעהויכט פון דיר.

און ווי אַ זינדער וואָס דערצעהלט זיין זינד,
און ס'קלאַפּט דאָס האַרץ און ס'ציטערן די גלידער,
רעדט קלאָגענדיג דאָס מוזיק־שטיק אַצינד,
און ס'טראָגט דער טאָן זיך אומעדיגער, מידער,
וויינט שטיל, חרטה'דיג שוין ווי אַ קינד...

און ס'ווערט צערקרוכעט — ווייכער דאָס געבעט,
און ס'מישט אַ פאָרוואורף זיך אַריין אין קלאָגען,
און שטיל ארום אַ טונקלער אומעט וועהט
און וועקט אין האַרצען אויף דאָס שטומע נאָגען,
וואָס פילט ביי נעילה זיך, אין אָבענד, שפּעט:

דער טאָג צאַנקט אויס, די זון שלאָגט זיך מיט נאַכט,
דער בונטער הימעל פאַרבט זיך אויף די שויבען,
פון פאַסטען מיעד, נאָך דער געפּיהלען־שלאַכט,
די קוקסט בעפרייט און רעזיגנירט נאָך אויבען,
פּיהלסט גליקליך זיך ווי איינער וואָס פערשמאַכט.

זי שפּילט

זי שפּילט, איך שוויַיג, דריק האַלב די אויגען צו
און בויג דעם מידען קאָפּ אַלץ טיפער איַין
און וואונדערבאַר אַריַין שטראָמט איצט די רוה,
געטראָגען פון דעם בלאַסען זונענשיַין,
וואָס צאַנקט אַצינד צום וויַיטען מעריב צו.

די שוואַכע שטראַהלען ציטערן אום איהר קאָפּ
און לאַנגע שאָטענס גנבע'נען זיך אהין
און קריכען שוויַיגענדיג צום דיל אַראָפּ,
און שטיל, ווי ס'וועבט זיך איהר געוועב אַ שפּין,
אויף איהרע האָאָר זיי שוועבען אויף און אָפּ.

די פאַרבען פון דעם זונען־אונטערגאַנג
בלאַס, ליכט־דורכווייקס, זיי שווימען שוין אויף איהר
און ציטערן אויף די פינגער דין און לאַנג,
און וואַרפען ציטריג זייער שיַין אויף מיר
און שמעלצען מיט דעם פאָרטעפּיאַנאָ געזאַנג.

און גליטשענדיג טראָגט זיך דער שאָפּען וואַלץ...
איך פיהל איהר הויך — איהר פנים איז צעפלאַמט,
און ס'שלענגעלט זיך די רויטקייט אויף איהר האַלדז
ביז טונקעלהייט איהר ווייסע פאָרם אומראַהמט
און איהרע פינגער שפּילען, שפּילען אַלץ...

סעריע סאנעטן

וואָל סטריט ביי נאַכט

די ענגע גאַס וואו ערשט אַן אויגענבליק
דאָס לעבען האָט געטומעלט און געברויזט —
זי שווייגט אצינד, נאָר טויטע שטילקייט הויזט
און וואַרט, ביז ס׳קומט דאָס לעבען דאָ צוריק.

דאָ האָבען מענשען עס געזוכט דאָס גליק...
דאָס קליינע, בישטיגע האָט זיך געגרויסט,
דאָ האָט די מענשען־חיה זיך ענטבלויזט,
פאַרשאַכערט זעעלען־רוה פאַר זילבער־שטיק.

דאָ שמעקט מיט בלוט, פון דאנען שרייט נקמה,
דאָ האָט, פון מענשען־קינדער די נשמה
געזויגט דער געלד־גאָט שוידערליך ארויס!

צו וואָס דער ליאַרם געוועזן? עס שווייגט די נאַכט,
האָט שטיל און שוואַרץ אַ סוף צום ליאַרם געמאַכט,
וועט אָפווישען די ליארמער אויך — און אויס!

נאַכט אין פעלד

עס צאַנקט דער טאָג... דאָס שארפע ליכט ווערט שוואַך.
ס׳פער׳גנב׳עט זיך די גרויקייט סודות־שווער,
וועבט איין אין ליכט זיך און ס׳צעניעסט אַ מעער
פון בלייכקייט זיך אויף יעדען קוסט און שליאַך.

די גרויקייט טוליעט זיך צו יעדער זאַך
און הילט זי איין אין א געדיכטען שלייער —
און אין דער לופט שוועבט ציטערנד אַ באַגעהר
און טויזענד זיסע סודות ווערען וואַך.

און ווייטען פעלד אַ יעדעס קול ווערט שטום.
שטיל, שאַ... אַ מאָדנער פּחד וועהט ארום,
לעגט זיך אויף יעדען גרעזעלע און בלום.

קיין שטערען היינט און קיין לבנה שיין,
ששש... אַ ווינטעל זיפצט ווי פון בעהאַלט'נער פיין,
אַ לעצטער ציטער — און די וועלט שלאָפט איין.

ליבעס־טרוים

געחלומט האָב איך פון אַ מעכטיגען ליבען,
וואָס פון מיין האַרץ זאָל קיינמאָל זיין געשידען,
דער איינצ'גער חסד מיר, דעם לעבענס מידען,
דאָס איינצ'גע גליק באַר זאָל זיין אויסגעקליבען!

אין האָפנונגס־שטאָלץ דערשטיקט האָב איך דאָס ליבען,
געשטעלט מיט מיטלעם קיינמאָל מיך צופרידען,
כ'האָב אַלע קליינע צוקונגען פאַרמידען,
ביז פאַר דער גרעסטער וואָלט מיין האַרץ פאַרבליבען.

אומזיסט. די ליבע האָב איך ניט געזעהען,
כאָטש ס'פלעגט פון בענקשאַפט מיר דאָס האַרץ צוגעהען.
כ'וויל איצט די קליינע צוקונגען צוריק.

דאָך אויס! מיין האַרץ איז דורך דער צייט געשטאָרבען
דאָס מידע וואַרטען האָט זיין חוש פאַרדאָרבען,
געטויט האָב איך אַליין מיין אייגן גליק.

צו מיין קורציכטיגקייט

1910

אין איר גרויס חכמה האָט נאַטור געמאַכט,
אַז נאָר מיט קורצען בליק מיין אויג זאָל זעהען,
איצט קאָן דעם גרויסן חסד איך פאַרשטעהען,
מיר איז באַשעהרט צו זען איהר גרעסטע פּראַכט.

וואו ס'האָט מיך נאָר מיין זשעדנער גאַנג געבראַכט,
האָב איך די פאָרמען שטיל געזעהן פאַרוועהען,
אין אומבאַשטימטער מאַטקייט ווייך צוגעהען,
באַהאַלטען זיך אין סודות־גרויער טראַכט.

אַן איידעלער כישוף האָט אום אַלץ געשוועבט,
אין וועלכן אַלץ האָט זאַנפט זיך איינגעוועבט,
זיין לעבען איניג, טרוימענד האָט געשפּונען.

כ'האָב דאָס דורך מענטשען־קונסט אַוועקגענומען,
קלאָר, רויה, אום־שעהן איז דייטליכקייט געקומען,
און, אך, דער איידלער כישוף איז צורונען!

רייזע סאנעטען

שטורם אויפ׳ן ים

1

דער ווינד איז שטיל. דאָ הויבט אָן וואַיען טיעף
אין ים, ווי ער וואָלט זיך אָן וואָס דערמאָנט
און האָט אין האַרץ עס האַלטען ניט געקאָנט,
און פּלוצים, זעה, די גאַנצע וועלט שטייט שיעף! *

עס וואַנקט דאָס שיף אין וואַסער׳ס לויזען גריף,
אַ האַלבער ים שטעהט איבער איהם פון פראָנט
און וואַרפט צושוימט אַרויף זיך אויף דעם שיף.
און פון ד ע ר זייט הויבט זיך דער האָריזאָנט

גרין, גרין, אַלץ גרין! עס קאָכט דער כוואַליע־שוים
און שפּריצט דאָס מאַטע שיף וואָס אָטעמט קוים
צום הימעל צו, און שליידערט עס צוריק.

הויך דאָרט פון גרויקייט קוקט אַ שיין אַרויס:
די זון ברעכט דורך די וואָלקענס מיט אַ שטויס
און וואַרפט אויף אַלץ פאַרגאַפט אַ בלייכען בליק.

2

דאָס שיף שטעהט שטיל און ריהרט זיך ניט פון אָרט,
די ים־בערג וואַקסען שרעקליך אויס, אָהן צאָהל.
אָט גליטשט דאָס שיף אַראָפּ זיך אין אַ טאָל,
אַ באַרג פון אונטען הויבט עס אויף פון דאָרט.

---

* שיעף — אין מאַנכע אידישע דיאַלעקטען ווי אין דייטש באַדייט „קרום״, „קאָסע״.

און באַרג אַרויף, אַראָפּ אין איינעם פּאַרט
שוועבט קרעכצענדיק די הילצערן־שוואַכע שאָל,
עס קנאַקט דאָס האָלץ, עס טרעשטשעט שוין דאָס שטאָל —
דאָס רעדט דער שטורם אַצינד דאָס לעצטע וואָרט.

אַ ווינד פּייפט ווידער שוין, בלאָזט אָן אַ שרעק,
וואָס שפּרייט זיך אויפן ים פון ברעג צו ברעג
און בורטשענדיק פאַלט נידריקער דער ים;

און ווידער פּרוּווט ער אויפשטיין, דאָך געשווינד
דריקט איהם אַראָפּ דער וואַכענדיגער ווינד,
ביז ס'רייסט דאָס שיף זיך דורך דעם גרינעם צאַם.

אין דרום-אַטלאַנטיק

איך פאָהר — און ווייט אַרום דעם שיף, העט ווייט
דער ווייטער ים ליעגט אויסגעשפּרייט פאַר מיר,
און גלאַנצט אין ליכטער רייכקייט אָהן א שיעור,
ווי וויאָלעטער סאַמעט אָדער זייד,

וואָס פאַלבט זיך חנ'עוודיג און שטענדיג בייט
אין ליכט־און־שאָטען שפּיעל ביי יעדען ריהר;
באַהאַלטען קוקט דאָס טיעפע בלאָה אַפּיער
און שפּרינגט אַרויס און טאַנצט אין ליכט פאַרשייט.

די כוואַליעס פלעסקען רעדעוודיג, ווי ווייַן —
באַרוישט, די אויגען צו, הער איך זיך איין
און פלוצים העלער מיין זכרון ווערט:

עס שוועבט אַרום אום מיר דער בלומען־דופט,
דער כוואַליעס פּליעסק, ער רוישט ווי גאָרטען־לופט,
און שעפּטשעט די ל ע ג ע נ ד ע פון דער ערד.

שטורם אין דרום-אַטלאַנטיק

עס שטורמט אַצינד די ווייטע ימים־פלאַך
און פינסטער־בייז ווערט איצט דאָס טיעפע בלאָה,
גלייך ס'וואַלט זיך אויסגעמישט מיט יענעם גראָה,
וואָס האָט אין בליי פאַרהילט דעם הימעלס־דאַך.

די כוואַליעס רעדען איצט אַן אַנד'רע שפראַך
און שווערער סאָפּען זיי פון שעה צו שעה:
דער שטורם, דער גרויסער דרום־שטורם איז דאָ,
און ס'ברויזט אַרויס זיין טייוויליש־ווילדער לאַך.

אָט שוואַנקט דאָס שיף, אָט נעהמען עס אַרום
די בייזע כוואַליעס מיט אַ ווילדען ברום,
דער רעגען־גוס שטעכט עס אין ים אַריין.

דער שטורם האָט זיינע כחות שוין צולאָזט
און הויך זיין שליח, דער ווינד, דעם אָנזאָג בלאָזט:
דאָ הערשט מיין האַר און אַלעס דאָ איז זיין!

ים-נעפּעל

וואָס האָט אַריינגעשלייכט זיך אומגעריכט
און שטעלט זיך דריקענדיג אַריין אין רוים,
ווי גרויער בוימוואָל מיט אַ ווייסען זוים,
לעגט זיך אויף אַלעם וואַרמענדיג, געדיכט?

וועבט פאַרמען אויס, אפילו מיין געזיכט
און אַלץ צעשמעלצט ער אין אַ גרויסען שוים,
אַז ס'דאַכט: ניטאָ קיין אמת, אַלעס טרוים,
אויף וואָס עס טרעפט דאָס דיסטילירטע ליכט?

וואָס טוידט דעם ים, די ווייטקייט אַלץ מאַכט גאָהנט
און ליעב און היימליך, פריינדליך, לאַנג באַקאַנט,
מישט אַלץ צונויף אין גרויער אייניגקייט?

מאַכט אַלץ אַ טייל פון דער אומענדליכקייט,
וואו צווישען לעבען־טויט הערט אויף דער דאם ?
— דאָס איז דער נעפּעל, נעפּעל פון דעם ים.

אויפ׳ן פּילאַטוס אין פריהמאָרגען

איך בין דורך נאַכט געקומען דאָ אַהער
און האָב דערקלעטערט זיך צום הויכען שפּיץ
און האָב געשוועבט צום קאַלטען וואָלקען זיץ
דורך לייכטען עטער אינ׳ם נעפּלען־מעער.

איצט שטעה איך דאָ אין שנעע און אָטעם שווער.
פון אונטען פלימערט דורך אַ וואָלקען־קריץ,
אַרויף אַ ווייל — פאַרשווינדט דאַן ווי אַ בליץ,
אַ שוואַכער שיין — דאַן אַלעס שטיל און לעער.

דאָך ביסלעכווייז צעפּליסט די וואָלקען־וואַנד
און ס׳שווימט אַרויף דער אָטעם פון דעם לאַנד,
וואָס ליגט צופוס און ציטערט אויף אין טרוים.

באַלד — און אין הימעל שווימט דאָס רויטע גרין,
גיסט אויף דער אָזערע זיך דאָרט אַהין
און גלאַנצט אויף יעדען גרייזעלע און בוים.

האַדסאָן ריווער

איין שעה פון דעם מאָדערנעם באַבילאָן,
פון מענטשען מיש־מאַש און פון גלאַנץ און טאַנד,
און כ׳פאָהר שוין ביי דער פּאַליסאַדען־וואַנד,
וואו ס׳הייבט אַ גרויסע וואונדער־וועלט זיך אָן.

עס שוועבט גאָט׳ס גלאַנץ אויף יענע בערג — זיין טראָן!
איך שטעה פאַרגאַפט, שטרענג אָן מיין בליק געשפּאַנט:
יאָ, דאָס איז דאָך דאָס הייליגע שווייצער־לאַנד,
וואָס ליגט און לויכט אין בלאָען פאַרבען־טאָן.

די פרומע שטעדטלאַך הויך, פאַר׳חלומ׳ט, שעהן,
פּאַלאַצען רייכע שטאָלץ און גלאַנציג שעהן
און שפּיגלען זיך אין מעכטיג ווייטען טייך.

עס קנייטשט זיך קוים די מאַיעסטעטישע פלאַך,
דער פלוס שלאָפט אונטערן בלאָהסטען הימעל דאַך
און טרוימט פון אַ פאַרצייטיג וואונדער־רייך.

לעמבערג

דו ליעבע שטאָדט, וואו כ׳האָב דאָס ליכט צוערשט דערזען
דו טייער בלוט־געטרענקט און כוואַליעדיפּ שטיק ערד,
אין דיר, דו שעהנע שטאָדט, איז מיר געווען באַשערט
צו טרינקען פון דעם קוואַל, וואָס אייביג שעהן.

איך בין אַ קליינטשיק אינגעל דעמאָלס נאָך געווען,
דאָך פיעל געטרוימט האָב איך, פיעל אומבאַשטימט באַגעהרט,
דורך דיינע אַלטע גאַסען זיך אַרומגעקעהרט,
געקלעטערט אויף דיין באַרג און דאָרט געבליבען שטעהן.

איך האָב אַראָפּגעקוקט דאָרט און דאָס פֿאָלק פֿון זאַנגען
האָט זיך אין שפּילענדיקען זונליכט אומגעדרעהט
און דאָרט, וואו ס'האָט אַ ברוינער וואַלד דאָס ליכט געפֿאַנגען:

און וואו דאָס ליכט האָט אויף אַ טייך זיך אויסגעשפּרייט,
ווי האָט געוועבט אין מיר זיך יעדער לעבענס־טריב,
ווי ביסטו מיר, דו שעהנע וועלט, געוואָרען ליעב!

אויף דער אָזערע פֿון לוצערן

אָהן אַהנונג לאָזט דאָס שיף זיך אויף זיין לויף
און שווימט זיך אויף דער אָזערע אַרויס
און שוועבט שוין אויף איהר ווייאַלעטען שויס,
גלייך ס'וואָלט אויף יענע בערגלאַך פֿליהן אַרויף.

דער זיילען־גאַנג ווי אין אַ רוימישען הויף,
ער שלענגעלט זיך ביים באַרג דאָרט, וואָס ליגט גרויס,
צולייגט, רויט גלאַנצט אַ דאַך דאָרט פֿון אַ הויז,
אָט חנ'ט אַ דאָרף זיך, לויפֿען בערג צונויף.

באַלד — און דער קליינער קרייז איז דורכגעשפּאַנט.
דאָ עפֿענט אויף זיך פֿון דער לינקער האַנד
און אומגעזעהען נאָך אַ ים און לאַנד.

און נייע וואונדער, נייער בערגלאַך־קאַם,
אַ נייער קרייז, ביז ס'ברעכט זיך אויך ד ע ר צאַם,
און רעכטס באַווייזט זיך ווידער לאַנד און ים.

לאָנדאָן

איך שטעה און קוק אַראָפּ פון הויכער בריק,
פון בײדע זײטען טײך — די הײזער־מאס,
אויף װעלכע ס'ליגט דײן לופט שװער, גראָב און נאַס,
דיך זוכט אומזיסט אַרומכאַפּען מײן בליק.

ער שװעבט אין דײן אין־סוף אַהין, צוריק
און טונקט זיך אײן אין דער, אין יענער גאַס,
און לעזט אויף יעדען פּנים שטאָלץ און בלאַס
דעם סוד פון אָט דעם פאָלק און פון זײן גליק.

דאָ װאױנט דאָס פאָלק, װאָס האָט זיך אומגעקריגט
און האָט אַ גאַנצע גרױסע װעלט באַזיגט,
אין אַלע װינקלען זײנע זיהן צושיקט.

און פון די הײמען גרױ, געצירט, װי מאַהן,
זשומט הויך אַרױס דער אַרבײטזאַמער טאָן
פון מענשען־זעעלען שװין אַ צעהן מיליאָן.

דער ברעג פון קאַליפאָרניען

איך פאָהר ביים קאָלטען, וויסטען באַרג אַרום
און שטרענג זיך אָן דאָס גאָלדנע לאַנד צו זעהן,
דאָס „גאָלדנע קלימאַ״ אייזקאַלט איז געווען,
דעם „שטילען ים׳ס״ געראַוויש אַ בייזער ברום.

די בערג פון ברעג זיי שטעהן געפאַרבט און שטום,
גלייך ס׳וואָלט אַן אייביג וואונדער דאָ געשעהן,
און האָט פאַרגליווערט שלעסער דאָ אין שטיין
פון טויטע, גאָר אָהן לעבען, בוים און בלום!

און ווייטער שווים איך און אַלץווילדער ווערט
און אַלץ פאַנטאַסטישער דער פעלזען־ברעג,
גלייך ס׳וואָלט געמאַכט צום ים דורך זיי א וועג

אַ ריעזען שטיין־גרופּע מיט מעכטיגער האַנד.
דאָ טיעפער ווערט אַ ריס — אַ פעט שטיק ערד
לויכט דורך. איך זעה: יאָ, ס׳איז דאָס גאָלדענע לאַנד!

סאַן פראַנציסקאָ

הויפּט שטאָדט פון ווייטען וועסט, וואָס ס׳האָט די גאַבּ
פון צויבער און לעגענדע צוגעדעקט
ביז ס׳האָט צו פרייד און לעבען דיך דערוועקט
דיין גאָלד׳ס פערלאָקענדיגע כישוף־מאַכט,

אין זונען שיין, וואָס אייביג אויף דיר לאַכט,
ווי ליגסטו חנ׳עוודיג און ברייט צולייגט
אויף דיינע אַלטע בערג, פון טוי דורכווייקט
און אויף פאַררעטערישער ערד האַלטסט וואַך.

דו היטערין פון גאָלדנעם טויער, שעהן,
פאַרשאַרט ביים ברעג פון אונזער וועלט געשטעלט.
איך האָב דיין גאָלד, דיין כישוף גאָלד געזעהן,

ווען דורך דעם זייד פון וואָלקען, וואָס האָט דיך באַקרעלט.
דיין זון האָט טובל זיך אין ים געווען
צו לויכטען אויף אַ ווייטער, פרעמדער וועלט!

דורך די קאַנאַדער פעלזען-בערג אין אָוונט

דער שוואַכער דאַמף־וואָגען האָט שוין גענומען שוועבען
און סאָפּען אויף דעם הויכען בריקעל מיד און קראַנק,
און הינטער איהם האָט זיך געצויגען גראָה און לאַנג
דער רויך, וואָס אַ טונעל אין וועג האָט מיטגעגעבען.

אין ציטער, זוכענדיג זיך צו דער בריק צו קלעבען,
נעמט זיך דער וואָגען קנייטשען, קריכען ווי אַ שלאַנג,
די וועלט זינקט אונטער איהם אַלץ מעהר ביי יעדען גאַנג
און מיסטיש אין דעם תהום די שאָטענס נעמען וועבען.

אָט שווימט דער פרעיזער־טייך און פון א קאטאראקט
וואַרפט ער זיך און צעשוימט אין פיענע־כעס זיך שטאַרק
און אין אַ פינסטער־לאָך אין באַרג דאָרט אויסגעהאַקט

פאַרקריכט אין מורא זיך די קרעכצענדיגע באַהן.
דאָס ליכט פאַרשווינדט און נאָר דער שאָטען איז פּאַרהאַן. —
און פלוצים הויבט אָן גליה'ן אין גאָלד אַ יעדער באַרג!

צו די קאַנאַדער פעלזען-בערג

איהר וואונדער, אייך וואָס האָט אַרויפגעבראַכט
אַ מעכטיג ציטערן אין דער שאַפונגס־צייט
און שטעהט פאַרגליווערט איצט אַרומגעזייט,
די רעשטלאַך פון אַן עלעמענטען־שלאַכט,

זייט מיר געגריסט, איהר ריזען שטאָלצע, וואַכט
און זייט אַן אָנזאָג צו די קליינע לייט,
וואָס ווייסען ניט וואָס אַלעס דאָס באַדייט
פון וועלטען־סוד און וועלט־ענטשטעהונגס־מאַכט!

זאָל האַלטען זיי׳רע קליינע הערצער — שרעק,
הכנעה׳דיג פאַר׳ן געניוס פון דער וועלט,
זיי זאָלען כורעים פאַלען, און אַן עק

וועט קומען צו דער חוצפה און פאַרשטעהן
וועלען זיי דעם פלאַץ, וואָס דאָ פאַר זיי געשטעלט,
און וועלען זעהן זיך נאַריש, בּישטיג, קליין!

פאַריז

איך געה ארום אין וואַלדיגען בולוואַר
און זוך דערשפּירען וועלט־הויפּטשטאָדט דיין זין.
דער מענשען־קנויל ער שוועבט אַהער אַהין,
און ס׳מישט זיך אָסט און וועסט און קנעכט און האַר.

דו קלוגע שטאָדט, וואָס מאַכסט זיך אַלץ צום נאַר,
דו זעהסט א וועלט ביי דיר פאַר שעהנקייט קניען,
פאַרשייט אין העלען בליאַסק זעהסט לעבען פליהן
דאָך קיינמאָל זיפצט פון דיר אַרויס דיין צער.

וואָס איז, וואָס דאָ צום היינט־געניסען רופט?
איך אָטעם דיין פאַרפום איין פון דער לופט
און זעה די טישלאַך אויף דער גאַס צושטעלט:

געמאָסט׳נעם טאָן זעה איך און עלעגאַנץ,
און גייסט און לעבענס־קונסט און וויכען גלאַנץ, —
עס קלאַפּט דער פולס, דאָס הארץ דאָ פון דער וועלט!

רוים (1910)

געזעהן האָב איך דיך „אורבס״ *) אין אָוועגדליכען צויבער
אין פּיאַלעטע שאָטענס סודות׳דיג פאַרשטעקט,
וואָס האָבן גוט־האַרציג דיין פּנים אָפּגעמעקט,
דו שטאָדט פון פּאַסטוכער, סאָלדאַטען און פון רויבער!

ביים טאָגליכט כ׳זעה דו שלאָפסט, „אייביגע שטאָדט״! דער טויבער
וועלט־רויש גרייכט ניט צו דיר, מיט טראַנטעס ביסט פּערדעקט.
טרוימסט פון אַ וועלט, וואָס האָט אַמאָל דיין שווערט געלעקט
און דאַן געזוכט דורך דיר דעם הימעל, „שטאָדט פון גלויבער״?

וואָס האָט דיין גלאַנץ געלאָזט, חוץ ברעקלענדע רואינען,
וואָס אייגע בויגט דעם קאָפּ פאַרטרויערט צו איהר חבר
און זעהען שטום א וועלט, וואָס קאָן זיי ניט פערשטעהן?!

און פון אַ וועלט, וואָס פלעגט דורך דיר דעם „הימעל״ דינען,
וואָס האָסטו דען חוץ מיטעלאַלטערליכען זשאַווער,
דו גרויסע „הויפּטשטאָדט״, איצט ווי פינסטער, פּוסט און קליין?!

„משה״ פון מיקעל אַנדזשעלאָ

1

„סאַן פּיעדר׳ און ווינקאָלי״ אין אַלטען רוים
דער טעמפּעל איז, וואוהין די מענשען געהן,
דיך פאָלק־באַשאַפער, גאָט־געבער צו זעהן;
דאָרט אין אַ ווינקעל אין דעם קאַלטען רוים.

וואו אַ יתום שטראַהל גרייכט אין דעם טונקעל קוים,
זיצסט, מעכטיגער, געצויבערט אין דעם שטיין
פון איינעם גרויס ווי דו, דו זיצסט אַליין
און פון דיין אייביג פאָלק טרוימסטו דעם טרוים.

---

*) „אורבס״, „שטאָדט״ — האָבען שטאָלץ גערופען רוים זיינע איינ־
ווינער, אָנווייזענדיג אויף איהר אַלס דער הויפּט שטאָדט פון דער וועלט.

איז עס דער כעס, וואָס אין דיין אויג דיר בליצט,
און דיר דעם קנייטש אין טיפֿפֿען שטערן קריצט ?
איך ווענד מיין בליק אָפּ, ציטערנדיג פֿון שרעק.

דאָך, ניין, איך קוק : דיין וועלט — בעזיגער־בליק,
פֿאַר וועמען ס׳ציטערן בערג, דער ים טרעט צוריק,
ער פֿינקעלט מיט א ליעבע אָהן א ברעג !

2

און ווידער שטעה איך, שטרענגער האַר, פֿאַר דיר
און ס׳נעמט אַ הייל׳גע מורא מיך אַרום.
איך פֿיהל עס וועהט א הייל׳גער שוידער אום
און לעגט זיך דריקענד אויף מיין האַרץ אין מיר.

וואָס זיצסטו, מעכטיגער, קלעהרסט אָהן א שיעור
און הערסט צו אַלץ זיך צו און ביסט אַלץ שטום ?
שטעה אויף, דו גרויסער האַר, צום פֿאָלק דיין קום
און אין דעם לאַנד פֿון וצזאָג פֿיהר ועס, פֿיהר !

הערסט ניט די זיפֿצען פֿון זיין שרעקליך לייד
אַהער אַריבער פֿון דער ווייטער ווייט
דרינגט ניט זיין וועה אַריין אין טונקעל דאָ ?

ביסטו דען ניט דער גייסט פֿון פֿאָלק, וואָס גאַרט
נאָך זיין באַפֿרייאונג און וואָס וואַרט אלץ, וואַרט,
און איז דען ניט געקומען שוין די שעה ?

1910

נעאַפּעל

אין האַלבקרייז, ווי אין סיִעסטאַ *) מיד צעשפּרייט,
ליגסטו אַרום דער איידעלער, בלוּיער בוכט,
דאָס שענסטע וואָס נאַטור האָט אויסגעזוכט,
לעהנסט אָן זיך אויף דער שעהנסטער בערגלאַנד־קייט.

צו קאָפּ פּאָסיליפּ מיט ווערגיל׳ס קבר שטעהט,
צו פוס וועזוּוואָ אַלץ רויכערט פון זיין שלוכט,
סטראַשוּעט דיין פאָלק וואָס תּפילה זאָגט און פלוּכט,
וואָס בעטעלט, גנב׳עט, זינגט און טאַנצט און ריידט.

פול ליכט און וויין, ווי שמוציג און ווי שעהן,
אַלט־בייע שטאָדט וואָס האָסטו נישט געזעהן:
גריך, רוימער, שפּאַניער, גאָטה און סאַראַצען!

אָה שטאָדט פון „זעה נעאַפּעל און דאַן שטאַרב״,
פון שמוץ און עלענד, פרומקייט און פאַרדאַרב,
פון היץ, געזאַנג, פון כיטראָסט און פון פאַרב!

---

*) מיטאָג רוה.

סעריע זומער ביים ים

1

קום איך הייבט אָן אויפן איבזעל,
שטעלען מיר אויף דאָס געצעלט,
אונזער היים וועט דאָס איצט ווערען,
זאַמד און וואַסער — אונזער וועלט.

2

פריהמאָרגען, שטעהן מיר אויף, גרייטען דאָס שיפעל,
גרייטען זיך, חברה צו ברענגען די שפייז,
גליטשט מען זיך, גליטשט מען אַזוי אויפן וואַסער,
איינמאָל אַ ציה און וואָס ווייטער אַ שפרייז.

שטאַרקען זיך מוסקלען און טרייבען די רודערס,
שטעכען די רודערס אין וואַסער זיך איין,
ריטמיש די כוואַליעס צעשניידען זיך אום זיי,
לאָזען דאָס שיפעל זיך דורכגליטשען פיין.

ברענגט אונז די זון אויף די שוועלענדע מוסקלען,
גליהט זי די באַקעטע פאָלקע, די פיס.
שטאַרק קלאַפּט דאָס האַרץ און עס רויטעלט דאָס לייב זיך
און דו פיהלסט נחת און מידיגקייט זיס.

3

מיר געהען צום וואַסער, העי, חברה, ווער געהט מיט?
יאָגען זיך חברה אָן שוין די מינוט,
שפּרינגט מען פון פרייד אזש און נעמט מען זיך לויפען,
פיבעריש יאָגט מען זיך, פלאַמט אונז דאָס בלוט.

טוט זיך איין חברה׳מאַן אויס שוין די בלוזקע,
טאָן זיך שוין אלע די בלוזקעלעך אויס,
לויפט מען אַ נאַקעטע חברה אַציינדער,
ווילד ווי די לאָשעקעס, תאַוה׳דיג בלויז.

חנ׳ט זיך אַ קערפּער אַ ווייסער אין זונליכט,
לויפט אַ פאַרברענטער גוף נאָך איהן אין זאמד,
דריקען זיך אָפּ אין דעם זאַמד אונזערע פּיאַטעס,
דאָרט, וואו די „טאַיד״ ערשט ניט לאַנג האָט פאַרצאַמט.

4

ראָקאָוואָי פּאָינט, ראָקאָוואָי פּאָינט,
ים און זאַמד און הייסע זון,
ראָקאָוואָי פּאָינט, ראָקאָוואָי פּאָינט,
וואָלסט נישט אין ערגעץ, נור דאָ נאָר געוואוינט
אין זאַמד און אין ים, און אין הייסער זון!

5

כאַפּ איך אויף זיך אַ פריהמאָרגען,
קאַלט די לופט, אין מזרח רויט,
פּוסט איז אויפן זאַמד אַרום נאָך.
ערגעץ אַ געצעלט געבויט.

שטעהן פאַרשלאָפען די געצעלטען,
טוליען זיי זיך צו דעם זאַמד,
פּליעסקעט שוואַך דער שטילער „טשאַבעל״,
צאָרנט דער ים זיך גרין צוקאַמט.

פּוסט אזוי, אין לופט נאָך ציטערט
אומבאַזיגט דער גייסט פון נאַכט,
ליגט דער דרעמעל נאָך אויף אַלעם,
ס׳האָט די וועלט נאָך נישט דערוואַכט.

ליג איך אויפן זאמד און קוק צו,
וואָסער ווייסקייט ווייזט זיך דאָרט?
לויפען ריטמיש־בויגיג פאָרלאַך,
שפּרינגען פריש פון אָרט צו אָרט.

קוק איך, ווייסע מיידלאַך לויפען,
כוואַטסקע מיידלאַך, גויעס צוויי,
פון אַ שכנ׳ישען געצעלט פאַר
„עקזערסייז״ דאָס לויפען זיי.

דורך די ווייסע זיידנע העמדלאַך
שייִנען דורך די קערפּערס שלאַנק
און די האָר צובלאָזען פליהען,
הויבען זיך ביים פּיאַטעס קלאַנג.

קוק איך מיר פאַרשעהמט צום זאַמד צו,
קאָרטשע איין זיך, ריהר זיך ניט,
זאָל'ן נישט זעהן מיך און דערשרעקען —
און איך קוק נאָך זייערע שריט.

הייבט זיך וואו א העמדעל העכער,
קוקט אַ שטאַרקער פוס אַפיער,
בלאַנקט ווי קרעמע־פאַרב און סאַמעט,
חנ'ט אין זון זיך אָהן שיעור.

זעה, דאָרט ווייטער גליטשט דאָס העמדעל
פון אַ פּלייצע זיך אַראָפּ,
בלאַנקט און בלענדט אַן אויבער קערפּער,
שפּיגעלט ס'ליכט זיך אין איהם אָפּ.

פאַלט פון צווייטען אַקסעל ס'העמדעל,
פלאַטערט נאָך אַ וויל אין ווינד,
דאַן פאַרשייט אַ ווייסער קערפּער
אין דעם וואַסער דאָרט פאַרשווינדט.

6

מיטאָג צייט. דאָס פייער פאַרלעשט זיך
פון די גלאָווניעס אַנגעצינדט,
וואָס דער ים האָט אַנגעוואָרפען,
און מיר ברענען זיי אַצינד.

מיטאָג צייט. די זון ברענט דאָרשטיג,
העל דער זאַמד ווערט, העל די לופט,
ברענט מיט העלקייט ים און כוואַליעס,
ברענט אין נאָז דער זאַלציגער דופט.

מיטאָג צייט. לעגסט אויך זיך שלאָפען,
ס׳ראַזשעט דיך דאָס שאַרפע ליכט
און דער זאַמד ברענט דיר דיין קערפּער,
זשומען פליגלאַך אום, געדיכט.

שלינגט דיין לייב די שאַרפע ליכטקייט,
פלאַמט דיר אויף די בלויזע הויט,
וואָרעם־פויל די גלידער ווערען,
ווערסט באַגאָסען גאַנץ מיט רויט.

וואַשען דאָס געשיר דאָרט אַנדרע,
ראַנגלען זיך בחורים צוויי,
„פּאָנטשען״ זיך מיט „גלאָווס״ פון לעדער,
זעהן, ווער פלינקער איז פון זיי.

קענסט נישט שלאָפען, האַלטסט דיין אויג אויף,
קענסט ניט אויפשטעהן, מיד ביסטו,
און ס׳צוגיסט זיך היץ און מידקייט,
שוואַך דיין פּולס, סיעסטא, רוה!

קוקסטו מיד און טרינקסט די ליכטקייט
אין צושוימטען האָריזאָנט,
וואו דער ים שטראַהלט ווייס אין ליכט גלאַנץ
דו וואָלסט רוהן, אויב וואָלסט געקאָנט!

7

געסט היינט, זונטאָג, ס׳קומען מיידלאַך.
חברה, פריש זיך ניט געפוילט!
יעדער ריהרט זיך, טומעלט, גרייט זיך,
נאָר אַ וואונק און שוין גע׳פועל׳ט.

ריהרט זיך, חברה, שוין געקליבען,
חשובע געסט וועל׳ן היינט דאָ זיין.
כאַפּט אַ שיפעל, שנעל קיין שיעפסהעד,
איינגעקויפט וואָס זיס און פיין!

איהר דאָ רייניגט אָפּ, אַז ציכטיג,
אַלץ זאָל זיין אַ פּראַכט, אַ ציער,
מיידלאַך שעהנע וועלען קומען,
חשוב׳ע געסט באַקומען מיר.

8

„האו אַר יו?, איי׳ם גלעד טו מיט יו,
סוויטי, דאַרלינג, האו׳וו יו בין?"
צוויטשערן העל די זילבער-קול׳כלעך,
אָהן אַ סדר, אָהן אַ זין.

גליהט אַן אויג אַ ברוינס אַנטקעגען,
שעלמיש צופּט פון שלייף די לאָק,
שטעלט פאַר׳גנב׳עט ווייסע ציינער אויס,
קלינגט אַ קול׳כעל ווי אַ גלאָק.

„סוויט, האָו אַר יו? סאָו דילייטעט!"
קוויטשעט דאָרט זיך ווער פאַרנאַנד,
דריקט איהר קעפּעל צו אַ בחור,
פון איהר טאַליע נעהמט זיין האַנד.

9

אָנגעטרונקען, אָנגעפּיטערט,
אין די מיילכלאַך קעיק געשטעקט,
אָנגעגלעט און אָנגעקניפּען,
מיט פּערפום זיך אָנגעשמעקט.

„איצט אַרויס! זיך איבערטועז
וועל׳ן די מיידלאַך צו׳ן אַ שווים,
אין דער אָזערע, דער וואַרמער".
וויזט אַן מייק, לאַכט מיט אַ קרים.

שטעלט זיך ביי דער טיהר און וואַרט שוין,
ס׳זאָל קיין גזלן ניט אריין,
שטעהט דער יונג, אַליין פאַר׳גנב׳עט
קוקט ער דורך א שפּאלט אַריין.

קוויטשעט מען פון אינערוועניג,
הילכט און לאַכט מען אויפן קול,
גלייך אַ סטאַדע יונגע פויגלאַך
קומט צונויף זיך אויף איינמאָל.

באַלד אין קליידער שעהן־באַזוימטע,
שווארצע זאָקען אויף די פיס,
געהן ארויס די „גוירלס" און שיינענד,
קוקט די הויט וואו דורך אַ ריס.

העי, צום וואסער, שנעל געלאָפען,
כאַפּט ביי דער טאַליע ווער אַ מויד,
לויפען, שפּרינגען צו דעם „לעיק" זיי,
זיי'רע בעקלעך, אוי, ווי רויט!

10

שווימען זיי, שווימען צולייגט אויף'ן וואַסער,
לייגט ס'שענע קערפּערל אַ מיידעלע אויס,
שלינגט איהר דער בחור איין מיט זיינע אויגען,
פּיהלט, אַז ער קען ניט, ער האַלט מעהר ניט אויס.

געהט ער צום מיידעלע, לייגט איהר די האַנד אום,
אום איהר שעהן קערפּערל, זאָגט איהר אַזוי:
„דהאַט'ס נאָט דהי ועי, קאַם, איי'ל שאָו יו", און צערטליך,
לייגט זי אויפן וואַסער און לערענט זי שווימען
קוויקט מיט איהר יונגקייט און ווייכקייט אַזוי!

11

פייער ביינאַכט, מ'האָט די גלאָווניעס געצונדען,
ברענען זיי, גליהען זיי, שפּריצען, אַ פּראַכט!
העכער און העכער אלץ שפּריצען די פלאַמען,
און זיי צוגליהן זיך אין טונקעלער נאַכט.

צינדען זיך אויף אַ סיגנאַל פון דער ווייטען
האָלץ־הויפענס אָן און זיי פלאַמען דאָרט אויך,
שלאָגען די פלאמען זיך הויך ביז צום הימעל,
מישט מיט דער נאַכט זיך דער ברוי־ביינקער רויך.

12

נעמט זיך איינער און דערצעהלט, הערט זיך חברה איין,
און אויף יעדען איינציג׳ס פנים פאַלט דער פייער שיין,
נעמט ער זאָגען אַנעקדאָטען, וואויל־יונגישע שטיק
פון׳ם „קאַלעדזש״, די „פראָפעסאָרס״, און עס פלאַמט זיין בליק.

ווי ר׳האָט שטאָלץ די אידענ׳ס עהרע ווען פאַרטיידיגט מיט זיין פויסט
ער דערצעהלט און וויזט זיין קולאַק און אַ ווילע פויזט.
הייבט ווער זינגען אָן און ס׳זינגט חברה מיט אַ מאָל,
טראָגט זיך איבער זאַמד און כוואַליעס אומעדיגט דאָס קול.

„אָלד קענטאָקי האָום״, און „סוואַני ריווער״, „אָלד בלעק דזשאָו״,
„ריטא כואניטאַ״, און די „קאַלעדזש״ סאָנגס, יו נאָו,
„דרינק טו מיר אָנלי וויטה דהאין אייס״. זינגט אַ ציוניסט
די „התקוה״ און דער זאַנג זיך וויית ארום צוגיסט.

שווייגען מאַנכע אומגעדולדיג, שושקעט דאָרט אַ פּאָר,
אָבער אלע באַמקען אונטער אָהן אַ וואָרט אין כאָר.

א סימפאָניע

(צונויפגעשטעלט פון עטלעכע סימפאָניען)

זינגט זיך, זינגט אַזוי דאָס ליעד:
ס׳ברומט אַ ווייל
דער באַהאַלט׳נער כעס, דאָס קרענקען,
מישט צונויף אָהן אונטערשיעד
באַלד אַ יאָמערן, באַלד אַ בענקען.
ווי אַ פייל
פליהט און שטעכט אַ שאַרפע נאָט
טריפט איהר גוף אויס אין דער וואונד
און דאָס האַרץ, דער מח ציטערן
ביז צום גרונד
און איהר פיהלט מיט יעדען טראָט,
יעדען דריגגען פון אַקאָרד,
תאוה־נאָכגעשמאַק ווי נאָך אַ ביטערן,
יאוש׳דיגען וואָרט,
ווי דעם טעם פון זיסלעך־ביט׳רע מאַנדלען.

באַלד הערט איר ווידער זיך דעם טאָן פאַרוואַנדלען
עס גנב׳עט זיך אַריין מיט לייכטען קיצעל
אַ לאַשטשענדיגע שטים, אַ מעלאָדיע,
און גלעט פאַרשייט אייך ווי אַ ביליג וויצעל
מיט פונקען־שפּריצענדיגען בריה.
דער גאַסען־טאָן ווערט ווילדער און פאַרשייטער
און זוכט פאַרטויבען ווייטער אַלץ און ווייטער
דעם וועהטאָג, וואָס האָט שווער זיך אָנגעהויכט:

ווילדער און ראַשער דער טענער־טייך לויפט,
רייסט ער זיך מעכטיג דורך, בויערט דעם וועג
לאַכט ער און פּישטשעט מיט פרעהליכען שטיף.
חוצפה׳דיג שאַלט ער,
ליאַרעמדיג פאַלט ער,

פאַלט ער און מישט זיך אין שווערען מאָטיוו,
גלייך ווי אַ כוואַליע פון זוניגע טעג
מיטען אין פריה־ווינטער׳ס רעגען און שטורעם;
וואַרפט זיך דען טאָג־געדראַנג אויף, אין אַ טורעם,
זוכט ער דעם וועהטאָג־קלאַנג שפּאַלטען אין צוויי,
יאָגט זיך אין אימפּעט אַרום אום די טענער,
וואַרפט זיך און וויקעלט אַריין זיך אין זיי.
אָט ווערט דער וועהטאָג־ברום, דאַכט זיך, שוין קלענער,
לאָזט זיך פאַרשלעפּען אין פרעהליכען טאַנץ,
גראָבט אַ באַוואוסטזיין אַפּיער זיך פון האַרץ,
שטעהט עס און וואַרענט שוין שוידערליך־שטיל:
— אַלעס געקינצעלט, פון אויבען־געמאַכט!
ווייסט דאָך אין האַרצען, אַז פאַלש איז דאָס ליעד,
וואָס צו דיר ליגנעריש זינגט איצט און לאַכט!
נאַריש ביסטו און צוועהטאָגט און מיד!
לאָז ניט פאַרפיהרען זיך, פוסט איז דאָס שפּיעל,
אמת דער שמערץ איז און ד י י נ ע ר, דיין ג אַ נ ץ!

שוואַרץ ווערט אַלעס, ווידער שוואַרץ!
לאָזט דער צער זיך ניט פאַרטויבען,
בענקט ער, טונקט זיך איין אין מורא,
און אָהן האָפענונג און גלויבען
זינגט אַרויס א מרה שחורה.
שווער דער מח, שווער,
פאַר די אויגען לעער!
ניט קיין אָנהאַלט, ניט קיין שטרוי,
אָנצוקלאַמערן זיך אַזוי,
האַלטען פעסט און אונטער דיר
אַלעס שווינדט און דו בלייבסט שוועבען
איינער, איינער גאַנץ אַליין
אין דעם רוים פון שרעק־געוועבען,
פון פאַרגליווערטען געוויין.
און אַפּיער
קוקט אויף דיר
אָטעם־רויבענד איינזאַמקייט,
און עס דאַכט, זי וועהט אַרום
שרעקליך־שטום

אין פאַרכמאַרעט אויף אַ ים.
שווימסט פאַר׳חלומ׳ט אום — אַ שיפער
אין אַ שיפעל ערגעץ ווייט,
אין דעם אָקעאַן אָהן ציעל
אוּן אָהן צאַם,
וואו די כוואַליעס העכער, טיפער
וואַרפען עס אין פרעכען שפיעל,
אוּן אַ חוץ דעם כוואַליעס ברויז
אַלעס שטומט
אין דעם באַסען טויטען־הויז,
וואו דער טויט באַהאַלטען לויערט
און אַט קומט,
אַט אַנטלויפט
און דאָס לעבן, — טויט־שפיעל דויערט
ביז דער שוואַרצער, שוואַרצער הימעל זיך דערבאַרימט.

אַ שלאַקסרעגן קלאַפּט מיט זיין רעש׳יג געפילדער
ער שטעכט זיך אין ים איין און ליאַרעמט און ליאַרעמט
ער רייצט אויף די כוואַליעס אַלץ ווילדער און ווילדער
ביז דער ים אי דאָס שיף, אי דעם שיפער דערזויפט —

שווער די איינזאַמקייט,
אַלץ פאַרלאָזען,
אומעט, אומעט און קיין בייט...
פּלוצים עפנען זיך די שליאָזען
און עס ברעכען דורך די הוילקייט
שעמעוודיקע, שוואַכע טרעלען
און זיי קוועלען
פון אַ קוואַל, וואָס ליגט באַהאַלטען
און וואָס לאַכט פון פרייד און וואוילקייט.
און דעם שוואַרצען אומעט שפּאַלטען,
ווי מיט גאָלדנע, זיידנע סטרונעס
פיין־געשפונען
זיסע חניפה־מעלאָדיען
און זיי שלענגלען זיך און ציהען
אין די שווערע כמאַרע־טענער
גלייך ווי שאַרפע זילבער שטרייפען

זיך דורך דיקע כמאַרעס שלייפּען
און אַ פריידען־שיין צעגיסען,
וואָס צעשפּרייט זיך
און צוגעהט זיך.
און די כמאַרע־וואַנד ווערט קלענער —
און די ספקות זיך צעפליסען
און עס ברעכט זיך זאַנפט און פיין
דורך אַ וועג דער זונען־שיין
און ער מישט זיך מיט דעם שוואַרץ
און עס הויבט אָן אויפצוטויען
אין פאַרגליווערט־טויטען האַרץ
און אַ האָפנונג נעמט זיך בויען
אין אַ ווינקעלע פאַרבאָרגען,
און די שוואַרצע, שווערע זאָרגען
נעמען בלייכען,
נעמען ווייכען,
און עס ווערט אַלץ העלער, העלער,
און דער פולס טאַנצט שנעלער, שנעלער.

מישט זיך דער פריידען־טאָן אויס מיט טרויער,
ווערט די פאַרגליווערטקייט לויער, לויער,
פילט זיך דער פריידען־טאָן אָן מיט מוט,
שפּריצט אין די באַקען שוין וואַרעם בלוט,
קלאַפּט שוין דאָס האַרץ ווי ביי האָפנונג באַלד־דערגרייכטע.
אָטעמסטו לייכטער שוין, לייכטער און שוואַכער, קלענער
וועבט זיך דער אומעט געדיכטער, צאַרטער, שעהנער
וויקעלט אַרום זיך אום איהם די האַרציג־לייכטע,
שנעלע, געפליגעלטע, שמייכלענדע, שפּילענדע פרייד,
גלייך ווי עס וויקעלט זיך אָסיען אין שפּינוועב פון זייד,
טאַנצענדיג פרעהליך אין שיכור׳ן זונליכט אַרום
צווייגען און ביימער און שפּילענדיג פאַלט אויף אַ בלום.
אָט אַזוי טאַנצט זיך און זינגט אין דיר לאָקנדע לוסט,
ברייט זיך אין דיר, גרייט אַרומכאַפּען אַלעס, די ברוסט,
שרעקט זיך דיין אָרעם דיר לאַכענדיג, לאַשטשענדיג אויס,
ווילסטו אין טומעל די וועלט דיר אַרויפזעצן גאַנץ אויף דיין שויס,
צודריקען שטאַרק און צוגליהן מיט איין אייביגען קוש!
פלאַקערט זיך לעבען פאַנאַנד דיר אין איטליכען נערוו און אין חוש.

און ווען ס׳האָט פריהער געשלעפּט די מינוט זיך אָהן ענד,
שפּאַנט גאַלאָפּירענדיג דורך אַ גאַנץ לעבען א יעדער מאָמענט
און אין א טוימעל־טאַנץ איבער דיין פיבער־פּולס געהט:
און אין דיין מח, די אָדערן רינט פרייד נאָר און פרייד נאָר
און פרייד!...

קענסטו ניט קלעהרען מעהר, גאָר ניט — אויך ניט, וואָס אַלץ באַדייט!
גראָבט זיך אין דיר ניט, מוטשעט מיט צוועק־פראַגען ניט די צייט
איז דער שמערץ באַזיגט,
האָט איהם דיר פאַרוויגט
אין פאַרגעסונג דיין געדאַנק,
— מעכטיגער געדאַנק! —
ווייכט, וואָס טריב און קראַנק!
און ס׳האָט אַלעס שוין אַ זין:
שפּין זיך לעבען, שפּין!
דו ביסט דיר דיין אייגנער צוועק,
לעבען שיכרות אָהן א ברעג!
בלייבען טויט און ספקות ווייט,
ברעכט זיך אין צוויי אָן דיין האַרץ־פּאַנצער, ברעכט זיך דאָס לייד,
לאָזט קיין וואונד,
טרינקסט זיך אָן און בלייבסט געזונד!

פּרואווט זיך אין פרייד־טוימעל מישען דער צער,
האַלטסטו דיך שטאַרק, בלייבסט דיין אייגענער האַר!
טרעפּעלט דיר איין אין דעם האַרצען דעם סם:
שווימט אין דיר איינזאַמקייט ווידער פון ים,
זוכט דיך פאַרשלעפּען מיט מורא־געוואַלד,
זעהסטו שוין ווידער דיין אייג׳נע געשטאַלט
שוועבען אַליין אין אונענדליכען רוים.
אונטער דיר, איבער דיר גרויליך און שוואַרץ!
ברעכט זיך אָט באַלד דיר, אָט ברעכט זיך דיין האַרץ!
ביסטו דאָך שטאַרק,
וואַרפסטו דעם באַרג,
וואָס וויל דערדריקען דיך אָפּ באַלד — דעם טרוים!
זעהסטו, עס לאַכט איצט אויף אַלעס די זון
און אַלץ אַרום
רופט צו דיר: קום,
קום, קינד, געניס אַלץ, האָב נחת דאַפון!

טרייבסטו די קאַשמאַרען אָפּ,
נידערסט דיך צום לעבענס־גאָב
און געניסט, געניסט זיך זאַט
און מיט מאָס — און ווערסט ניט מאַט!
גליהען פאַרבען,
זינגען ליעדער, —
וואָס מיר שטאַרבען און פאַרדאַרבען!
אַלץ — אין אַנדרע פאָרם — לעבט ווידער!
אייביג פאַלען,
אייביג קוואַלען
לעבענס־זאמען
און זיי שפּראָצען, זיך פאַרמעהרען
לויט דעם לעבענס־פּלאַן׳ס באַשערען
און זיי אַלעמען צוזאַמען
וויקעלט אין אַ חלום־קלייד
פיין־געוועבט די לעבענס־פרייד!
קומט דיין צווייפעל ניט צוריק,
שטאַרקסטו זיך און דו טרינקסט דיין גליק,
אייביג גליק,
גליק, גליק!!!!

אין די בערג

טאָגבוך אין ווערזען (קאַטסקילס, זומער 1917)
(הקדמה)

1

אין האַרץ האָט זיך צובליהט דער גרויסשטאָדט טרויער,
איך טראָג דעם גרויסשטאָדט שמערץ ארום מיט מיר,
עס וועהט אַ טעמפּקייט פון א יעדער מויער,
און טעמפּ און בודנע איז מיר דאָס געוויר.
איך האָב דעם פּולס, דעם ריטם פון דער גאַס
אין בלוט מיר איינצווזיגען ווען געטרוימט,
און ווען דורך אויפרעגונג אַמאָל צום שפּאַס
מיין בלוט האָט אויף אַ ווייל זיך ווילד צושוימט,
האָב איך געמיינט עס איז דער אומרוה, יאָ...
דער אומרוה גייסט אין פיבער פון ווירוואַר,
די מיאוסע טעמפּקייט אין דעם אונזין־ליארעם דאָ,
האָב איך מיט ספּערען־מוזיק אויסגעטוישט, איך נאַר.
דאָך די ענטוישונג איז געקומען אומדערבאַרימט, בלינד,
איך האָב איין טאָג דעם אמת קלאָר דערזעהן
און שטעה אָהן וואַרצעל איצט און שוועב ווי אויף דעם ווינד —
פאַר וואָס איך האָב געציטערט, איז געשעהן.
איך האָב איצט גאָרניט מעהר, וואָס בינדט מיך צו צו דער וועלט,
פאַרלירען און פאַרגעסען זיך קען איך ניט מעהר,
איך האָפּט אין קיין זאך מעהר, עס האָט זיך אָפּגעשטעלט
אין מיר דער זין פון זיין — און אַלץ איז פּוסט און לעער.
איך בין אַליין, אָה, שרעקליך, טראַגיש גאַנץ אַליין
און קיינער טיילט אָהן־באַדענקייט מיט מיר
און טראגיש, וואָס די גרויסשטאָדט האָט פון מיר
געמאַכט, אַוועק די צוגעבונדענקייט צו איהר
אימה׳דיגער מורא איז דער שרעק דאָ: אפשר וואָלט
מיך צו דער שטאָדט בעהאַפט דאָס ציטערנדע געפיהל,
אַזוי איז אויס, אַלץ אויס, אַזוי האָט זיין געזאָלט —
אָהן אינטערעס איז מיר דאָס גאַנצע נאַרען־שפּיעל.

און אויס, אַלץ אויס אין האַרץ נאָר וועבט זיך מיעד דער טרויער,
דער גרויסשטאָדט שמערץ האָט איינגעגעסט זיך טיעף אין מיר,
אַ טעמפּקייט וועהט צו מיר פון יעדער מויער,
און טעמפּ און נודנע איז מיר דאָס געוויר.

2

איך האָב געוואָלט מיין האַרץ „אויסגיסען”, ווי מען זאָגט,
ראַפּסאָדיש פריי דערצעהלען, וואָס איך וויל,
האָט זיך די שורה נאריש, ווי ס׳געפיהל,
פאַרשלעפּט אין סטראָפּען־פאָרם, פון וועלכער ס׳טראָגט
א הויך פון שקלאַפעריי און צוואַנג,
וואָס לעגט זיך וואַרגענדיג אויף יענעם הייל׳גען דראַנג,
וואָס זוכט זיך אויסצודריקען, איז עס אמת דאָן,
וואָס ס׳האָט געזאָגט אַמאָל אַ גרויסער מאַן,

אַז אין דעם צוואַנג אַליין ביסטו ערשט פריי?
געהע, ווייס און טרעף און זיי
אַ נביא, דאָך פאַרפאַלען. בעסער האַק איך אָפּ,
ווייל אנדערש גיט די מוזע מיר אַ גאָב.
און שלעפּט אין ד ע ר באַמערקונג אויך דורך איהרע שטיק׳
מיך אין באַזונדערע סטראָפּען־פאָרם צוריק.

---

1) געטהע.

אָוועגד

פאַרנאַכטיגע הימלען צוואָרימט, צופלאַמט,
איהר לעבען־פאַרשיכורטע, ליכטיגקייט זאַטע,
איהר עפּענט די אָדערן איצט און פאַרבלוט,
און ס׳זוכט אייך די מידקייט פון לעבען, די מאַטע.

זי לעגט זיך אויף אייך און זי טאַפּט אייך אַרום
מיט מידע און שלאַפע און גרינגליכע פאַסען
און גיסט אייך דעם טויט אין די אָדערן אריין,
צוביסלעך די פלאַמען און ליכטער פאַרבלאַסען.

און שוואַרץ אייער בלוט ווערט, פון שוואַרצקייט אומצאַמט
איז דאָס פלאַמענדע האַרץ אייך פאַרלאָשען געוואָרען,
און פון אייער גלאָריע און פון אייער שיין
געבליבען צוריק איז אַ טונקלער זכרון.

פריהמאָרגען

שטילע פריהמאָרגענס און ציטריגע, ווייכע,
ליעבע פריהמאָרגענס פון באַרג און פון טאָל,
שאָטענס געפלאָכטענע, צאַרטע און בלייכע,
האַרציג דורכוועבטע פון ליכטען אָהן צאָהל.

בלאָנדע פריהמאָרגענס, פאַרשעהמט און פאַרשוויגען,
דרעמלענדע האַלב אין א נעפליגען טרוים,
טויאיגע, קיהלע פריהמאָרגענס, וואָס וויגען
לייכט זיך אויף ווינטלעך, וואָס קרייזלען זיך קוים.

דופטיגע, לופטיגע, פרישע און מילדע,
שווייגענדע, בענקענדע, פרייע פון פיין,
נעמט איצט אַרום מיין נשמה, מיין ווילדע,
וויקעלט אין לויטערער רוהקייט זי איין.

ווינטען

ווינטעלעך זאַנפטע, אָה, ווינטלעך פון פעלד,
פעכעלט מיך, פעכעלט, ווי אייך באַר געפעלט,
הויבט אייערע לופטיגע פליגלעך און פלאַטערט,
זעהט, ווי איך ליג אין דעם פעלד דאָ פאַרמאַטערט!

ווייט שוין געגאַנגען, פון רוה ביט געוואוסט,
וואַרעם מיין קאָפּ איצט, עס קלאַפּט שווער די ברוסט,
לאַשטשעט מיך, ווינטעלעך, קושט מיר דעם שטערען,
פון אייער לאַשטשען וועט בעסער מיר ווערען.

הויבט די אונזיכטבאַרע שלייערלעך אויף,
קלייבט אַלע פעלדיגע ריחות צונויף,
בלאָזט אויף מיין קאָפּ זיי, דעם מידען און קראַנקען,
איך וועל אייך דאַנקען, אייביג אייך דאַנקען!

נעפּעל איבער ניו יאָרק

אַזוי געפעלסטו מיר, ניו יאָרק!
ווען אין אַ שפּעטען ווינטערטאָג, ווען ווינטער שטאַרבט שוין אויס,
עס עפענט זיך דער נעפּלען־קוואַל, אַ נעפּעל קריכט אַרויס,
צוגיסט זיך אויף דער ריזען־שטאָדט און אַלעס ווערט פאַרמעקט,
און אַלץ צוגעהט אין גראָען דאַמף, וואָס שטיקט דיך און וואָס שרעקט.
דער שאַרער, מוטנער דאַמף דרינגט איין אין יעדען הויז און מויער
און אַלץ, וואָס שטעלט זיך שאַרף אַרויס, פאַרווישטער ווערט און לויער.
דער שטאָף — ער ווערט אַנטשטאָפּט — אַ גראָהקייט בלייבט, וואָס קראַנק,
אַ קראַנקע גראָקייט בלייבט און קראַנק און גראָה ווערט דיין געדאַנק.
דו פיהלסט, דו לייזסט זיך אויף, ווערסט אויך אַ טייל פון גראָה,
פאַרשמעלצט מיט אַלעם אַנדערען אין איין און איינציג גראָה,
דו געהסט פאַרטויבט אום אויף דער גאַס, טראָגסט זיך מעכאַניש אום,
דער מידער, מאָנאָטאָנער ברום פון גראָהקייט שוועבט אום דיר
דיך נאָגט די גראָהקייט מעלאַדיע און אומעט שוועבט אין איהר,
אַליין אָהן שטאָף — ווייל ס'איז דיין שטאָף אין נעפּעל שוין פאַרווישט,
שניידסט דו דעם פּעטען נעפּעל דורך, וואו אַלץ איז אויסגעמישט,
אַ שטיק פון לעבעדיג באַוואוסטזיין, האַלב־באַוואוסט, מאַשין,
געהסט אין היפּנאָז דורך גראָהען ברום און פאַרב אָהער, אַהין,
אַ שוואַכער פּונקט פון לעבען טליעט אין דיר קוים
און שלעפּט זיך חלומ'דיג אַרום אין וויסטען, גראָהען תהום.
און גראָהע שאָטענס שוועבען אום ווי אין אַ גייסטער רייך,
דו מיידסט זיי אויס און ווייסט ניט ווי און אָט ביסטו ביים טייך,
דו פאָלגסט אַ טונקלען טריב — און אָט ביסטו שוין אויף אַ שיף,
אַ גייסטער שיף, וואָס טראָגט זיך אום וואו ערגעץ אין דער טיעף,
גלייך ס'וואָלט פאַרזונקען שוין געוועזן און פאָהרט אויף יענער וועלט.
און אָט דאַכט זיך דיר, אַז עס פאָהרט, אָט האָט זיך אָפּגעשטעלט,
און נאָר די גראָהקייט פאָהרט פאַרביי פאַרביי מיט גייסטער פאָרמען פיעל,
אַ גראָהע דריקענדע אומענדליכקייט פאָהרט אום אין שטיל
און אויסגעמישט אין ברום איז אַ זכרון פון אַ שטרייף
אַן עכאָ פון אַ פּליעסק, אַ ציטער פון אַ שטרייף,
פון אַ געדיכטען שטרייף פון רויך, וואָס גיסט זיך אויס אום דיר.
אָט דרעהט די גראָהקייט פּלוצלינג זיך, די גראָע וועלט דרעהט גאַנץ
זיך אום מיט דיר און מיט דער גייסטער וועלט אין טוימעל טאַנץ.
און אָט עס דאַכט זיך דיר, עס פאָהרט, אָט האָט זיך אָפּגעשטעלט,
פון ערגעץ וואו א וויכער ווינד און וועהט אין נעפּעל, וועהט,

ביז מיט אַמאָל די גראָהקייט לויזער ווערט, צוגעהט.
עס קומט באַוואוסטזיין דיר צוריק, דו זעהסט שוין אין דער לופט:
דער גופּעל העגגט שוין לייכטער, אַ טאָן פון ערגעץ רופט.
עס קומט די נאַכט שוין אָן און ליכטער צינדען אָן זיך מאַט,
ווי פלעקען שמוציג געלע דורך אַ פאָרהאַנג געל און גלאַט.
די גראָקייט הייבט זיך אויף און זעצט זיך ווי אַ קרוין
דאָרט אויף די וואָלקען־קראַצערס קעפּ, דאָך אונטען שוין,
אַריינגעדרונגען איז דערווייל זיך שטיל און זאַכט
די שוואַרצע, וואַרמע, פריינדליכע און שטילע, שטילע נאַכט,
און אַלץ הערט אויף און אַלץ וואָס איז — אַ גראָער טומעל טאַנץ.
אזוי געפעלסטו מיר, ניו יאָרק!

דער אָוועגד שפּאַציער

1

איך געה... דער אָוועגד־צויבער שפּרייט זיך אויף דעם וועג,
אין האַרץ בליהט שטום אַ צאַרטער ווייכער טרויער
זכרונות, בענקענישען שטיל־פאַרבלאַסטע,
וואָס הויכען אויס אין מיר דעם טונקלען צער.
איך געה... אין מערב שטאַרבט איצט אָפּ די זון.
די זאַנפטע ליכט־געוועבטע גראָהקייט שטיל
פאַרשווינדט און גאָלדענע פונקען שוועבען אום
און שווימען אין דעם טונקלענדיגען הימעל.
שוין שטראָמט אַראָפּ דאָס לאַשטשענדיגע זילבער,
שטראָמט ציטערנדיג אַראָפּ פון דער לבנה
און קושט די בלעטער, גראָזען און די בערגלאַך.
די נאַכט־לופט שווער פון סודות, תּאווה׳דיג
וויגט זיך פאַרבענקט, שלאָפט איין, שלאָפט איין...
שאַ, שטיל... דאָרט שושקען בוימער ערגעץ נאָך,
אין שלאָף בויגט זיך אַ גרעזעל צו׳ן אַן אַנדערען,
אַ ווינטעל גליטשט זיך, ציטערט אויף די בלעטער.
זיי וואַרפען זילבער־שטויב אין מיינע אויגען
און באַלזאַם פליסט מיט איהם אין מיין נשמה.
איך פיהל: דעם אָוועגד׳ס צויבער לעגט זיך שטום
אויפ׳ן קראַנקען וואונדיגען האַרץ און היילט איהם,, היילט איהם.
דער צער פאַרדופטעט שוויגענדיג אין איהם.
איך זעה: אין פריינדליכען לבנה־שיין
די גרעזלאַך טוליען, טוליען זיך אין ליבע.

די בוימער נעמען זיך ארום און שווייגען,
לבנה, שטערן פון דעם טאָג פעבליאַסקעט,
זיי שוועבען אויף פארליבט אין זיי׳רע ספערען.
פאַרגעסען איז דאָס בייז...
די טרעהרן אין אויג
איך שעפטשע שטיל: פאַרגעס, האָב ליב...

2

בעהאַפט פון הויך פון לעבען, שמערץ־דורכציטערט,
די טרעהר אין אויג, בלייך, צוקענדיג די ליפען,
טרעט איך אין אָוועגד צויבער אויף דעם וועג
און געה און געה... דער קראַמף פערציהט די גלידער,
עס וואַנקט דער פוס, אונזיכער שטעלט דעם שריט,
גלייך ווי אין צווייפעל אויב אויף פעסטער ערד,
ער טרעט — אין האַרץ אַ מין באַקלעמונג מאָדנע זיס,
דורכהויכט מיט ווייכע, בלאַסענדע זכרונות
פון גאָלדנע צייטען, אייביג שוין פאַרשוואונדען,
און צאַרטע, קוים דורכגעקלעהרטע בענקענישען
נאָך עפעס הייליגס, וואָס דאָס לעבען זעהט עס נישט
און דאָך דאָס האַרץ באַגעהרט זיין פוסטקייט אויס־
צופילען. כ׳שטעל דעם שוואַנקענדיגען שריט
דעם קאָפּ געבויגען טיעף, כ׳בין נישט אימשטאַנד
די לאַסט פון טאָג אַראָפּוואַרפען פון מיר:
דאָס האַסטיג טרייבען, וויסטע יאָגעניש
נאָך נידריגען געווין, די רויהע פראַזע,
מיט אַל דעם קויט און עקעל, וואָס אין איהר.
און שעלטען וויל איך דיך, דו עלענד לעבען,
וואָס האָסט מיט קאַלטקייט אַנגעהויכט די חלומות,
מיין איינציג גליק צוטרעטען, וואָס מיך אויפהאַלט!
דאָך ניין, איך קאָן נישט, די האַנד ציהט שלאַף זיך צו׳ן
אַ פויסט צונויף, די פיבערדיגע ליפען,
וואָס ציטערן שוואַך, זיי שעפטשען נישט די קללה:
זכרונות האַלטען מיך געבונדען איצט,
איך קען נישט שעלטען, קען נישט שרייען נקמה
פאר די חלומות, אכזר׳דיג צוטרעטען,
און זייערע שלייערס׳ גראָב־דורכריסענע פעדים,
איך געה... אין וועסט פאַרגליהט האָט שוין די זון

די זאַנפטע ליכט־דורכטרענקטע גרינקייט
פאַרבלאַסט און גאָלד׳נע, לעבענס־פריידיגע פונקען
דורכברעכען שוין דעם טונקעל־בלויען הימעל
און שיינען סודות׳דיג, אָהן זאָרג אַראָפּ.
פון אַנדערן עק פון הימעל איצט צוגיסט זיך
דער זילבערהעלער שיין פון דער לבנה,
באַפּראָשענדיג מיט דינעם צויבער־שטויב
די בלעטער, גראָזען און די ווייטע בערגלאַך.
דער שטויב צושיט זיך חנ׳עוודיג און מילד אין
דער וויכער, ציטערנדיגער בשמים־נאַכט־לופט,
וואָס וויגט זיך תאוה׳דיג פון נאַכט־סודות
זיס איינגעשלעפערט — אַלעס רוהט אום מיר.
נאָר שטיל נאָך שושקעןביימער זיך, פאַרשלאָפען
נייגט זיך אַ גרעזעל צו אַן אנדערען צו,
אַ ווינטעל קיהל שפּילט זאַנפט מיט זייערע קעפּלאַך,
די בלעטער, זילבער־שטויביגע, מאַכט ציטערן,
שיט שפּילענדיג דעם שטויב אין מיינע אויגען.
איך פיהל, ווי באַלזאַם פליסט אין מיין נשמה
און ווי דעם וויכען אָוועגד׳ס צויבער לעגט זיך
מילד אויף מיין האַרצענ׳ס וואונדען און פאַרהיילט זי.
אַ מאָדנע וויכקייט שטראַהלט אין מיר די לבנה,
גלייך ווי איהר זילבער־שטויב דורכדרינגט מיך און
לעזט אויף די ביטערניש אין מאָדנע מילדקייט,
צושמעלצט דעם וועהטאָג אין א וואר׳מער ליבע.
איך קוק אום מיר: אין דעם לבנה־שיין
די גרעזלאַך טרוימען, חנ׳עוודיג זיך בייגען,
אַ חלום זייער לעבען — דאָך אָפט טרעפט,
אַ רויהער ווינד רייסט זיי פון זייערע טרוימען,
אַ שטורם באַנעמט זיי, חיה, מענש צוטרעטען,
די היץ דאָרט אויס, די זשוקעלעך צופרעסען.
דאָך בייגען זיי זיך ליבפול איינס צום אַנדערען
און טרוימען ווייטער, אומגעשטערט דורך וויטאָג,
פון זילבערשיין, זעפירען, און פון שטערען...
איך קלעהר און זעה: די ביימער׳ס לעבען איז
אַ חלום אויך: אין שנעע און אין דעם פריהלינג,
און כאָטש דער ווילדער שטורם דערשלאָגט זיי אָפט,
דער ווינד באַרויבט פון זייער שעהנסטער ציער,

די ווערם צופרעסען און דער מענש צושטערט,
דאָך באָדען זיי זיך אין לבנה־ליכט,
צושאָקלענדיג מיט ווייכע תנועות זיך,
און טרוימען ווייטער, בויגענדיג די צווייגען
און ציטערן צו צו זיך אין ליבע, ליבע!
הויך אויבען די לבנה חלומ׳ט שטיל
און געהט פאַרטרוימט איהר לאַנגען, לאַנגען וועג,
נישט אַכטענדיג די כמאַרעס, וואָס פאַרדעקען,
וואַרפט אָפט אַ וואַרמען שמייכעל צו פול ליבע!
זאָל איך, איך אָרעם מענשען־קינד
אין שמערץ פאַרלעבען מיינע ווינצ׳גע יאָהרען,
פאַרלאָזען אומעטיג די שעהנע חלומות,
פאַרבליאַסקען זיי מיט רויהער ווירקליכקייט,
וואָס ברענגט נאָר האַס, טריפט גיפט אין דער נשמה?
זאָל איך מיט זיפצען אויספילען מיין ברוסט,
און אָט דעם אָרעם וואַפּנען צו׳ן אַ שטרייט,
שטאט האַרציג־זיס אומאַרעמען מיט ליבע?
זאָל איך מיט טרעהרען פילען נאָר מיין אויג
אָנשטאָט מיט בילדער האַרץ־דערקוויקענדע?
פאַרוואָס זאָל צוקען שמערצליך מיר די ליפּ,
פאַרוואָס ניט ליבע־שפור און קוש־דורכגליהט?
און ווענדענדיג דעם זיכערן שריט אַהיים,
שעפּטש׳ איך גאַנץ שטיל צו מיר געטרייסט, ענטשלאָסען:
דיין שיקזאַל בייטען, מענש, דאָס קענסט דו ניט.
דערוויל ענטווייכט דיין צייט דיר, שווינדען דיר
די טעג, מיט ביטערניש פערגרעמט, מיט קרעכצען
פאַרטומעלט — קענסט דער רגע׳ס זיסקייט ניט
און שוואַך שיינט אויף דיין וועג די לעבענס־זון!
טרוים ווייטער אַלץ און ליב, אָה, ליב און טרוים
און מאַך דיין לעבען איין לאַנג ליד פון שעהנקייט!
ווען עקלדיג באַהאַפּט דיך לעבענ׳ס רויקייט,
געפין די טרייסט אין שעהנקייט פון נאַטור!
די דאגות דיין צושמעלץ אין די חלומות.
דאַן ווערט דיין זיסער טרוים דיין ווירקליכקייט,
די רויהע ווירקליכקייט אַ בייגער טרוים.
די מילדע שעהנקייט פון׳ם פרויען געשלעכט,
דעם מאַנ׳ס באַוואוסטע ערענסט, עדלע שטאַרקייט,

דעם קינד׳ס באַצויבערנדיגע רייגע פרישקייט,
די אייביג בייטענדיגע פראַכט פון דער נאַטור...
זאָל דאָס אַ טרייסט זיין פאַר דעם טאָג׳ס פאַרדאַרבען
זאָל זיין דיין לעבען פון היינט אָן אַ בענקען,
די טעג און נעכט נור טרוימען און געניס!
האַלט פעסט דיך, פעסט אָן דיינע צאַרטע חלומות,
די גאָלד־געשטיקטע, זיין דערהאַלטענדע!
וועב איין אין לעבען זייערע גאָלדענע פעדים,
גליה דורך דיין האַרץ מיט ליבע און חלומות!
בראַנזוויל — תרס״ו.

עס רעגענט...

עס רעגענט היינט, דער טאָג איז טריעב,
די וויטע בערג אין גרוי געהילט,
דער רעגען רינט, ווי דורך אַ זיעב,
האָט זיך אויף וואַלד און פעלד צושפילט.

ווי דינע פעדים, שטעכיג, קאַלט,
און גלעזערן רינט דער רעגען, רינט,
לעגט ווי אַ שלייער זיך אויפ׳ן וואַלד,
זיין נאַס געוועב אין איהם פאַרשפּינט.

עס רינט דער רעגען, רינט און רינט,
מעקט אויס די פאַרב, שווענקט אָפּ דעם שיין,
דער רעגען רינט און אַלץ פאַרשווינדט,
עס רינט דער רעגען דין און פיין.

דער רעגען רינט און רינט און רינט,
און גאָר ניט מעהר און גאָר ניט מעהר,
נאָר טריבע פלעקען טאַנצען בלינד,
אַמאָל אַהין, אַמאָל אַהער.

און נודנע, נודנע, מאָנאָטאָן,
דער נאַסער רעגען קלאַפּט און שפּינט,
לאָזט זיך ניט אויס, הייבט זיך ניט אָן,
דער רעגען רינט און רינט און רינט.

ים און וואַסער לידער

אויף דעם ים ביי ניו יאָרק

איך זוך פאַרגעסונג אויף דעם ים
און וויג זיך ווידער אין אַ שיף.
דער האָריזאָנט ליגט בלוי און טיעף,
און אויסער איהם קיין ברעג, קיין צאַם.

און פאַר דעם שיפעל׳ס פרעכען שניט
צולויפען זיך די כוואַליעס שנעל,
און שפּרינגען פרעהליך, גרין און העל
און שוימען זיך און שווימען מיט.

און מיט דעם מוטיג־שאַרפען ווינד
ציהט זיך אַ לעבעדיג שטיק שנעע
דורך ליכט און גרין און גלאַנצט אין זיי:
די ווייסע מעוו, דאָס ים׳ען־קינד,

זי ליגט נאָך אויף דעם ווייסען שוים
און מישט זיך מיט דער ווייסקייט אויס,
די אויגלאַך פינקלען נאָר אַרויס,
אַלץ אַנדרע וויס, וואָס ריהרט זיך קוים.

און ווידער הויבט די מעוו זיך אויף,
און ווידער שוועבט זי מיט דעם שיף —
עס כאַפּט מיך אָן אַ בענקשאַפט טיעף
און ס׳געהט מיין האַרץ איהר נאָך אין לויף.

דען אויף דעם לעבענס כוואַליע־שוים
טראָגט זיך מיין האַרץ, גאָר ריין, ווי זי,
עס שטרעבט אַלץ, וויט; אומזיסט די מיה,
עס האַלט זיך אויף די כוואַליעס קוים.

איך שפּרינג...

איך שפּרינג אין אָזערע אַריין,
דער אָזערע ביים פוס פון באַרג,
וועל כאַפּען דאָרט דעם זונענשיין,
וואָס שווימט ביים אָפּבילד פון דעם באַרג.

וועל טונקען טיעף זיך אין דעם גרונד,
וואו ס'איז דער הימעל אויסגעמאָלט,
וועל שאַרען פון דעם ליכטען־בונד
אַרויס די אוצרות פון גאָלד.

און וועל זיך אָנטרינקען מיט שיין
און וועל אין גאָלד באַקליידען זיך
און ווען איך וועל געזעטיגט זיין,
וועל אויף דער פלאַך באַווייזען זיך.

און ווען עס וועט אַרום מיר שוואַרץ
און דריקענדיג אַמאָל ווען זיין,
נעם איך אַרויס פון טיעפסטען האַרץ
דאָס גאָלד, דעם איינגעזאַפּטען שיין.

אָוועגט ביים האָדסאָן ריווער

די זון געהט אונטער דאָרט, איך האָרך,
אין העלען גרין פאַרמישט מיט רויט
טראָגט זיך צו מיר א בלאַט שוין טויט,
און ווייטער שטיל, קיין שעפּט, קיין שאָרך.

דער הימעל שפּיגעלט זיך אין טייך,
וואָס גליווערט איצט און ריהרט זיך קוים
און שלינגט פון הימעל און פון רוים
ד' אָוועגט־פאַרבען מאַט און בלייך.

און עפּעס ציטריג שטיל פֿאַרלאַנגט —
שוין האָט פֿאַרלאָשען זיך די גלוט,
דאָרט האָט די זון אַ ווייל געבלוט,
דער גרויסער טאָג האָט אויסגעצאַנקט!

און מיט זיין לעצטען, שוואַכען הויך
זיין זעעלע פליהט אַרויס אין רוים,
אַ שוואַכער ציטער הערט זיך קוים,
ווי זי פֿאַרשווינדט אין וואָלקען־רויך.

עס ציטערן די ביימער זאַכט,
און ס׳ציטערט מיט דער קאַלטער טייך,
און מיט איהר גייסטער־קעניגרייך
קומט שטום און שוואַרץ אַפּיר די נאַכט.

אין וואַסער

איך שווים, זי שווימט, שניידט דורך די גרינע פלוט
מיט איהרע אָרעמס, ווייס און ווייך און גלאַט,
און אויף איהר פּנים בלענדט די זונען־גלוט;
אין גרינעם קלייד זי שווימט זיך ווי אַ בלאַט,
וואָס האַלט אַ בלום — זי רייצט אין מיר מיין בלוט.

די אויגלאַך לאַכען פֿון דער הויב אַפּיער,
ווי גליהנ׳דע קאַרשען אין דעם זונען־שיין.
אַ חנ׳עוודיג געלעכטער צוקט דורך איהר,
די רונדע גלידער שיכור׳ן מיך ווי ווין,
זי מאַניעט מיך און שווימט פֿאַרביי פֿאַר מיר.

און איך טייל שנעל די ווייכע וואַסער־פלאַך
און מוטיג יאָג איך זיך נאָך דער געשטאַלט
און ווייס ניט, צי איך שלאָף, צי בין איך וואַך!
איך בין שוין נאָהנט צו איר און גליקליך, באַלד
דריק איך צום האַרץ דעם שווימענדיגען לאַך!

דאָך קוויטשענדיג און פאַטשענדיג געשווינד
מיט איהרע הענד און פיס דאָס וואַסער, שוועבט
זי ווייטער אַלץ. דאָס גרינגע קלייד אַצינד,
ווי גרינגער טיול אום לייב און ברוסטען קלעבט,
דער רויש פאַרבלענדט מיך און די נימף פאַרשווינדט.

איך בלייב אַ ווייל באַטויבט, מיין מח ברענט,
און איין איין גליהנ׳דען פונקט זיך אַלץ פאַרבייט
און איך שווים בלינד אַהין צום וואַסער׳ס ענד.
די בענקשאַפט שרייט אין מיר, דאָך זי איז ווייט!
און איך שטרעק שטום, פאַרצווייפעלט אויס די הענד.

אויפ׳ן ים

איך שווים דאָ מיט׳ן שיף און זיץ
און קוק אַריבער צו דעם לאַנד,
וואו ביי דעם וואַסער׳ס פלאַכען ראַנד
ס׳דערטרינקען מענשען דאָרט די היץ.

עס עקעלט מיך דער מענשען־שלאַם,
דער מענשען־ברוד און דאָס געשריי,
איך דרעה די אויגען אָפּ פון זיי
און קוק אַהין צום ווייטען ים.

עס שווימען דאָרט די וועלען קליין,
זיי שווימען אָפּ און שווימען צו,
און שפּילען אין דער הייל׳גער רוה
זיך מיט די שטיקלעך זונען־שיין.

איך קוק זיך איין, מיין בליק ווערט גרויס
און זוכט דעם וואונדער צו פאַרשטעהן,
ביז איך הער אַלעס אויף צו זעהן —
און אַלעס פלוצים לעשט זיך אויס.

און אומדערוואַרט און אומגעריכט
די וועלט אין וואַסער זיך דערטרינקט,
דאָס וואַסער דאַן אין שיין פאַרזינקט
און גאָר ניט מעהר, נור בלענדונג, ליכט...

איך וואַרף...

איך וואַרף זיך אַריין אין דעם וואַסער,
אַן אָרעם, א ווייכער, נעמט פעסט מיך אַרום,
ס'איז טיעף און עס קוקט דאָ די וועלט אַרויס בלאַסער,
ס'איז טיעף דאָ און ערענסט און הייליג און שטום.

איך זינק דאָ אַלץ טיעפער און טיעפער
און פעסטער די נאַסקייט דריקט מיך, אַזוי פעסט
און דרייסט שווים איך ווייטער אַראָפּ אַלץ און טיעפער,
וואו ס'האַלט אויף די שוואַרצקייט איהר סודות'דיג נעסט.

און בלאַסער דער שיין ווערט און בלאַסער
און איבער מיר שווימען באַך פאַסען פון ליכט,
דאַך אונטען ווערט שוואַרצער און שוואַרצער אין וואַסער
און פינסטערניש שווימט מיט מיר טיעף און געדיכט.

באַך האַלט זיך דער אָטעם אין האַרצען,
דאַך וויקלען אַרום מיך די אָרעמס פון שרעק,
און שלעפען מיך טיעפער אין אָפּגרונד, אין שוואַרצען,
אין אייביגער שוואַרצקייט אַלץ ווייטער אַוועק.

דאָרט גיסט זיך אַ זיידענע ווייכקייט
פון שטילער און קיהלער און לאַשטשענדער נאַכט,
און דאָרטען געוועלטיגט אומענדליכע רייכקייט
פון תקופות אָהן ליכט און פול שאַפענדער מאַכט.

אַט לעז איך זיך אויף דאָ אין גאַנצען —
אַ שטויס האָט מיט איינמאָל אַרויף מיך געבראַכט,
עס לויכט שוין אין וואַסער, די כוואַליעלעך טאַנצען,
און טרינקען זיך אָן מיט דער זוניגער פראַכט.

נאָכאַמאָל די פּאַליסאַדעס
(טערצינען ווערז־פאָרם)

איין קליינעם שפּאַן אָוועק פון רעש און שטויב,
אויף יענער זייט פון מעכטיג־שעהנעם טייך
גיט זיך דאָס וואַלדיג לאַנד אַ שטאָלצען הויב

און שוועבט אַריין אין פיינעם וואָלקען־רייך,
אויף פעלד און וועלדער־דופט און פויגלען־זאַנג
צום איידלען טרוימען־לאַנד פון פאַבלען גלייך.

דו שלינגסט דאָ גאַרענדיג אַ יעדען קלאַנג,
ווערסט זאַט מיט ערדען־פאַרב און ליכטער־גלוט,
און ס'ווערט געזונד אין דיר דיין האַרץ, וואָס קראַנק.

אין דיר רוישט ווידער וואַרעם לעבענס־בלוט,
ווען אין דעם הויכען וואַלד דו טונקסט זיך איין,
דיין בליק אין תהום דאָרט אויפן וואַסער רוהט

און כאַפּט אין דורשט דעם שווימענדיגען שיין
אַדורך דעם בוימען־טונקעל — אונטען ווייט —
דאַן פיהלסט אין דיר אַ שיכרות, דו ווי ווין

און ס'ווערט דיין קראַנקער טרויער שוין צווייט
און שעהנקייט נעמט אַרום דיך מילד און רוה,
דער וואַלד רוישט אין די אָדערן דיר, באַפרייט,
געהיילט, דו גרויסשטאָדט קינד, דו קראַנקס, ווערסטו!

באַמערקונגען צום שווים-ליד

(פון באָרוכאָוו, רעדאַקטאָר פון „איד. קעמפּער״, ניו־יאָרק)

פ ו ן ד ע ר ר ע ד. מיר ברענגען דאָ ה׳ הערבערטס ליעד, אַלס אַ ביישפּיעל פון אַ נייער פאָרם און א נייעם ריטם אין דער אידישער פּאָעזיע. חבר הערבערט׳ס ליעד איז געשריבען געוואָרען אין אַן אַלטער־טימליכען קלאַסישען ריטם, וועלכער פלעגט אָפט געברויכט ווערען אין דער אַנטיקער ליטעראַטור, באַזונדערס ביי די רוימישע ריכטער, ווי אוויד, קאַטול, טיבול, פּראָפּערץ און אַנדערע. דאָס איז אַ רעכסט מעלאָדישער ריטם, וואָס ווירקט זעהר מילד אויפ׳ן אויער און דערהויבט די שטימונג פונ׳ם צוהערער. נאָר כדי צו פיהלען זיין חן, באַדאַרף מען דאָס ליעד „סקאַנדירען״, ד. ה. לעזען דייטליך אויפ׳ן קול. דער ריטם באַשטעהט פון צוויי פערזען, דער ערשטער אַ זעקספיסיגער (העקזאַמעטער) און דער צווייטער א פינף־פיסיגער (פּענטאַמעטער), און רופט זיך „עלעגישער משקל״.

לעזען דאַרף מען עס אַזוי:

1. שנייד־איך־די — זאַלציגע — פלוט־מיט־די — מעכטיגע — מוסק־לען־און — גליעדער.

2. טרייב־איך־פאָ — רויס־מיך־מיט — מאַכט .*** האַלט־מיך־די — פלוט־מער־ניט — איין.

ח׳ הערבערט האָט שוין אייניגע מאָל איבערגעזעצט אין אידיש גריכישע העקסאַמעטרען פון דער איליאַדע, לאַטיינישע ריטמען און דגל. מיט דעם פאָלגענדען ליעד מאַכט ער דעם פּאַרזוך אַנצעווענדען דירעקט דעם קלאַסישען ריטם צו דער אָריגינעל־אידישער פּאָעזיע. מיר לייקענען ניט, אַז דער דאָזיגער פּאַרזוך איז נאָך ווייט פון פולקאָמענהייט, אָבער, אַלס ערשטער פּאַרזוך, באַווייזט ער, אַז די אידישע שפּראַך איז שוין גענוג רייך און עלאַסטיש, אויפצונעהמען אפילו אַזאַ שווערן ריטם, ווי דער „עלעגי־שער״. צווישן די דיכטער פון דער היינטיגער צייט האָט שילער באַזאָנדערס ליעב געהאַט דעם „עלעגישען ריטם״, אין וועלכען ער האָט געשאַפען זיינע בעקאַנטע פילאָזאָפישע „קסעניען״ בשותפות מיט געטהע און אויך פילע רוימישע עלעגיען זענען געשריבען געוואָרען פון דייטשן דיכטער קלאָפּשטאָק.

לידער אין גריכיש לאַטײנישען עלעגישען מעטער װערזמאָס

ש װ ו י מ ע ן

שנײַד איך די זאַלציגע פלוט מיט די מעכטיגע מוסקלען און גלידער,
טרײַב איך פאָראױס מיך מיט מאַכט האַלט מיך די פלוט מעהר ניט אײַן.

אין עלעמענט, אין דעם נאַסען, דאָ הערש איך, א אײגנער, א תושב
און איך באַװעג זיך דאָ פרײַ, גאָר װי אַ פיש אינ׳ם ים.

גלעט מיך דאָס גלאַטיגע װאַסער און כאַפּט מיך אַרום בײַ די אַקסלען,
טרײַב איך עס שטיפעריש אָפּ, װאַרפט עס זיך שפּיעלענד אױף מיר.

קושט מיך די זאַלציגע פלוט און עס לאַשטשען מיך שױמיגע כװאַליעס,
גלײַך װי אַ מאַמע איהר קינד נעהמט מיך דאָס װאַסער אַרום.

שװים איך אין גליטשיגען שטראָם, פון די װאַרימע װינטלאַך געפעכעלט
דאָרט, װאו דער הימעל זיך טונקט, און װאו זיך טובל׳ט די זון.

שװים איך און ס׳שעפּטשען די כװאַליעס איז אױער מיר ים׳יגע סודות,
װיעגען מיך אײַן אַזױ מילד, װי בײַ אַ מוטער אין שױס.

אַט שװימט פאַרבײַ מיר אַ שיפעל פון מוטיגע רודער געטריבען,
מײַד איך עס אױס װי אין טרױם, שװים איך מעכאַניש אַװעק.

דאָ נאָר און דאָרט װערט אַמאָל דורכגעבראָכען די רוהיגע װײַטקײַט
פון דער גערױש פון אַ שיף, און פון דעם פײַף פון אַ באָוט.

װײַטער איז אײַנזאַם און שטיל, נאָר עס פּליעסקען זיך פריעדליך
די כװאַליעס,
מאַך איך די אױגען זיך צו, שװים איך אין גליקליכען טרױם.

פלוצלונג אַ בײַס — ס׳האָט אַ װינטעל אַ קאַלטס זיך פאַר׳גנב׳עט אין מיטען
שפּאַרט זיך אַרײַן אין דער לופט, טרײַבט מיר דעם דרעמעל אַװעק.

ס׳יאָגען פון ערגיץ זיך אָן אױפ׳ן הימעל די גרױליכע װאָלקענס,
יאָגען זיך, זאַמלען זיך אָן כמאַרעס געדיכט װי דער פעד.

הילען די זון איין מיט אימפעט, צעשפרייטען זיך איבער׳ן הימעל,
דעקען אַריבער דעם ים, פינצטערניש שוועבט אין דער לופט.

כ׳עפען די אויגען און זעה אינ׳ם וואַסער הויבט אָן זיך צו ריהרען
העכער הויבט אויף זיך די פלוט, העכער און סטראַשענדיג שוואַרץ.

לויפט די צערודערטע כוואַליע אויף מיר, ווי אַ פרעמדען באַפאַלער,
וואַרפט זיך מיט כעס אויף מיר, פאַלט און באַשיט מיך מיט שוים.

שווים איך מיר מוטוויליג ווייטער און פרובּ אויס צום קאַמף מייגע כחות,
בייזערט זיך ווייטער די פלוט, ברומט און פאַרשפאַרט מיר דעם וועג.

פלוצים ווערט בלינד אַלץ און שוואַרץ און אַ ווינט בלאָזט אַ שאַרפערער איצטער,
ווי דורך אַ ריזיגער זיב שיט זיך דער רעגען אַראָפּ.

שיט זיך מיט מאַכט אויף׳ן וואַסער און שטעכט איהם אַזוי ווי מיט שפיזען
ס׳וואַקסען אין וואַסער אום מיר בלעזלאַך אַרויס אָהן אַ צאָל

ס׳ווערט מיר דער וועג דורך אַ נעפעל פאַרשטעלט וואָס ליגט ברייט אויף די בלעזלאַך,
כ׳שפּאַר אָבער ווייטער זיך דורך אונטער דעם שאַלענדען גוס.

ס׳שפאַלט זיך ווייט דאָרט דער הימעל, דער צאַקיגער פונק ברעכט דעם טונקעל
ס׳פילדערט דער דונער גערויש באַלד אין באַגלייטונג איהם נאָך,

הערט זיך באַלד שטראַשענדיג ווידער דער דונער הילך, ס׳צוקט נאָך דער בליץ וועג,
שווייגען די טראָפּענס דאָן איין, זיגעריש שווימט אויף דאָס ליכט.

באַלד און די כמאַרעס פאַרשווינדען און לאַכענדיג קוקט שוין דער הימעל
כ׳שווים זיך אַלץ ווייטער אַזוי, ס׳גלעט מיך שוין ווידער די פלוט.

ליכט

פינסטערניש איז שוין אַוועק, ס׳ענטפּלעקט זיך די וועלט שוין,
עפּענט זיך אויבען דער קוואַל, שפּאַרט זיך דער ליכט שטראָם אַרויס.

גיסט זיך דאָס גאָלדענע ליכט אָהן אַן אָפּהאַלט און שווימט אינ׳ם הימעל,
שווימט אויף דער הימלישער דעק, שווימט און צעלאָזט זיך אין איהר.

לויזער און לויזער אַלץ ווערט און גליהענדער, וואַרמער די בלאָהקייט,
ווייך, ווי די לאַשטענדע זייד לויכט שוין די ווייסקייט אַרויס.

שפּרייט זיך די גלעטענדע ליכטקייט אַלץ מעהר אין דער טיעפקייט פון הימעל
גרייכט ביז צום ווייטעסטען עגד, גיסט זיך אויס אין האָריזאָנט.

לייגט זיך אַ מיסטישער בלויליכער דאַמף אויפן ראַנד פונ׳ם הימעל,
ליגט אַ פאַרשלייערטער טרוים דאָרט, וואו די ערד הייבט זיך אָן.

גיסט זיך דער ליכטיגער שטראָם אין דער לופט אויס און אויף דעם ערד באל
לאַשטשעט און גלעט ער די ערד, וואַרימט און נעמט זי אַרום,

שמעלצט ער דעם טונקעלען גרין פון די גרעזעלעך, שמעלצט ער די בלימלעך,
שווימט אויף די פאַרבען אַרום און ער דערטרינקט זיי אין שיין.

טאַנצט ער פאַרשייט אויף די צווייגען און יאָגט זיך אַרויף אויף די בלעטער
יאָגט נאָך אַ שאָטען זיך נאָך, כאַפּט איהם און שפּרינגט דאַן צוריק.

חנ׳עוודיג גליטשט זיך דער שאָטען אַוועק און פאַר׳גנב׳עט צו ביסלאַך
שטיפעריש ווידער זיך צו, וואַרפט זיך אַרויף אויף דעם ליכט.

ציטערט אַרום אויף דער ערד, דריקט סודות׳דיג זיך צו דעם בערגעל
שיינט אין דעם גלאַנצענדען ליכט טיעפער און שוואַרצער אַרויס.

לייגט זיך די גליטשענדע ליכטקייט אַהין אויף דער פלאַך פונ׳ם טייכעל
בליצט פון די כוואַליעס זי גאַנץ, זונעלאַך לויכטען אַרויס.

שווימט און געוועלטיגט אַזוי איבער אַלעס דער הערליכער ליכט־שטראָם,
שטעל איך פאַרגאַפּט מיך אַזוי, גנעמט עס מיך וואַרים אַרום.

רייס איך אין פיברישער לוסט אין דער ברוסט צו די גאָלדענע שטראַהלען
שטראָמט אַלץ און שטראָמט אַלץ דאָס ליכט, שיכור׳ט מיך תאוה׳דיג אָן,

בלענדט מיך דער מעכטיגער שיין און ער דרינגט מיר אַריין אין די גלידער
און ער פאַרמישט זיך מיט מיר און איך פיהל לייכטער ווי לופט.

שיידט זיך דאָס ערד׳ישע, שווערע אַרויס פון מיר, פיהל איך בעגליקט זיך,
שוועב איך אין עטהער אַרום, ווער איך צעגאַנגען אין שיין.

שטילט זיך שוין אין מיין נשמה דאָס עכאָ פון יעדוועדען לעבען,
ווייס איך נאָר איין זאַך איז דאָ: נאָר ליכט און ליכט נאָר און ליכט!

איבער׳ן פעלד אין טראַמוואַי

לויפט דער עלעקטרישער וואָגען
צום פלאַקערנדען מערב אַצינדער,
יאָגט זיך צום צאַנקענדען ליכט,
יאָגט זיך אין פיב׳רישער האַסט.

שנעל אָבער טונקט זיך דאָס ליכט
אינ׳ם רויטליכען ים און פערזינקט דאָרט,
שיקט נאָך פון טיעפקייט אַרויס
בלאַסליכע פאַסען פון גרין.

שפרייטען די גרינליכע פינגער זיך
ציטערנדיג איבער׳ן הימעל,
זוכען זיי, זוכען דעם וועג
דאָרט וואו געשיינט האָט דאָס ליכט.

אימה׳דיג קומט פון די פעלדער,
געדיכט ווי אַ נעפּעל די גרויקייט,
שווימט זי דערשטיקענדיג אַלץ,
טרינקט זיך שוין אַלעס אין גרוי.

יאָגט זיך דער וואָגען אַלץ ווייטער,
פערוואונדערטע קוקען די בוימער,
שפרייזט זייער שאָטען איהם נאָך,
איינזאַם און שטאָלץ אויף דעם וועג.

פלאַטערט אַהין מיין נשמה
צו יענע מיסטישע גרופּען,
וואַנדערט זי בענקענדיג אַלץ
אין זייער שושקענדען קרייז.

יאָגט זיך דער וואָגען אויף בערגלאַך,
און גליטשט זיך אַראָפּ אין די טאָהלען,
טוליען די בוימער זיך צו,
שושקענדיג זיך ווי אין שרעק.

הויבט זיך אַרויף פון די לאָנקעס
אַ שווערער און גרויליכער שלייער,
הילט ער געדיכט איין דאָס פעלד,
שפּרייט ער זיך אויס אין דער לופט.

און דורך דעם שלייער אַדורך
קריכט די נאַכט מיט די ביינערנע פינגער,
קריכט זי און טאַפּט זי דעם וועג,
קלאַמערט זיך קלאַמערט אין אַלץ.

יאָגט זיך דער וואָגען נאָך ווילדער און
שניידט דורך דעם נאַטירליכען שלייער,
יאָגט אָבער אָן איהם דאָס שוואַרץ,
האַלט איהם און וויקעלט אַרום.

פיהל איך אַ נאָגענדען אומעט, מיך
דריקען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער,
ווייס איך, אַז אויך אין מיין האַרץ
האָט זיך פער׳גנב׳עט די נ אַ כ ט.

צו א פארוויאנעטער בלום

(ה. וו. צום אנדענק)

(אין ענגלישען ווערדזמאָס ווי ס'האָט באַנוצט אַלפרעד טעניסאָן)

1

דו ביסט אַוועק שוין פון דער וועלט
און אַלעס איז ווי ס'איז געווען
דיך וועט מען מעהר דאָ, מעהר ניט זעהן,
דאָך גאָר נישט האָט זיך אָפּגעשטעלט
און אַלעס איז ווי ס'איז געווען.

דאָך ווען דו האָסט מיט אונז געלעבט,
האָט שעהנער דאָ די זון געלייכט
און ווייטער האָט איהר שיין געגרייכט,
אויף אַלץ אַ שמייכעל האָט געשוועבט.

און שטאַרקער האָט געשמעקט די בלום
און ליב געווען איז יעדע זאַך,
איצט האָט פאַרשטומט דיין זילבער לאַך
און אַלעס איז געוואָרען שטום.

די זון, דאָס ליכט, דער הימעל בלאָה,
די פעלדער פריש, דער בלומען דופט,
דאָס פויגעל זינגען אין דער לופט —
צו וואָס דאָס אַלץ? דו ביזט נישטאָ.

דו ביזט אַוועק און אַלעס פעהלט
וואָס האָט געמאַכט דעם טאָג ווי שעהן,
דאָך איז זיך אַלעס ווי געווען —
דו ביסט אַוועק פון אונזער וועלט.

2

איך שטעה איצט אויף, מיך וועקט דער שיין
פון אויגן גרויס און טיעף און שוואַרץ
ס'איז נאָר דיין בילד... מיר קלעמט דאָס האַרץ —
וואָס איז געווען וועט מעהר נישט זיין.

אין טונקעל דאָרט איך קוק זיך איין:
שטעהסט בישט דיין בויגיגע פיגור?
כ׳זוך אין דער לופט אומזיסט דייז שפור,
דאָס וואָס געווען וועט מעהר נישט זיין.

וואָס טאָקט זיך דאָרט דער שטערען פיין?
איצט שווימט אַרויף דיין שעהן געזיכט.
דאָך ניין, מיך נאַרט דער שיין פון ליכט,
דאָס וואָס געווען וועט מעהר נישט זיין.

שאַ. שטיל, גאַנץ שטיל... איך הער זיך איין:
וואָס שעפטשעט דאָרט אין ווייכען קלאַנג?
איז עס דיין קול, מלאכים זאַנג?
ניין, וואָס געווען וועט מעהר נישט זיין.

וואָס מיין געווען, איז מעהר ניט מיין,
אויף אייביג, אייביג ווייט פון מיר,
נאָך לאַכט איהר שיין אין מיר, אום מיר
און וואָס געווען וועט מעהר נישט זיין.

3

איך גלויב ניט דו ביסט מעהר נישטאָ,
ביסט ניט געזעסען אָט דאָ איצט,
דיין באַק צופלאַמט, דיין בליק צוהיצט
אָט דאָ, דאָ לעבען מיר, ווי שעה?

האָסט ניט געגעבען מיר די האַנד
ווי ציטערנדיג, און צאַרט, און בלייך,
און פריש, און רונד, און זיידען־ווייך,
מען האָט געדריקט זיך זעלבאַנאַנד.

דו האָסט דיין קאָפּ אויף מיר געלעהנט,
דיין ווייכע שטים האָט מיך געגלעט
און שטילע סודות אויסגערעדט,
און ס׳האָט דיין אויג פון גליק געוויינט.

גאָלד־ברוין און שמעקענדיג די האָר,
מיין פּנים האָבען זיי פאַרפּלייצט,
און מיך געלאַשטשעט און גערייצט.
איך האָב געקושט די ברוינע האָר.

4

שטעה אויף! דו ביזט קיין קאַלטער מת,
דיין קערפּער שעהן און פריש און יונג!
שוועב ווידער אום אין טאַנץ און שפּרונג —
שטעה אויף!
אַ שטים זאָגט מיר: פ אַ ר ג ע ס!

וואָס ליגסטו דאָ שוין אַ מעת־לעת
אויף אָט דעם ברעט, אין ווייס פערהילט?
אין גאַס האָט זומער זיך צושפּיעלט —
קום! קום!
די שטים זאָגט מיר: פ אַ ר ג ע ס!

זינג ווידער, זינג וואָס פריילעכס.
וואָס ליגסטו שטיל, פערלייגט די הענד?
האָסט קיין מאָל שטיל זיין נישט געקענט —
שווייג ניט!
די שטים זאָגט מיר: פ אַ ר ג ע ס!

פערפּאַלען! כ׳זעה ס׳געשעהט קיין נס,
און דו ביזט ווירקליך טויט און שטום...
פערשטומט דאָס קול, פערוועלקט די בלום —
אַדיע!
די שטים זאָגט מיר: פ אַ ר ג ע ס!

5

פערגעסען דיך? איך ווייס ניט ווער
אַ האַרץ האָט אַזוי אייזיג־קאַלט,
ער זאָל דערמאָהנען דיך, און באַלד
ס׳אויג זאָל ניט נאַס זיין פון קיין טרעהר.

זאָל פיהלען יעדער ווי ער וויל,
זאָל יעדער טאָהן ווי איהם געפעלט.
ווייס: איינער איז דאָ אויף דער וועלט
וואָס דענקט אָן דיר און שלוכצט אין שטיל.

6

„געענדיגט איז דיין לעבענס־ליעד,
געבראָכען איז אין מיט דער טאָן...
הויבט ערגעץ זיך אָן אַנדערער אָן,
טאָ וואָס איז דאָ דער אונטערשיעד?

איין בלימעל מעהר, איינס ווייניגער,
וואָס מאַכט עס אויף דער וועלט דען אויס?
די וועלט איז רייך און ברייט און גרויס,
און בלימלעך וואַקסען מעהר און מעהר."

איך זוך זיך טרייסטען, אָבער שטום
פאַר מיר דער טרייסט, איך הער איהם נישט.
קוים האָב איין טרעהר איך אָפּגעווישט,
אַ צווייטע קומט — ס׳ א י ז ד א ך מ י י ן ב ל ו ם !

7

דו האָסט ניט אויסגעלעבט די יאָהר,
דו ביסט געשטאָרבען דיר אַזוי
באַנעצט פון פרישען יוגענד־טוי,
און גלאַט דיין הויט און ברוין די האָאר,

און העל דיין אויג, די ליפּען פריש,
געשוועבט האָט נאָך אויף זיי דאָס ליד.
געוואוסט האָט נישט וואָס לעבענס־מיד,
וואָס וועהטאָג איז, וואָס ביטערניש.

און ווי אַ בלום פון טוי באַפייכט,
וואָס הייבט ערשט אָן זיך צו צובליהן,
פון איהר גענאַשט האָט נאָך קיין ביהן,
דאָס ליכט אומוואָרבט זי און באַלייכט.

און זי פאַרשעהמט און אומבאַוואוסט,
באַהאַלט איהר וועזענס גרויסען סוד
פון אַלעמען אַזוי זיך גראָד,
ווייס ניט פון צער, ווייס ניט פון לוסט.

8

דו שוועבסט פאַר מיר און קוקסט אום דיר
מיט דיינע אויגען טיעף און גרויס,
דער דופט פון פיאַלקעס און פון רויז
טוט זיך אַ שפּאַר אין קאָפּ אין מיר.

דו קוקסט מיך אָן און אָהן אַ ברעג
זיך שפּיגעלט טרויער אין דיין בליק.
זאָג, בענקסטו נאָך דער וועלט צוריק,
פון וועלכער דו ביסט פריה אַוועק?

אַ טרויער שוועבט פון דיר אַראָפּ,
וואָס האָסט ביים לעבען ניט געקענט,
און קראַמפּהאַפט דריק איך מיינע הענט,
און טיפער בויגט זיך מיר דער קאָפּ.

9

„געענדיגט איז דיין לעבענס־ליעד,
געבראָכען איז אין מיט דער טאָן...
הויבט ערגעץ זיך אַן אַנדרער אָן,
טאָ וואָס איז דאָ דער אונטערשיד?

וואָלסטו געלעבט כאָטש מעהר יאָהר נאָך,
ביז ערשטע יוגענד וואָלט פאַרבליהט,
וואָלט זיך באַרוהיגט מיין געמיט,
וואָלט קלענער דאַן געווען דער בראָך.

דו וואָלסט זיך אָנגעטרונקען זאַט
מיט לעבענס־טרונק און זונען־גלאַנץ
און וואָלסט געגאָסען פול און גאַנץ,
וואָס ס'האָט דאָס לעבען גרייט געהאַט.

און וואָלסטו דיר אַוועק זיך דאַן,
וואָלט קיינער ניט קיין וואָרט גערעדט
פון פריה אַוועקגעהן אָדער שפּעט
און צי איז קורץ דיין לעבענס-שפּאַן.

וואָלט אפשר גרויס געווען די קלאָג,
געטרויערט וואָלט אַ מאַן, אַ קינד,
וואָלט מען ניט זאָגען: ס'איז אַ זינד,
ז'י האָט ניט אויסגעלעבט איהר טאָג!

10

דאָך וואָס האָסטו פאַרלוירען דען?
אַ יאָהר אַרויף, אַ יאָהר אַראָפּ...
מיר דאַנקען פאַר דער גרויסער גאָב,
וואָס דו ביסט דאָ מיט אונז געווען.

מיר דאַנקען דעם, וואָס האָט געבראַכט
אין אונזער לעבען דיך אַריין,
מיר דאַנקען פאַר דעם העלען שיין,
וואָס האָט אויף אונז אַזוי געלאַכט.

11

מיט וואָס פאַר רעכט, מיט וואָס פאַר רעכט,
כאָטש אונז איז וועה און אונז איז ווינד,
דאָס שרייען בייז, דאָס שטורמען בלינד?
דיין גורל זיכער איז גערעכט.

עס איז מסתם געווען באַשערט,
האָסט פריה געדאַרפט פון דאַנען געהן.
מיר האָבען דיך ג ע ז א ל ט נור ז ע ה ן.
צו ה אַ ל ט ע ן דיך? — געווען ניט ווערט.

12

איז פריהער טויט, איז שפּעטער טויט —
עס בלייבט זיך גלייך אין לעבענס קלייט,
אַרויסגענומען ווינציג פרייד,
איז קלענער צער, איז ווינציג נויט.

עס מאַכט ניט אויס, נור ווען טוט בלויז,
צו פריה אין קבר אויסגעבעט.
געשטאָרבען פריה, געשטאָרבען שפּעט —
אַ יעדער לעבט זיין לעבען אויס...

13

איז ווערט געווען דאָס פּוסטע שפּיל,
דאָס זינגען, יובלען אַ מינוט,
דאָס אויגען־שטראַהלען, הייסע בלוט,
דאָס זיסע שמייכלען, לאַכען פיל?

איז ווערט געווען צו זיין ווי שעהן!
און גיסען פרייד מיט פולער האַנד
אַ קורצע וויל אַזאַ פאַנאַנד?
איז ווערט געווען, איז ווערט געווען?

14

ס׳איז ווערט געווען, ס׳איז ווערט געווען
צו לעבען קורץ, דאָך לעבען רייך,
און הויכען מוט אויף דעם, וואָס בלייך,
און וואָס איז מיאוס צו מאַכען שעהן.

ס׳איז ווערט געווען, ס׳איז ווערט געווען!
דער בלומען דופט, דער פויגלען זאַנג,
דאָס זונליכט דויערט אויך ניט לאַנג,
ס׳מוז פריהער, שפּעטער אַלץ פאַרגעהן!

15

ווי פיין געשפּאַנט אַ ווינטען־האַרף
מיט סטרונעס, וואָס פון צווייגען געהן,
וואָס, ווען עס הויבט אַ ווינד אָן וועהן,
זיפצט שטענדיג צאַרט און קיינמאָל שאַרף.

און שפּינוועבס אויף די סטרונעס ליעגט,
וואָס רייסט זיך צאַרט, ווען לייכט דער ווינד,
אַ ציטער טוט אין זיי געשווינד
און קוים די פיינע סטרונעס וויגט, —

אַזוי איז צאַרט געשפּאַנט געוועזן
דיין אייגען האַרץ אין לעבענס־בוים.
אַ ווינט געוועהט האָט אין דיין טרוים
געשפּונען פּיין, געשפּונען שעהן.

צעריסען האָט זיך אויפן אָרט,
זיין צאַרט געוועב האָט זיך צופּליקט,
דו האָסט דיין צער אין דיר דערשטיקט
און האָסט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט.

און ווייטער האָסטו וואונדערבאַר
פאַרשפּרייט אַרום דיר חן און לוסט,
און טיעף נור, טיעף נור אין דיין ברוסט
געזיפצט האָט שטיל דיין שטומער צער.

16

ווי דימענט ניט דערשליפען גאַנץ,
כאָטש אומגלייך ניט, ביינאַכט, פון ווייט,
פון נאָהענט נאָר, צו יעדער צייט,
דאָך שטראַהלט אַרויס זיין עכטער גלאַנץ,

אַזוי פון נאַכט, ווייט, אומגעזעהן,
שטראַהלסטו אַרויס און פריי פון זינד,
אַ חנ׳עוודיג, אומשולדיג קינד,
געלייטערט, עכט, קריסטאַלען־ריין.

17

איך האָב אַ מוזיק־שטיק געהערט
פון עדלע קינסטלער־הענד געשפּיעלט,
פיין אויפגעשטעלט און טיעף דורכפיהלט,
און גלייך האָב איך פון דיר געקלעהרט.

עס האָט ווי דו, אַ ווייל געלויכט,
פאַרחלומט, מיסטיש, ווייט, פאַרקלעהט,
עס האָט געבענקט, געהאָפט, באַגעהרט,
און פּלוצים שטיל זיך אויסגעהויכט.

18

איך שלאָף, שטעה אויף — און זעה דיך אַלץ,
אַ הויך דיין קערפּער שוואַך באַוועגט,
דיין פּנים איבער מיר געבייגט,
איך פּיהל דיין אָרעם אום מיין האַלז.

מיר קלאַפּט דאָס האַרץ, מיין אָטעם שווער,
די אויגען פינקלען שטענדיג באַך,
און זעהן מיך אָן. איך האַלט דיך דאָך!
דו בלייבסט איצט דאָ, פאַרשווינדסט ניט מעהר!

19

איך האַלט אין האַנד אַציגד דיין בילד,
כ׳דערמאָן זיך וואָס און ציטער לייכט,
און ס׳ווערען מיינע אויגען פייכט —
דו קוקסט אויף מיר אַלץ אַזוי מילד.

ווי איז דער גרויסער מענש דאָך שוואַך!
אַ בלאָז — אויס פרייד און מאַטערניש!
טויט ס׳איידעלסטע באַשעפעניש,
דאָך אייביג לעבט אַ טויטע זאַך.

20

איך הער דיין קלינגענדיגע שפּראַך,
וואָס לאַשטשעט מיך פאַרפיהרעריש,
און שאַלט אַרויס אין טאָן־געמיש
האַלב זינגענדיג, האַלב אין אַ לאַך.

און ס׳רוישט אום מיר, ווי אין אַ וואַלד,
ווען פריש אַ ווינד דורך צווייגען וועהט,
דער פויגלען־זאַנג זיך ווייט צוגעהט,
פאַרשייט פון פעלד אַ טייכעל פאַלט.

21

איין טאָג פאַרגעהט און נאָך אַ טאָג:
ביסט אַלץ נישטאָ, נישטאָ אַלץ, קינד,
דער קאָשאַמר ביסלעכווייז צורינט,
וואָס אויף מיין האַרץ איך טראָג און טראָג.

איך הויב אָן ביסלעכווייז פאַרשטעהן,
ווי פון אַ טיפען רויש געוועקט,
פאַרפאַלען אַלץ איז און געעקט —
איך וועל דיך קיינמאָל, קיינמאָל זעהן!

22

איצט בין איך שטיל, איצט בין איך שטיל,
און מיין פראָטעסט קלינגט קוים נאָך, שוואַך,
ווי אויף אַ גרויסער ים'ען פלאַך,
וואָס שפרייט זיך אויס אָהן סוף, אָהן ציעל,

וואו ס'האָט אַ צפון־ווינד געבראַכט
אַ שטורעם, וואָס האָט שטאַרק געברויזט —
איצט רוהיג אַלץ, נאָר שטילקייט הויזט
און קליינע וועלען שלאָגען זאַכט.

23

קען זיין, אַז אונטען טיעף אין נאַכט,
כאָטש אויבען־אויף איז רוהיג־שטיל,
דאָרט צאָרענט זיך און וואָיעט פיעל,
און אויסברעכען וועט עס מיט מאַכט.

אַרויסשטורמען וועט בלינד און שוואַרץ,
וואָס אָנגעקליבען האָט זיך דאָרט,
איין הויך, איין בענקעניש, איין וואָרט —
און ס'וועט צוברעכען זיך מיין האַרץ.

24

איך בין נישט שטיל, נאָך שטענדיג נאָגט
אַ פיינער אומעט אין מיין ברוסט,
און גליהט דאָרט שטיל און אומבאַוואוסט,
ווי פלוט, וואָס אָן אַ ברעג זיך שלאָגט.

זי שלאָגט זיך אָן און פליסט אַוועק,
דאָך אויף די כוואַליעס שוועבט קיין רוה,
דען ווידער שווימט די פלוט זיך צו,
און וואַרפט זיך ווידער אויף דעם ברעג.

25

איך האָב געטרוימט, דאָס איך בין קאַלט,
מיך אַרט שוין גאָרניט מעהר דיין טויט,
געבלייכט און טיעף די באַקען רויט,
די האָאר שוין גראָה, דאָס פּנים אַלט.

דאָך ניט געביטען איז דער בליק,
אַלץ יונג, פול חן, קוקט אָן מיך שיעף,
איך קוק זיך איין איז פּנים טיעף —
דו שוועבסט פאַר מיר פאַריונגט צוריק.

26

איך האָב געזוכט דאָס גרויסע גליק,
געמיינט איך וועל עס קיינמאָל זעהן,
דאָס גרויסע אומגליק איז געשעהן,
און נאָר דער אָנדענק בלייבט צוריק.

איך האָב דערמאָנט זיך אָן דיין בליק,
איך זעה עס קלאָר: ס׳איז דאָ געווען
מיין גליק, נאָר כ׳האָב עס ניט געזעהן.
און עס קומט קיינמאָל מעהר צוריק.

27

ווי בין געוועזן איך אַזוי בלינד —
מיין שולד! איך בין אַוועק מיר ווייט
צו זוכען גליק ביי פרעמדע לייט,
און איצטער איז מיר וועה און ווינד!

אַוועק פון פריינד און הויזגעזינד,
כ׳האָב ניט געוואוסט, וואָס גליק באַדייט.
איצט, ווען מיר האָבן זיך צושיידט —
איצט וויים איך עס צו שפּעט, מיין קינד!

28

און אפשר איז ע ס ניט מיין שולד?
דער, וואָס האָט לעבען מיך געלערנט,
האָט זיך אויף מיר צו שנעל דערצערנט
און האָט פאַרלוירען זיין געדולד.

געלאָזט מיך געהן פון אָרט צו אָרט
אין וועג, וואָס איז באַשטיינט, צודערנט,
אין הימעל ברייט און אויסגעשטערנט
מיין שטערען אויסזוכען מיר דאָרט.

און איך האָב אויסגעוואָנדערט ווייט
און שטענדיג נאָך מיין גליק געגאַרט,
און דאָך האָב איך מיך אָפּגענאַרט,
וואו ס׳איז אַזוי פיעל גליק צוזייט.

און אין דער וועלט פון ענד צו ענד,
כ׳האָב מיך דערוואָנדערט מיד און מאַט,
און איך בין שוין פון וואַנדערן זאַט —
כ׳האָב ס׳גליק געפינען ניט געקענט.

איז עס מיין שולד? איז עס מיין שולד?
כ׳געה אום אומזיסט, כ׳געה אום און בענק,
דער לעהרער איז געוועזען שטרענג
און האָט פאַרלוירען די געדולד...

29

איך געה מיר אין דער מאַסע אום,
ווער אומגעשטויסען און געשטופּט,
ס׳האָט פּלוצים מיך ביים האַרץ געצופּט,
ווי כ׳האָב מיך אומגעקוקט אַרום.

איך האָב דערזעהען אַ געשטאַלט
אין וואוקס, ווי דו, דיין אייגנער גאַנג,
און בויגיג גראַד ווי דו און שלאַנק,
דער שווייס אַרויס אין אייזיג־קאַלט

און זיך געפּערלט אויף מיין שלייף:
געמאַניעט האָבען מיך די האָר,
כ׳האָב ניט געזעהן איהר אויגען־פּאָר,
כ׳האָב באַכגעשוועבט, ווי אויף אַ שלייף.

זי האָט אויף מיר זיך אומגעקוקט —
ס׳איז נ י ט געווען דיין צויבער־בליק!
איך האָב מיך אומגעדרעהט צוריק,
געקרענקט און שטיל זיך אָפּגערוקט.

30

ווי מוזיק ווייטע, וויט געשאַלט
צו איינעם, וואָס האָט נאָהנט געהערט,
קלינגט ווי ניט מעהר פון אונזער ערד,
און איהר קאַדענץ אַלץ טיעפער פאַלט.

און כאָטש איהר קלאַנג שטאַרבט מעהר אַלץ אויס,
דער, וואָס דערווייטערט זיך, פאַרבעמט
זכרון־טענער שוואַך, פאַרקלעמט,
ווען ס׳קלינגט אַם שטילסטען שוין דער ברויז.

אַזוי הער איך נאָך אין מיין שטוב,
כאָטש שטום ביסטו שוין לאַנג, שוין לאַנג,
דיין ווייכער שטימע׳ס ווייטען קלאַנג,
ווי טענער אויסגעהויכט פון גרוב.

31

וואָס הער איך יובלען איז דער לופט,
אַ קראַכען, קנאַלען, פרייד־געשריי?
דאָס שמעטערן טענער אַלערליי
און פריילין אַלץ צום לעבען רופט.

איך קוק זיך אום — איך בין אַ נאַר:
קיין יובלען און קיין שמחה שאַלט,
ס׳איז אַלעס טריב און וויסט און קאַלט,
און איך פאַרטויב אומזיסט מיין צער.

32

„איך האַלט זכרון אָפּ פון דאַן,
געוואוג, איך מוז זיך שוין באַפריין,
מוז אויך פאַר אַנדרע מענשען זיין!"
ענטשלאָסען זאָג איך דאָס, ביז וואַנ׳

ס׳קומט, ווי אַ באַכט־רויבער, בסוד
זיך ווידער אָן ערינערונג
און פאַלט אויף מיר מיט שנעלען שפּרונג
אין איהר געוואַלט מיך ווידער האָט.

33

איך בין אין פיעבער — כ׳זעה אַ באַרג,
וואָס ליגט און דריקט מיך אויף מיין ברוסט,
איך האָב דערפיהלט צו שטאַרבען לוסט
און נעם זיך ווייגען, ווייגען שטאַרק.

איך קוק אַרויף דאָרט אויף דעם שפּיץ,
וואָס אין די ווייסע כמאַרעס גרייכט,
דיין פּנים לויטער, רוהיג לייכט,
דו שמייכעלסט מילד פון הויכען זיץ.

איך קוק אויף דיר, שטרעק אויס די האַנד,
כ׳וויל גוסס׳ען געדריקט פון באַרג,
כ׳וויל ליידען, ס׳אַרט מיך ניט ווי שטאַרק,
געדריקט זיין? ס׳איז מיר גוט באַקאַנט...

34

איך בין אין פיעבער, שטאַרק אַזוי,
און זעה אַ באַרג שטעהן ביי אַ ים,
שטאָלץ, ברייט, באַגילט פון מאָרגען־פלאַם
און פייכט און פריש פון מאָרגען־טוי.

און די זיצסט אויבען — דיין געוואַנד
אַ שלייער ווייס, וואָס גרייכט אַראָפּ,
און שטאָלץ שוועבט אום אַרום דיין קאָפּ,
ווי פייער־קרוין דער מאָרגען־בראַנד.

איך כאַפּ דיין שלייער אויף און זעה
אַרויף צו דיר דאָרט אין דער הויך,
און טאַפּ מיין וועג צום וואָלקען־רויך,
דורך שטיין און פעלז איך געה און געה.

איך קלעטער, בין באַרוישט פון דופט
פון דיין געשטאַלט; שטעה ביי דיין טראָן,
אין מאָרגען־שיין איך כאַפּ דיך אָן
און דו — צוגעהסט זיך אין דער לופט.

35

עס וועהט דער ווינד שוין ווידער קאַלט,
די בלעטער פאַלען אָפּ פאַרגעלט.
עס קומט דער אָסיען אויף דער וועלט,
איך פיהל מיך מאַט אַזוי און קאַלט.

און איך האָב מעהר קיין שום באַגעהר,
ס׳איז אַלעס איינס — איך ווייס דעם טעם.
צו וואָס דער גרויסער טאַראַראַם?
אַ שאָד פאַרגיסען ד׳רויף אַ טרעהר.

עס וועהט שוין קאַלט און איך בין אַלט,
דאָס לעבען איז אַ נאַריש שפּיעל —
געווינסט אַ טאָג — געווינסט ניט פיעל!
מיין לעבענס בוים אַלץ טיעפער פאַלט.

יאָ, איך בין אַלט, די וועלט איז אַלט,
און אַלץ פאַרוויאַנעט איז און פוסט,
כ׳פיהל ניט קיין שמערץ, כ׳פיהל ניט קיין לוסט...
דאָ שווימט אָן ווידער דיין געשטאַלט.

זי שוועבט פאַר מיר אַלץ אייביג יונג,
און וואָרים ווער איך נאָך אַמאָל,
דאָך אויף ווי לאַנג? מיין טאָג איז שמאָל —
באַלד ווידער שטאַרבט עריגערונג.

און איך ווער ווידער קאַלט און אַלט
און אַלץ ווערט בלייך און אָפּגעצעהרט,
באַלד — און די קעלט האָט אַלץ צושטערט,
און מיד מיין לעבענס־בוים צופאַלט.

36

האָסטו געזעהן ווי טויבען פליהן?
א גרויסע כמאַרע הוזשט פאַרביי,
ווי לעבענדיגע שטיקלעך בליי,
געמישט מיט קופּער, שטאָהל און צין.

זיי דרעהן זיך אום, ווי אויף באַפעהל,
עס רוישט דער רייכער פליגלען־וואַלד,
מיט רעש דער טויבען־רעגען פאַלט
און פּיקט שוין אויף זיין אַלטער שטעל.

און ווידער פליהען זיי אַפיר,
און אַלע גלייך, מיט גלייכען שאַל,
און דרעהן זיך ווי אויף א י י ן סיגנאַל?
— אַזוי די געדאַנקען מיין פון דיר.

37

ווי אונטען אין א הויפען אַש,
א פונקען שטיל נאָך גלימט און גליהט,
פון איהם אַ ליכט־פאָדים זיך ציהט,
ווי וויין־דופט פון אַ לעערער פלאַש, —

אַזוי אין האַרץ, דעם שמערצענס־טאַש,
וואָס שטענדיג האָט דיין בילד געהיט,
דער פונק צו דיר, די ליעבסטע, טליהט
אין חרוב׳ן זכרונות־אַש.

38

איך געה אַרום נאָך אַלץ באַטויבט,
ווי ס׳וואָלט אַ טשאַד אין קאָפּ אַריין
נאָך שיכור׳ן פיעל גלעזער וויין,
וואָס לאַנגזאַם, זיס די חושים רויבט.

און אפשר איז אַזוי דאָך גוט...
איך קען ניט פיהלען מיך צורעכט,
צי מיר איז גוט, צי מיר איז שלעכט —
טעמפּ מיין געמיט, עס שווייגט דאָס בלוט.

ווי ביי אַ שטאַם ווייט אין אַ לאַנד,
וואָס אַ פאַראורטיילטען צו טויט
באַרוישען, עס זאָל איהם זיין טויט
און טויטען־קוואַל זיין אומבאַקאַנט.

39

פאַרוואָס האָב איך ניט דאַן געקלאָגט,
ווען ס׳האָט דאָס שיקזאַל אכזר׳דיג
צושטערט דאָס גרעסטע, שעהנסטע גליק,
דאָס טייערסטע, וואָס כ׳האָב פאַרמאָגט?

דער אמת איז, עס האָט געלעבט
אין מיר אַ וועהטאָג אַזוי גרויס,
ר׳האָט פליהען ניט געקאָנט אַרויס,
אין האַרץ האָט ער זיך איינגעוועבט.

40

דאָס טייערסטע פאַרלוירען שוין,
פאַרלירען קאָן איך גאָרניט מעהר!
כאָטש איינגעהן אויפ׳ן בראָך איז שווער,
דאָך איז דאָס ביי דיין טויט דער לוין:

פאַר איין און אַל׳מאָל אויס! וואָס נאָך
וועט אויפטרייסלען, ערשיטערן מיך?
איך האָב פאַרלוירען אַלעס — דיך!
מיר איז געשעהן מיין גרעסטער בראָך!

41

כ׳וועל אויסהאַלטען נאָך אָט דעם בראָך,
דאַן איז דאָס ערגסטע שוין געשעהן,
איך קען אויף אַלץ שוין לייכט באַשטעהן,
און שטעכען קאָן מיך מעהר קיין שטאָך.

און איך וועל ווייטער לעבען דאָך!
ווי לעבען? כ׳ווייס ניט, בלינד דער וועג,
מיר שווינדעלט ווי ביים אָפּגרונד־ברעג,
כ׳וועל אויסהאַלטען נאָך אָט דעם בראָך!

42

וואָס וועט דאַן זיין מיין לעבענס־פּלאַן?
איך ווייס ניט, האָב קיין פּלאַן געמאַכט,
איך האָב צומאָל ניט נאָכגעטראַכט,
כ'האָב דענקען ניט געקאָנט דאַראַן.

ווי אַ פאַרלאָשענער וואולקאַן,
וואָס אויסגעשאָסען האָט זיין גלוט,
איצט שלאָפט אין שנעע שטאָט לאַוואַ־גלוט:
צו שלאָפען, קאַלט — דאָס איז מיין פּלאַן.

43

וואָס זינג איך אַלעס איצט אַרויס
ביים פריהען טויט? עס איז ביי מיר,
אָה, נעם פאַרליב! עס איז ביי מיר,
ווי אין דעם טיפען שוואַרצען שויס

פון א לאַנג־שוויינענדען וואולקאַן,
וואָס קאָכט זיך, קאָכט זיך אין זיין בויך,
ער גיסט ניט אויס — נאָר שפּייט מיט רויך
ווי דאַמף זעצט פון אַ וואַסער־פאַן.

האָט אָבער אָנגעקליבען זיך
צופיל דאַמפען, ער האַלט ניט אויס,
צושמעטערט אַלץ און ברעכט אַרויס,
אַזוי ווען איך געדענק איצט דיך.

44

געשוויגען האָב איך לאַנג, ווי לאַנג!
ווען אָנגעקליבען האָט זיך צער,
איצט קומט דער אויסברוך וואונדערבאַר,
איצט מוז איך, דען מיין האַרץ איז קראַנק!

עס וועבט זיך שוין דאָס פיעבער אויס,
און איך דערוואַך שוין, איך דערוואַך,
שוין אַנדערש זעה איך יעדע זאַך,
און ס'שווימט אין קאָפּ אַן עכאָ בלויז.

ווי אין אַ לעערען קאַרשען־קויש
האָפּט נאָך דער דופט פון קאַרשען־זאַפּט,
אַזוי אין מיין נשמה האָפּט
דער ריח פון מיין גרויסען רויש.

45

דאָך אייביג בלייבט אין האַרץ די וואונד,
איך וועל זי טראָגען אַ געשאַנק
טיעף איינגעקריצט אין מיין געדאַנק,
ווען איך וועל ווערען שוין געזונד.

די טיעפע וואונד איך בענש און בענש,
כאָטש קאָסטען קאָסט זי מיך, אך! פיעל! —
ניט מעהר דאָס דענקען און געפיהל,
איך בין ניט מעהר דער זעלבער מענש!

46

ניט מעהר וואָס פריהער כ׳בין געווען.
איך ווייס ניט, איך דערקען מיך ניט,
און צווייפעלנדיג זיך שטעלט מיין שריט.
וואָס איז מיט מיר אַזוינס געשעהן?

עס איז מיר אַלעס פרעמד און ווילד,
כ׳מוז לערנען זאַכען אַלערליי,
כ׳מוז לערנען לעבען אויף דאָס ניי,
איצט, ווען מיין צער האָט זיך געשטילט.

47

וועל איך עס לערנען? כ׳ווייס עס קוים,
כ׳האָב אפשר מעהר ניט פעהיגקייט,
כ׳האָב אַלץ פאַרגעסען דורך דער צייט.
פאַר מיר וועט שטענדיג שטעהן דער טרוים.

איך זעה דעם טרוים, ווי ער זיך שטעלט
אויף יעדען קעהר און יעדען בויג,
און שוועבט אַריבער פאַר מיין אויג,
שטעהט צווישען מיר אַלץ און דער וועלט.

װעל איך איהם איינהאַלטען אין צוים,
װעל קענען איך? איך װײס עס ניט —
צו לערנען נײַע לעבענס־שריט?
װעל איך זיי לערנען? כ׳װײס עס קוים.

48

זאָל איך דיך איינהאַלטען אין צוים?
איז אפשר בעסער לאָזען פריי,
דיך שאַלטען, װאַלטען פון דאָס ניי,
אַ שעהנער, אומרעאַלער טרוים?

כ׳װעל ניט צופאַסען קענען מיך —
װער װײס? — צו אַלעם אַרום מיר,
װעל איך כאָטש װענדען זיך צו דיר,
און װעל אַלס טרייסט דאַן האָבען דיך.

49

איך ריזיקער, גיב איך דיך אויף,
ביים װידער אויפלעבען, אך — פיל!
עס װאָלט אַ װילדעס טייװעל־שפּיל
געװען פון דאַן מיין לעבענס־לויף!

װי איינער, װען פאַרצװייפלונג הייסט,
זיך װאַרפט און טרינקט אין טייכען־פלוט,
װאָלט איך זיך אומװאַרפען אָהן מוט,
אָהן צװעק. בלייב טרוים און זיי מיין טרייסט!

50

עס האָט געזשומט אום מיר אַ ביהן
אַזוי פיין און היימליך אוו באַקאַנט,
כ׳בין איינשטעהן ניט געװען אומשטאַנד
כ׳האָב זיך געקעהרט צו איהר אַהין.

דאָס ביסטו אַלץ, דו ביסט געװען.
די פליגלאַך — דיינע אָרעמס קלאָר,
דאָס פּנים דיינס און דיין די האָאָר —
כ׳האָב דיך אַזוי אַמאָל געזעהן.

זיך לעגען אויסגעשטרעקט אין גראָז,
די בלויזע אָרעמס ווייט צושפּרייט,
אויף דיר א פּיל־קאָלירטעס קלייד.
דו האָסט געזשומט, איך ווייס ניט וואָס.

איך האָב געוואָלט דיך כאַפּן, ביהן,
און נאַשען פון דיין האָניג בלינד,
האָסט אויפגעהויבען זיך געשווינד,
און האָסט גענומען ווייטער פליהן.

דו האָסט געמאַניעט אָהן אַ שיעור
און האָסט געשפּרונגען און געזשומט,
מיין אָטעם האָט אין מיר פאַרשטומט,
מיין האַרץ האָט נאָכגעטאַנצט נאָך דיר.

און נאָכגעטאָן אַ יעדען שפּרונג
און מיט די אָרעמס אומגעשוועבט.
אַך, דאַמאָלס האָסטו נאָך געלעבט,
מיין האַרץ איז נאָך געוועזען יונג!

51

האָסט נאָך אַמאָל פאַר מיר געשוועבט:
דיין פּנים שטראַהלט, די אָרעמס בלויז,
איך קוק זיך איין און ס'ווייזט מיר אויס,
אַז דו האָסט קיינמאָל ניט געלעבט.

אַ טרויער־הויך אין בליק, וואָס מילד,
און רוהיג קוקט — איך האָב דערזעהן:
דו ביסט ביים לעבען ניט געווען,
איך האָב געזעהן דיך אויף אַ בילד.

דו ביסט געווען דאָרט אויסגעמאָלט,
ווי דו שטעהסט איצטער: רוהיג, שטיל,
דיין הויט — אַ ליכט און שאָטען־שפּיעל,
די האָאָר העל־ברוין, באַשפּראָצט מיט גאָלד.

אום דיין געשטאַלט האָט זיך געוועבט
א גראָהער סוד האָט דיך פאַרהילט,
יאָ, ביסט געוועזן נאָר אַ בילד
און האָסט אין אמת נישט געלעבט.

52

איך געה און זעה דיך איבעראַל,
בין צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק,
אַז שטענדיג, מיין גאַנץ לעבען לאַנג
ביסט נאָר געווען אַ אידעאַל.

אַלץ אַנדערע איז אומרעאַל,
איך דענק עס נאָר, ווען איך בין קראַנק,
האָסט ניט געלעבט, צו וואָס טאָן באַנג?
ביסט נאָר געווען אַן אידעאַל.

53

מען זאָגט דו ביסט נאָר אַ מאָטיוו,
אין אמת גאָרניט וואונדערבאַר.
מען שפּאָט: צו גוט געווען, אַ נאַר,
פאַר איהרע יאָהרען צו נאַאיוו.

איהר מיינט, איהר האָט זי אָפּגעשלאַכט,
די חכמה איי׳רע נעמט און געהט.
דו ביסט ניטאָ, איצט פעהלט די פרייד,
געבענשט זאָלסט זיין, ווייל ד׳האָסט געלאַכט!

54

כ׳זוך זיך באַפרייען פון וואָס כ׳לייד,
עס אויסצוגיסען איז אַ ליעד,
דאָך בין איך דאָס צו טאָן שוין מיעד,
דאָס ליעד האָט נ י ט פון לייד באַפרייט.

ס׳ווערט אויסגעשעפּט נאָך מעהר מיין כוח,
דאָס ביסעל נערוו־קראַפט, וואָס מיך האַלט,
מיין לעבענס־פּולס גאָר נידריג פאַלט,
געבראָכען... ס׳מישט זיך אַלץ אין מוח.

וואו איז די רעטונג, זאָג מיר, וואו?
אין יאוש־שרעק איך פרעג אַזוי,
ס׳האַלט זיך מיין לעבען אויף אַ שטרוי,
ניט בעסער אפשר זיין, ווי דו?

און אויף קיין רעטונג מעהר איך האָף,
כ׳זינק טיעפער אַלץ צו יעדער צייט,
דאָס ליעד — עס האָט מיך ניט באַפרייט.
וואָס איז דער סוף, וואָס איז דער סוף?

55

כ׳האָב אָנגעוואוירען גאַנץ מיין קראַפט,
קוים וואָס איך געה, קוים וואָס איך שטעה,
דאָס איז דאָס ענד, איך זעה עס, זעה —
עס צעהרט מיין מוח זיין לעצטען זאַפט.

און איך בין גאַנץ שוין רעזיגנירט,
און לאָז געשעהן, וואָס וויל געשעהן.
וואָס מאַכט עס אויס: איך בין געווען —
איך געה, וואוהין מיין שיקזאַל פיהרט.

צו וואָס האָט אַלעס גאָר געטויגט?
צו זיין, ניט זיין — קיין אונטערשיעד,
כ׳בין מיעד און מאַט, אָה, מאַט און מיעד,
כ׳געה נאָך מיין שיקזאַל שיעף געבויגט.

56

עס איז איצט נאַכט און איך פאָהר אום
און טראָג דיין בילד מיט אין מיין האַרץ,
דאָס שיפעל שניידט די וועלען שוואַרץ,
עס קלאַפט אין טאַקט און אַלץ איז שטום.

קיין שטערען לויכט אין שוואַרצער נאַכט,
קיין ליכט דורכבריכט די געפלען־וואַנד,
איך שווים אין ווייטקייט אומבאַקאַנט,
ווייס ניט, וואָס האָט מיך דאָ געבראַכט.

און מיר איז וואויל און מיר איז גוט,
אַליין אַזוי און גאַנץ אַליין,
און ס׳גיסט אַרויס זיך מיין געוויין,
און טרינקט זיך אין דער שוואַרצער פלוט.

57

עס טרייבט זיך אַלץ מיין שיפעל אום,
דאָס וואַסער איז אַלץ שוואַרץ און שטיל,
איך ליעג באַטויבט און אָהן געפיהל,
און אַלץ אין מיר איז טויט און שטום.

דאָ קרייזעלט זיך די וואַסער־פלאַך
און דורך אַ מעכט׳גען ווינטען־שטורך
רייסט זיך די וואַנד פון נעפלען דורך,
מיך בריהט אַ ליכטשיין, איך ערוואַך.

און איך בין טעמפ און שוואַך און קראַנק,
און ביסלאַכווייז צינדט זיך — איך זעה —
מיין לעבענס־פונקט און לעבענס־וועה,
און מיר ווערט באַנג, ווי שרעקליך באַנג!

פון שוואַרצען גאָרניט אויפגעוועקט,
צוריק שוין פון אומענדליכקייט,
ניט אויפגעלעזט און ניט באַפרייט,
און ניט פון לעבענס בוך פערמעקט.

און ווידער פלאַטערט אום דער צער,
און זינקט אין מיין נשמה איין,
און ווידער נאָגט ער טיעף און פיין,
איך בין זיין שקלאַוו און ער מיין האַר.

און פלוצים וואַכט אין האַרץ ביי מיר,
אין ווייס ניט ווי — ס׳איז וואונדערבאַר —
אַ טיעפע ליעבע צו דעם צער.
איז עס, ווייל ער דערמאָנט אָן דיר?

איבערזעצונגען

„דיעס אירע״ — (דער טאָג פון צאָרן)

(איבערזעצט פון לאַטייניש פון הייליגען טהאָמאַס
פון אַקווינאַס)

יענעם טאָג, דעם טאָג פון צאָרן
ווערט די וועלט אין פלאַם פאַרלאָרען
און איז אַש ווערט זי געבאָרען,

וואָסער ציטערן וועט פאַרניכטען
ווען דער ריכטער קומט צום ריכטען,
שטרענג וואָס גוט און בייז איז שליכטען. 1)

וואונדער וועט דער שופר בלאָזען,
אויף די קברים׳ס דיכטע גראָזען,
אַלץ דעם רוה־אָרט וועט פאַרלאָזען.

טויט און די נאַטור זיי שווייגען,
ס׳וועט זיך וואָס באַשאַפען צייגען,
פאַר דעם ריכטער׳ס טהראָן פאַרנייגען.

ווען דעם ספר וועט מען ברענגען
וואו אויף יעדען אות, דעם שטרענגען,
וועט דעם וועלט־באַל׳ס גורל הענגען.

ווען דעם ריכטער׳ס זיץ פאַרנומען,
וואָס באַהאַלטען אויפגעשוואומען,
אַלץ וועט זיין געצאָהלט באַקומען.

מיט וואָס וועל איך פאַר איהם טרעטען,
וועמען אַלץ באַשיצער בעטען
ווען גערעכטע קוים זיך רעטען?

קעניג, דו, פון פראַכט און שרעקען,
לאָז דיין רחמים זיך דערוועקען,
לאָז דיין האַרץ מיין זינד פאַרמעקען.

זאָלסט מיך, גרויסער גאָט געדענקען,
דו וואָס טוסט דעם ערדבאַל לענקען, 2)
דו זאָלסט מיר מיין לעבען שענקען.

דענק וואָס וויַנציג מיר פאַרמאָגען,
ווי דיין גנאָד האָט אונז געטראָגען
און זאָלסט אונז נישט דאַן דאַרשלאָגען.

גאָט פון נקמה, דו גערעכטער,
רחמים האָב, דו שטרענגער וועכטער,
מיט די מענשליכע געשלעכטער.

זעה, איך זיפץ, ווייל איך בין שולדיג,
רויט פון שאַנד, זיי דו געדולדיג,
גרויסער גאָט, וואָס דיר איך הולדיג 3)

דו האָסט טרייסט און גנאָד געגעבען
די וואָס שטילע האָפנונג וועבען,
לאָז מיך אויך ביים אייביגען לעבען.

צווישען שאָף לאָז פלאַץ מיך קריגען,
שטעל מיך ניט אין מיט פון ציגען
ביי דיין רעכטער האַנד לאָז ליגען.

ווען דו ווערסט די שלעכטע שטראָפען
ווען ס'האָט דיין פלאַם געטראָפען,
לאָמיך מיט געבענשטע האָפען.

כ'בעט געבויגט דיך אויף די קניען,
אַש מיין האַרץ, די ליפען גליהען,
זאָלסט מיין מוטשען נישט פאַרציהען.

טרעהרען נעם אין טאָג כּ׳ן צאָרן,
ווען פון אַש ווערט אַלץ געבאָרען,
ריכט מיט גנאָד אַ מענש וואָס שולדיג,

זיי מיט איהם, מיין גאָט, געדולדיג.
זאָלסט דיין גרויסען חסד טוען,
לאָז איהם, לאָז אויף אייביג רוהען.

---

1) שליכטען — אורטיילען.
2) לענקען — פיהרען.
3) הולדיג — פאַרבויגען ויך.

דריי פעדים פון גאָלד

פון לעקאָנט דע־ליל

(איבערזעצט פון פראַנצויזיש פון מ. א. הערבערט)

אַהין איבער׳ן ים, ווי אַ ציטערנדיג שוועלבעל,
ווי וואָלט איך דאָרט פליהען ווייט, פליהען געוואָלט,
דאָך וואָס טויג מיין ווען, ווען ס׳האָט מיר די שלעכטע
געבונדען מיין האַרץ מיט דריי פעדים פון גאָלד.

דער איינער — איהר קוק, דער אַנדערער איהר שמייכעל,
דער דריטער איהר ליפּ, אָה, די פרישינקע בלום!
איך ליעב זי צו שטאַרק און איך פּייניג זיך, פּייניג,
מיט די פעדים פון גאָלד נעהמט זי ס׳האַרץ מיינס אַרום.

אָה, וואָלט איך געקענט פון זיך רייסען די קייטען,
אַדיע, טרערען, פלאָג, כ׳וואָלט געפלויגען דאַן פריי!
דאָך ניין, עס איז בעסער צו שטאַרבען און ליידען,
ווי רייסען אייך, גאָלדענע פעדים, איהר דריי!

דאָ אונטען...
פון סאָללי פּריודהאָם
(איבערזעצט פון פראַנצויזיש)

דאָ אונטען רויזען בלייך פערבליהען
און פרי שטאַרבט אָב דער פויגעל־זאַנג,
איך טרוים פון טרוימען, וואָס זיך ציהען
אייביג־לאַנג...

דאָ אונטען ליפּען שנעל פערגליהען
און זייער זייד בלייבט ניט אויף לאַנג,
איך טרוים פון קושען, וואָס זיך ציהען
אייביג־לאַנג...

דאָ אונטען קלאָגט מען אויף דעם פריהען
גוט־פריינדשאַפטס־ליבע־אונטערגאַנג.
איך טרוים פון ליעבעס, וואָס זיך ציהען
אייביג־לאַנג...

די בערזע (בירזשע)
פון עמיל ווערהאַרען
(איבערזעצט פון פראַנצויזישען אָריגינאַל אין אָריגינעלען ווערזמאָס)

אַ גרויסע גאַס און הייזער מיט פיער ווינקלען,
זיי גרעניצען אָפּ די וועלט און מיט גראַניט פאַרצאַמען,
אַ שטיין מיט אויגען: ווערענדעס, פענסטער, וואו אין גלאָריען־פלאַמען
פון אָוועגט־זיי־געזונד די שויבען פינקלען.

און ווי אַ טאַרס געגאָסען פון מעטאַל און שטיין,
וואָס נעמט אין אונרייגעם מיסטעריום
דאָס וועלטען־האַרץ, דאָס קלאַפּנדיג־קייכענדע אַרום,
קענט איהר דאָס גאָלדענע מאָנומענט — די בערזע — זעהן.
אַרום איהר שוואַרצע באַנקען הענגען
אַרויס די שווערע פראַנטען פון אָרעמס פעסטהאַלטען
פון בראָנזנע, מוסקעלדיגע, מידע הערקולעס־געשטאַלטען,
וואָס הויבען פייערקאַסעס אויף און צו דער זיעג־סטאַטוע ברענגען.

דער פּלאַץ, וווּ זי קעמפט אויס איהר שלאַכט,
זויגט איין דעם ליאַרעם און דאָס פיעבער,
נעמט דעם פאַרלאַנג צו ליעבשאַפט איבער,
צום פּלאַץ און מויערן, וואו צונויפגעבראַכט
די גאַז־לאַמטערענס שטעהען אָהן אַן עק,
אין וועלכע בינטלאַך שאָטען ציטערן ווי אין שרעק
פון ליכטער פיעלע אויף די טראָטואַרען.

די פלאַמען און די קעסעלגריבער מישען אויס
חלומות אַזוי פיעל און פייערן טיעף־רויט
פון אויבען ביז אַראָפּ אין דעם שגעון־הויז!
דער שולדיגער און שרעק־געשטאַלטיגער געווינסט
קוועטשט זיך צונויף ווי קנויטען און געשפּינסט,
זעהט זיין פאַרלאַנג פאַרשפּרייטען זיך, פאַרמישען
פון שוועל צו שוועל צוהיצען אין זיין געהן
אין שטאָדט דעם שכן־שטאָלץ און ביי זיין דרעהן
הערט ווי אַ שטורעם זיפצען שווער די טישען.
די גראָבע לוקסוסען זיך קנאה'ן, בייזערן, צישען
און אין דעם וויכער דאָרט זעהט די באַנקראָטען
אויף איינמאָל און מיט קלעפּ ברוטאַלע פאַלען,
און אויף די קעפּ אָט זעהט זיי שוין צושאָטען
פון מאַנכען בורזשואַ, אַ גרויסען און מאָנומענטאַלען!

נאָכמיטאָג אין אַזאַ מאָמענט
דאָס פיעבער שטאַרקער, הייסער ברענט
און דרינגט דורך גאַנץ דעם מאָנומענט
איהר זעהט עס יעהרען פון די ווענט.
איהר זעהט דאָס פיעבער אין די לאָמפּען,
וואָס זיינען אומבאַוועגט ווי שטאַנגען
און שיפען אין אַ הייזעריגען כליפּען,
און לויפען דאַן פאַרביי די ראַמפּען
און רייסען זיך אַרויס, ווי מענשען, וואָס געפאַנגען,
אויף מאַרמאָר טרעפּען לויפען דאַן און סקריפּען
און אויף פאָרענטשעס גליטשען זיך און שיפען.

אַ כעס, וואָס פלאַמט אויף ריעזען־הויך
ביים אָפּנאַר־בילד פון האָפנונג בלייך,

רייסט דורך זיך דורך דער לעיקע אָפּטמאָל אויך
פון ליאַרעם און פון רויך,
דאָרט, וואו מען שלאָגט זיך אונטער מיט גנבות
די ציגער טרוקען, בליקען שאַרפע, מינעס, געסטען, שטורך נאָך שטורך
און מחות, וואָס אין שטורעם־ווינט מיליאָנען בלאָזען דורך,
זיי בייטען אויס דאָ זייער מורא, זייער שרעק.
אַלס מוט פאַרשטעלט זיך וואַגעניש
און וואַגעניש יאָגט איבער וואַגעניש.

אויף די טאָוולען פינגער קראַצען
דעם אַנגסט־שגעון אויס, דאָס ענגסטליך שאַצען,
און ציניש אַ דיסקאָנט דאָ צו אַ בליץ־שטראַהל ווערט,
וואָס דאָרט אין איין עק וועלט אַ נאַציאָן צושטערט,
כימערען פליגענדיג אין טאָגליכט ווערען, —
די שאַנסען שטאַרבען אָדער זיך פערמעהרען
עסקים, אָפּגעשלאָסען און געבראָכען,
באַקעמפּפען זיך, צושטויסען זיך און קאָכען.
עס ברענט די לופט. און ציפערען פּאַראַדאָקסאַל
אין פעקלאַך פּראָסטע, בינטלאַך שווערע
געוואָרפען ווערען און צוקוועטשט אין פאַל,
אָט אין געשלעג זעהט זיי צוזאַמענפּראַלען,
ביז די מיעדע סומען־פאַסען,
מאַסען געגען מאַסען
זיך צעפאַלען.

דעם טאָג, ווען קאַטאַסטראָפען זיך ענטשיידען,
באַצייכנען טויט און זעלבסטמאָרד — שטומע ליידען.
באַנקראָטען פאַלען דאַן צוזאַמען צו רואינען,
און אַלץ, וואָס זיי געווינען,
איז נאָר לויות רייכע.
אין אָוונט אָבער, אין די שעה׳ן בלייכע,
דאַן פלאַקערן ווילענס ווידער אויף אין פיבער
און כעס׳ן כיטרע זיך און מיט בעגיער
און הויבען ווידער אָן ווי פריהער.

און מען פאַרראַט זיך און פאַרלאַכט זיך און מען בייסט,
מיהט זיך פאַר יענעמס טויט און שווייסט.

עס שנאַרכט דער האַס אַזוי ווי אַ מאַשין,
און לויפט אַרום די, וואָס ער מאָרדט אַהער, אַהין
און מען באַ׳גנב׳עט און באַרויבט
די אָרעמע און דאָס גאַנצע ערלויבט.

מען מישט די עהרע אויס מיט שווינדעל,
דאָס אייגנע לאַנד שלעפט דאָס געזינדעל,
צום הייסען, שלעכט־באַ׳שמ׳טען גאָלד, צום האַס,
צום אַלגעמיינען משוגעת.

דאָס גאָלד! ווי טורעמס, וועלכע אין די וואָלקען שטעכען, ראַזשען,
ווי טורעמס אויף די טרעפּען פון מיראַזשען,
דאָס ריעזיג־גרויסע גאָלד ווי טורעמס דאָרט,
מיליאָנען אָרעמס אויסגעשטרעקט צו איהם
און געסטען, אויסרופען אין נאַכט צו איהם.
איין איינציגע תפילה אויסגעברומט, אַרויסגעשטעלט
פון איין צום אַנדערן עק פון האָריזאָנט פון אונזער וועלט!

אָה, דאָרט! קוואַדראַטען גאָלד אויף דריי־עקען פון גאָלד
און אַרום די פערמעגענס, וועלכע שמ׳ען
געלעגט אויף ציפערן אַלגעבראַאישע און סכעמען.

דאָס גאָלד! נאָר טרינקען, עסען גאָלד!
און ווילדער נאָך ווי דער שגעון איז פון גאָלד
דער גלויבען איז אין שפּיעל, פול סודות רייכע,
און צו האַזאַרדען זיינע, פינסטערע און בלייכע,
און ווילענס, ווילקירליך און זיכער,
וואָס קעהרען אום דעם אַלטען גורל, ווי אַ פיבער־וויכער
דאָס ש פּ י ע ל, די אַקס, די שרעקליכע, וואו ס׳ווערט אין וואַגעניש זיך דרעהן
דורך ריינעם אומנאַטירליכען פערגניגען —
(ווייל ס׳מוז דאָס שפּיעל אין גראָבקייט און שגעון פאַרוויגען,
וואו די געזעצען פון דעם גרויסען שרעק זיך קרייצען
מיט יענע העכסטע אומרוהען, וואָס צערייצען —)
די ליידענשאַפט און בענקשאַפט, וואָס וויל די צוקונפט זעהן.

ווי אַ טאָרס געגאָסען פון מעטאַל און שטיין,
וואָס נעמט אין אונריינעם מיסטעריום
דאָס וועלטען־האַרץ, דאָס קלאַפּענד־קאָכענדע אַרום
קענט איהר דאָס גאָלדנע מאָנומענט אין פינסטער זעהן.

ראָמאַן אָהן ווערטער

(פון פּאָול ווערלען, איבערזעצט פון פראַנצויזישען)

עס רעגענט אין מיין האַרץ,
ווי ס׳רעגענט אויף דער שטאָדט,
וואָס איז דער אומעט שוואַרץ,
וואָס דרינגט מיר אין מיין האַרץ?

דער זיסער רעגען־ליאַרם
אויף דעכער און אויף ערד,
ווען ס׳וויל אַ האַרץ זיין וואַרם,
אַ ליעד ביסט, רעגען־ליאַרם!

עס וויינט, עס וויינט אָהן גרונד
אין האַרץ, וואָס גיעסט זיך אויס,
ניטאָ פאַרראַט, ניט וואונד,
דער שמערץ איז אָהן אַ גרונד.

עס איז דאָס ערגסטע לייד
צו וויסען ניט פאַרוואָס,
אָהן ליעבע, האַס און פרייד.
מיין האַרץ, עס וויינט און ליידט.

סענטימענטאַלער שמועס

(פון פּאָול ווערלען, איבערזעצט פון פראַנצויזישען)

אין אַלטען פּאַרק, וואָס איינזאַם ליגט און שטום,
צוויי מענשען געהען איצטער דאָרט אַרום.

די אויגען טויט, די ליפען ווייך ווי שוים,
און זיי׳רע ווערטער הערט מען, הערט מען קוים.

אין אַלטען פּאַרק אין איינזאַמקייט פערשטעקט,
צוויי גייסטער האָבען די פאַרגאַנגענהייט געוועקט.

— דערמאָנסט זיך נאָך אָן אַלטען ליעבעס־פלאַם?
— וואָס אויפוועקען דעם אַלטען טאַראַראַם?

— דיין האַרץ איז נאָך צו מיר, ווי ס׳איז געווען?
זעהסטו אין טרוים נאָך מיין נשמה? — ניין.

— און יענע שעהנע טעג פון גליק אָהן ענד,
ווען ליפּ האָט ליפּ געזויגט? — ס׳האָט זיין געקענט.

— ווי בלאָה דער הימעל דאָן, פול האָפנונג ס׳האַרץ!
— די האָפנונג איז אַוועק צום הימעל שוואַרץ.

געגאַנגען שטיל זיי זענען אומגעשטערט,
די נאַכט אַליין האָט זייער שמועס געהערט.

גייסט פון דער נאַכט

פון פוירסי ביש שעללי

(פון ענגליש, אין ווערזמאָס פון אָריגינאַל)

געה איבער דער מערב כוואַליע שנעל,
גייסט פון דער נאַכט,
אַרויס פון דעם מזרח׳ס נעפּלען־הייהל,
וואו, ווען דער טאָג האָט מיעד געוואַכט,
האָסט געוועבט טרוימען פריידיג, טריב,
וואָס מאַכען שרעקליך דיך און ליעב
קום שנעל און זאַכט!

וויקעל דיין פאָרם אין אַ מאַנטעל גראָה,
שטערען־געוועבט,
בלענד מיט די האָאר דעם טאָג׳ס אויג בלאָה,

קוש איהם ביז מאַט ער און אויסגעוועבט,
דאַן וואַנדער דורך שטאָדט און ים און לאַנד,
שפרייט אויס אויף אַלץ דיין פאַרשלעפּערנדע האַנד,
כ׳האָב לאַנג דיך דערשטרעבט!

ווען כ׳האָב דערוואַכט און דעם מאָרגען דערזעהן,
כ׳האָב געבענקט נאָך דיר,
ווען דאָס ליכט האָט געשיינט, וואו דער טוי איז געווען,
און מיטאָג ליגט שווער אויף בוים, בלום און מיר,
און דער מידער טאָג האָט געלעגט זיך צו ראַסט,
בלייבענדיג ווי אַ נישט־ליעבער גאַסט,
כ׳האָב געבענקט נאָך דיר.

דיין ברודער טויט קומט און פרעגט:
ווילסטו מיך?
דיין קינד, שלאָף, ס׳אויג מיט שוים בעלייגט,
שעפּטשעט ווי אַ ביהן צו זיך:
זאָל איך ליעגען ביי דיין זייט,
ווילסטו מיך? איך ענטפער גרייט:
ניין, ניט דיך.

טויט קומט אָן, ווען טויט ביסטו
באַלד, גאָר באַלד,
שלאָף קומט אָן, ווען ווייט ביסטו,
מיך לאָזען אייערע טובות קאַלט,
איך בעט נאָר דיך, געליעבטע נאַכט,
ווער שנעל אַהער צו מיר געבראַכט,
קום, באַלד, באַלד!

לעקאונט דע ל׳איל

די ווערא̇נדא̇

(איבערזעצט פון פרא̇נצויזישען אין א̇ריגינעלען ווערז־מא̇ס)

מיט׳ן טרעפלען פונ׳ם וואַסער אין די רויטע וואַזען אויבען,
די רויזען פון איראַן דעם פרישען שעפט פאַרמישען,
דאָס זיסע וואָרקען מישט זיך אויס פון חלומ׳דיגע טויבען,
דער קנאה׳דיגער זשוק און אַשיג־גרויער פויגעל הויבען
די פייגען אָן צו בייסען, זשומען זיס און צוויטשען,
די רויזען פון איראַן דעם פרישען שעפט פאַרמישען
מיט׳ן טרעפלען פון דעם וואַסער אין די רויטע וואַזען אויבען.

און אונטערן זילבער־נעץ פון דער ווערא̇נדא̇, דער פאַרמאַכטער,
וואָס לעפליך שוועבט אין לופט, פאַר׳בשמימ׳ט פון זשאַסמינען
פון שאָל, פון וואַנען ס׳געהט אַן איידלער דאַמפף אַרויס
אויף דער פערזאַנקע, וואָס ליגט דאָ, דער קעניגליך פאַרטראַכטער.
זעה, היגטערן נאַקען ווערסטו איהרע שעהנע הענד געפינען
און אין דער לופט, וואָס לעפליך, פאַר׳בשמימ׳ט פון זשאַסמינען
און אונטערן זילבער־נעץ פון דער ווערא̇נדא̇, דער פאַרמאַכטער.

ביז צו די ליפען, וואָס דער רונדער בערנשטיין קושט נאָך אַלץ,
און שוועבט אין לייכטע וואָלקענס אויף, וואָס דרעהן זיך ווי אין וואַלץ —
אויף שארלאך־זיידנע קישענס, מיט גאָלדבלומען ביים האַלז,
גליטשט ווי אַ שלאַנג די ליולקע זיך — מיט יעדען שטויס —
פון שאָל, פון וואַנען ס׳געהט אַן איידלער דאַמף אַרויס
ביז צו די ליפען, וואָס דער רונדער בערנשטיין קושט נאָך אַלץ.

צוויי שוואַרצע שטראַהלען, אָנגע׳שיכור׳טע און שטום
געהן פון די לאַנגע, האַלב נאָר אויפגעמאַכטע אויגען,
אַ טרוים, ער וויקעלט זיך אַרום זיי, הויך נעמט זיי אַרום
און ווייל דער אומבאַזיגטער שטראָם דריקט זיי און נעמט אַרום
געהן פון די לאַנגע, האַלב נאָר אויפגעמאַכטע אויגען

צוויי שוואַרצע שטראַהלען אַנגע׳שיכור׳טע און שטום.

דאָס ראַשיג וואַסער שלאָפט שוין איין אין די רויטע וואַזען אויבען,
די רויזען פון איראַן הערען אויף דעם שעפט פאַרמישען,
דאָס זיסע וואָרקען הערט אויף פון די חלומ׳דיגע טויבען.
אַלץ שטיל. דער פויגעל און דער קנאה׳דיגער זשוק ניט הויבען
קיין קריג אַן ביי די פייגען, זשומען ניט דאָ צווישען,
די רויזען פון איראַן הערען אויף דעם שעפט פאַרמישען,
דאָס ראַשיג וואַסער שלאָפט איין אין די רויטע וואַזען אויבען.

די קייטען

פון סיוללי פרודהאָן

(איבערזעצט פון פראַנצויזיש)

כ׳האָב ליבען אלץ געוואָלט, דאָך אומגליקליך בין איך,
פערמעהרט האָב איך מיין לייד, מיין וועג איר מיר פערשטעלט,
און בענדער, אָהן אַ צאָהל, אי שוואַכע אי פול צער,
פון מיין נשמה געהען צו אַלעס אין דער וועלט.

דען אַלעס ציהט מיך צו דער זעלבער צייט און גלייך,
דורך גלאַנץ דער אמת, ס׳אומבאַקאַנטע מיט זיין שלייער,
אַ שטראַהל פון ציטערנד גאָלד בינדט ס׳האַרץ מיינס מיט דער זון
און פעדים לאַנג, פון שטערן זייד צום הימעלס־מעער.

דער הויב און פאַל פון טאָג בינדט מיך צו מעלאָדיע,
די זיסקייט פון סאַטין צו רויזען, וואָס כ׳באַריהר,
אַ שמייכעל האָב איך פאַר מיין אויגען־קייט געמאַכט,
אַ קוש די קייט איז איצטער פון מיין ליפּ צו איהר.

אויף אָט די שוואַכע קייטען הענגט מיין לעבען איצט,
פון טויזענד זאַכען, וואָס איך ליב, בין איך געפאַנגען,
ביים קלענסטען ציטער, וואָס אַ ווינט בלאָזט אָן אויף זיי,
פיהל איך אַ טהייל פון מיר איז שוין אַוועקגעגאַנגען.

שארל פיערר באַדלער

דעם 31טען אויגוסט איז געוואָרען הונדערט יאָהר זינט עס איז געשטאָרבען דער גרויסער, אפשר דער גרעסטער, זיכער דער אָריגינעלס־טער פראַנצויזישער דיכטער, שאַרל פיערר באַדלער.

באַדלער איז דער לעצטער פון דער אַלטער ריכטונג פון פּאָעטישען קונסט־אויסדרוק. אַ נייע ריכטונג אין פּאָעזיע אַרבייט זיך לאַנגזאַם און ביסלעכווייז אַרויס, די פאָרמען זיינען נאָך צומישט און עס איז שווער זיך פונאַנדערצוקלייבען אין דעם כאַאָס פון נאָכאהמער פון פריהרע דיכטער און פון די אונזיכערע אַרויסטרעטער מיט נייע פאָרמען און אַרומטאַפּער אויף נייע וועגען. מיר דענקען אָבער, אַז מיר פיהלען דעם דומפּפען, ברויזענדען, דערווייל נאָך ניט קלאָרען, ניט־אויבענאויפיגען טאָן פון אַ נייעם פּאָעטישען קונסט־אויסדרוק אויף דער גאַנצער וועלט, אַן אויסדרוק פון אונזער צייט און וואָס וועט ביסלאַכווייז צונויפגעוואַקסען ווערען מיט איהר און וואָס וועט, ווי יעדער אמת׳ער פּאָעטישער און בכלל, יעדער מין פון קונסט־אויסדרוק, באמת טיפּפיצירען, פאַרשטעלען מיט זיך דעם אויפוואַקסענדען, נייעם, ברייטהאַרציגערען, גליקליכערען, ניכטערערען דור.

וואָס דאַרף די קונסט זיין באמת? אויגענשיינליך איז זי אַן אונאַבהענגיגער פערזענליכער אויסדרוק פון שעהנהייטס־זוכעניש פונ׳ם קינסטלער, אַ פאָרשטעלונג, אַ קאָנקרעטע, אין וואָרט, טאָן אָדער פאָרם פון זיין אינער־ליכער בענקעניש, פון יענער שעהנקייט, וואָס וועבט זיך אין און אַרויס פון זיין נשמה. עס דוכט זיך אויס, אַז די קונסט שטעהט אָבגעזונדערט, בעציהט זיך נור דירעקט צום קינסטלער אַליין, און אויב זי רופט אַרויס ביין אַלגעמיינעם עולם אנערקענונג, שעהנקייטס־בענקעניש, שעהנקייטס־בעפרידיגונג, איז עס נור דערפאַר — אַזוי דענקען דער קינסטלער און זיינע בני־הדור — ווייל די מענשען זיינען סוף כל סוף דאָך אַלע עהנליך אין די אינערליכע בענקענישען און זייערע מעגליכקייטען פון בעפרידי־גונג זיינע דיזעלבע, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער טאַלאַנט זיי אויס־צודריקען איז נור דעם קינסטלער געגעבען געוואָרען. אין דער אמת׳ען אָבער איז די קונסט ניט אָבגעזונדערט, זי איז דער וויטיגער אויסדרוק פון אַ ציוויליזאַציע, פון איהר דור. זי איז אינטים צונויפגעבונדען מיט זיין פּסיכאָלאָגיע. זי האָט אַ וויכטיגען ערציהערישען ווערט, לכל הפחות פאַר איהר דור, און, אויב די ווערטהען, וואָס זי בעשאַפט, זיינען ניט אמת גרויס פאַר אַלע, איז זי צו יעדער צייט אַ מעכטיגער קולטור־היסטאָרישער־פאַק־טאָר, רעגיסטרירענדיג פאַר אים געטריי דעם פּולס, דעם לעבענס־דראַנג און דעם לעבענס־רוף פון די פריהריגע דורות. אויב מיר וועלען זיי ניט קענען, וועלען מיר זיך אַליין ניט פערשטעהן, וועלען מיר פער־

לירען דעם ריכטיגען בליק, די פערספעקטיווע, דאָס געפיהל פון פעראייני־גונג מיט דעם, וואָס געהט פאָראויס, און דורך דעם די פראָפאָרציאָן, די פעהיגקייט ריכטיג אָפּצומעסטען אונזערע אייגענשאַפטען.

איז אָבער די קונסט אין אמת׳ען געווען אָט דאָס אַלעס, וואָס זי האָט געדאַרפט זיין? יאָ און ניין. לאָמיר זיך ניט נאַרען. ווי מיר וואָלטען ניט געוואָלט, מוזען מיר אַריינשלעפען דעם קלאַסען שטאַנדפונקט אין אונזער בעאָבאַכטונג. אַזוי ווי די סאָציאַלע ענטוויקלונג האָט אונגליקלעכערווייזע ניט געהאַלטען שריט ביז איצט מיט דער קונסטיגער, זיינען די ברייטע מאַסען פון פאָלק זעלטען־ווען און אפשר גאָרניט צוגעלאָזען געוואָרען צום שפּיעל. די קונסט אין אַלע איהרע פאָרמען איז ליידער געווען די פּריווי־לעגיע פון דער מיטעלער און העכערער קלאַס; זעלטען, ווען א מענש פון פאָלק האָט זיך אַריינגעריסען אין איהר, און, אויב שוין יאָ, האָט ער פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסען ניט מעהר געווירקט. די מאַסען, ליידענדיג אונ־טער׳ן ביטערען עקאָנאָמישען יאָך, האָבען ניט געקענט אַנטהייל נעמען אין דער גרויסער קונסט־שאַפונג. די קונסט איז ניט געווען דעמאָקראַטיש. זי הויבט עס אָבער אָן צו זיין. אונזער גאַנצער לעבען ווערט אומגעביטען. די לעצטע שפּורען פון פעאָדאַליזם ווערען פערטריבען פון אונזער לעבען. די דעמאָקראַטישע טענדענצען און בעוועגונגען פון אונזער צייט און דער סאָציאַליזם בראשם, דעמאָקראַטיזירען ראש די קונסט. זי ווערט וועניגער דאָס שפּיעלכעל פון די געקליבענע. זי הויבט אָן אַפּעלירען צו יענע גע־דיכטע מאַסען, פון וועלכע זי איז ביז איצט געווען אויסגעשלאָסען. זי געווינט דורך דעם אַ נייעם אינהאַלט און אַ נייעם זין און אַ נייעם עקזיס־טענץ־בערעכטיגונג.

באַדלער איז די פערקערפערונג פון קונסט־אויסדרוק פון דעם אַלטען מין. אַן אַריסטאָקראַט איז ער פאַר די אַריסטאָקראַטען, פאַר די וועניגע אַריסטאָקראַטען, פאַר די פיינע קונסט־שמעקער. ער האָט זיך אַרומגעריג־געלט מיט אַ וואָלקען פון אָפּגעזונדערטקייט. בייזע מענשען רופען דאָס אַן אונהערליכע פּאָזע, אַזוי, אַז נור די יחידי סגולה קענען אַריינטרעטען אין זיין היכל. אין דער אמת׳ען איז דאָס אָבער גאָר קיין פּאָזע ניט געווען. ער איז געווען דער נאַטירליכער אויסדרוק פון זיין דור, אָדער גיכער פון דעם דור פון זיין קלאַס, דעם אָפּגעלעבטען, ראַפינירט־קולטורעלען קלאַס, וואָס האָט שוין אַלע פאָרמען דורכגעלעבט און אויספּרובירט.

די פּאָעזיע, מיר מיינען די וועלט־פּאָעזיע, איז שוין ביי דער צייט פון באַדלער געוואָרען די ראַפינירטעסטע, ענטוויקעלטסטע קונסט. קיין קונסט־פאָרם האָט ניט אַזוי פיעל דורכגעמאַכט, אַזוי אַלעס דערגרונטעוועט, אַזוי אַלע איהרע מעגליכקייטען דורכפּרובירט, ווי די פּאָעזיע. נאָך דעם שטאָ־רען מיטעל־אַלטער, ווען די רענעסאַנס־צייט איז געקומען, זיינען עס געווען

די רוימישע און גריכישע דיכטער, וואָס זייַנען צוערשט אויפגעלעבט געוואָרען. אָנהויבנדיג פון זיי, אַלס מאָדעל, אַלס באַזיס, האָט זיך די פּאָעזיע ראַש פאַרנאַנדערגעוויקעלט, ברייט פאַרנאַנדערגעצווייגט; פון אַן אַלגעמיינער, אַ קלאַסישער, איז זי מעהר אינדיווידואַליזירט געוואָרען, און איהר אינדיווידואַליזירונג האָט דערגרייכט צו איהר גרעסטער הויך אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהר־הונדערט איבעראַל אין אייראָפּאַ. די ראָמאַנטישע דיכטונג, דער אויסדרוק פון אינדיווידואַליזם פון דיכטער, די אַרויפהויבונג, די בעטאָנונג פון זיין אייגענעם ווערט, איז געווען דער גייסטיג הויכשטעהענדיגער מענש, וואָס האָט אָנגעהויבען זיך צו באַפרייען פון די אַלטע פאָרמען פון לעבען דורך דער השפעה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, איז אויך אינערליך געוואָרען בעפרייט, האָט זיך געפיהלט פאַר וויכטיגער, גרעסער, ווי אַמאָל, האָט געוואונען אַ נייעם קוק אויף אַלעס און אַלעמען, און האָט זיך געזעהען אין צענטער פון דער גאַנצער בעשאַפונג. דערפאַר האָט ער אָנגעהויבען אַריינקוקען מעהר אין זיך, האָט ניט פערפעהלט צו שטודירען יעדען קריץ, יעדען קנייטש אין זיין נשמה. אַלעס אינדיווידועלע איז געוואָרען טייער. דער ראָמאַנטיזם אין ליטעראַטור, די דערהויבונג פון דעם „איך", איז געווען אין ליטעראַטור דאָס, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן איז געווען אין פּאָליטישען לעבען, און אָהן צווייפעל איז זי געווען דער אַרויספלוס פון איהר. אמת, די נאָך־נאַפּאָלעאָנישע רעאַקציע האָט געצוואונגען מאַנכע פון זיי, ספּעציעל אין פיעל־ליידענדען דייטשלאַנד, זיך אַריינצוטאָהן אין חלומות פון מיטעל־אַלטערליכער גרויקייט, אין מיסטיקע. דער פערבינדענדער שטריך אָבער אין ראָמאַנטיזם אין אַלע לענדער איז דאָס אַרויסשטעלן פון „איך". בייראָן, שעללי, וואָרדסוואָירטה, ביי די ענגלענדער; לאַמאַרטין, הוגאָ, מיוסע, ביי די פראַנצויזען; שלעגעל, טיעק, אוהלאַנד, נאָוואַליס, האָפמאַן (דער ערצעהלער), היינע, ביי די דייטשען; מיצקעוויטש, סלאָוואַצקי, קראַשינסקי, ביי די פּאָלאַקען; פּושקין, לערמאָנטאָוו, ביי די רוסען; לעאָפּאַרדי, ביי די איטאַליענער; פּאָו ביי די אַמעריקאַנער — איין שטריך פערבינדט זיי אַלעמען. זיי זייַנען קינדער פון איין מין, פון „צייטגייסט".

דער ראָמאַנטיזם איז אָבער מיט דער צייט אַוועק צו וויַיט. די אַרויסברענגונג פון יעדען פּעלבעל פון זיין נשמה מעג זיך זיין וויכטיג אפשר פאַר'ן קינסטלער אַליין, פאַר'ן גרויסען עולם אָבער איז דאָס נור וויכטיג אין אַ געוויסען זין, אויף אַזוי וויַיט, ווי ער וועט זיך אַליין ווידער געפינען אין אָט דעם וואַכזאַמען נאָכגעהן און אויסדריקען פון יעדען פּיטשינקען דראַנג און דראַנגעלע. איז עס אָבער געגאַנגען צו וויַיט. עס איז געקומען אַזוי וויַיט, אַז טהעאָפיל גאָטיע, דער פראַנצויז, האָט זיך אָפּגעשלאָסען פון אַלעמען אין זיין „טור ד'איוואָאַר", זיין עלפענביינענעם טהורעם פון זיין

כח הדמיון, טויב צום ליאַרעם פון דער גרויסער וועלט, וואו דער בייער וויסענשאַפטליכער חוש, די נייע גרויסע ענטדעקונגען און ערפינדונגען, האָבן געלאָזט פאַראויסדריינגען, פאַראויס פיהלען די נייע גרויסע צייט פון איבעראַרבייטונג, איבערבויאונג, פון „אומוועדטונג פון אַלע ווערטען". ער האָט ניט געהערט, אַז עס האַלט אין קומען די צייט, וואָס האַלט היינט שוין אין איבערשאַפען די וועלט אויף אַ גערעכטערען שטייגער, וואו די גרויסע מאַסען וועלען אויך צוגעלאָזען ווערען צו דער סעודה פון שעהנקייט, און וואו קונסט וועט באמת ווערען, ווי זי האַלט אין ווערען יעצט, דאָס איי־גענטום פון אַלעמען און ניט נור אַ שפּיעלכעל פאַר געווויסע קלאַסען. גאָר־טיע, באַדלער׳ס פריינד, האָט דאָס ניט געוואָלט הערען. אַנדערע האָבען דאָס אָבער יאָ געהערט. די גרויסע רעזולטאַטען פון דער וויסנשאַפט, טאַקע אין פראַנקרייך גופא, פון א קלאָד בערנאַר אין פיזיאָלאָגיע, דעם ריעז פאַסטער, דעם ענטדעקער פון באַקטעריאָלאָגיע, וואָס איז געווען בע־שטימט צו רעוואָלוציאָניזירען די מעדיצין, פון בערטהעלאָ — אין כעמיע א. ז. וו., האָבען געמאַכט אַ טיעפען רושם, די געוואַלדיגע באַטור־קרעפטען, וועלכע מען האָט אָנגעהויבען דערגרונטעווען און אַריינשטעלען אין דינסט פון דער מענשהייט, האָבען געבראַכט אַ מעהר ריכטיגען קוק אויף אַלעס, און דאָס האָט ניט פערפעהלט אָפּצורופען זיך אויך אין דער פּאָעזיע. דאָס „איך" איז איינגעשרומפּפען געוואָרען אין ווערדע, דאָס מאַסען־לעבען, די גרויסע באַטור־פאַקטען זיינען דערהויבען געוואָרען צו זייער ריכטיגער בעדייטונג. דער איד, מאַניועל, און קאָפּע בעזינגען די מאַסען. דער שטרענגער לעקאָנט דע ליל און דער וואונדערבאַרער קינסטלער, דער פראַנצויזיש־קובאַנער הערעדיא, בעזינגען אין אונפערזענליכער פּאָעזיע באַטור־פאַקטען און גרויסע געשעהענישען.

באַדלער שטעהט צווישעןביידען. ער איז אַ ראָמאַנטיקער דורך און דורך. איהם ווערט אָבער שוין איבערדריסיג דער ראָמאַנטיזם; די אויסגע־פּרובירטע, אויסגעדראָשענע טעמעס אַרום דעם קליינטשיגקען „איך" האָבען קיין רייץ ניט פאַר איהם. ער זוכט זיך אָנצושיכור׳ען מיט דעם אויסגע־קליבענעם, ראַפינירטען, דונקעלהייט, פאַרפיומען, וויין, בעטויבונג און פערגיפטונג דורך אָפּיום, מיאוסקייט, קעץ, שלאַנגען, דער טוידט זיינען זיינע טעמעס. ער איז דער פאָטער פון סימבאָליזם, פון דער צופּיעשטשע־טער פאָרם, און איהם שוידערט פאַר דער רעאַליטעט. ער איז העכסט־וויכ־טיג אַלס קראַנקהייטס־סימפּטאָם פון זיין צייט און אין אַ געווויסען זין פון דער היינטיגער צייט, דען ער האָט דירעקטע און אומדירעקטע נאָכפאָלגער, וואָס ווייסען אפשר אין גאַנצען ניט פון איהם, אפילו אין אידיש. מיר מוזען דאָ אָבער בעמערקען, אַז די טענדענץ פון אונזער צייט איז מעהר אין דער ריכטונג פון ראָמאַנטיציזם פון באַדלער׳ס מין און איז דערווייל נאָך שטאַרק

אין דער דייטשער ליטעראַטור פון אַרנאָ האָלץ, יאָהאַנעס שלאף און אין אַ געוויסען זין דעהמעל; אין דער דעקאַדענטיש-צוגאָסענער פוילישער ליטעראַטור פון טעטמאַיער א. ז. וו.; אין דער רוסישער ליטעראַטור פון בעלמאָנט, סאָלאָגוב, און הויבט ערשט אָן צו ווערען אין איהר. כמעט פו־טוריסטישען אויסדרוק אין דער בייער ענגליש-אַמעריקאַנער ליטעראַטור. די דיכטונג פון לע קאָנט דע ליל און הערעדיא וועט ערשט שטאַרק ווע־רען, אויב מיר מעגען זיך ערלויבען נביאות זאָגען, נאָך דעם איצטיגען קריג (דעם ערשטען וועלט-קריעג). די געוואַלטיגע געשעענישן וועלען ניכ־טערער מאַכען די פּאָעטען, וואָס שפּיעלען זיך אין פּאַרמען־פּרואווענ־יש און „איך׳יזם״. די קונסט וועט ערנסט ווערען, כאָטש געטהע זאָגט, אז נור דאָס לעבען איז ערנסט, און די קונסט איז פרעהליך. די קונסט וועט זיך דער־זעהען אין איהר אמת׳ער וויכטיגקייט און וועט זיך, איך צווייפעל ניט צופּאַסען צו די נייע פאָרדערונגען, צו דעם נייעם גרויסען פּובליקום, וואָס זי וועט קריגען.

באָדלער האָט דאַרום אַ וויכטיגען קולטור־היסטאָרישען ווערט, און עס וועט געוויס אינטערעסירען די לעזער צו בעקענען זיך סיי מיט מאַנכע פאַקטען פון זיין לעבען און סיי מיט אייניגע ביישפּילע פון זיין קונסט, וועלכע איך האָב זיך געפלייסט מעגליך געטריי איבערצוגעבען פונ׳ם פראַנצויזישען אָריגינאַל.

שאַרל באָדלער איז געבאָרען געוואָרען אין פּאַריז אין יאָהר 1821. געשטאָרבען איז ער, ווען ער איז אלט געווען 46 יאָהר. זיין פאָטער איז געשטאָרבען, ווען שאַרל איז געווען נאָך אַ קינד, איבערלאָזענדיג איהם עטליכע צעהנדליג טויזענד פראַנק ירושה. זיין מוטער האָט נאָכהער גע־הייראַטה אַ מאַן פון מיליטעריש־דיפּלאָמאַטישען שטאַנד, וועלכער איז געווען אַמבאַסאַדאָר פון פראַנקרייך אין טערקיי, ענגלאַנד און שפּאַניען. באָדלער האָט געענדיגט דעם קאָללעדזש דעליאָן אין 1839 און האָט זיך, געגען דעם וואונש פון זיין מוטער, אריינגעוואָרפען אין ליטעראַטור. זי האָט איהם אַוועקגעשיקט קיין קאַלקוטאַ, אינדיען, ער איז אָבער באַלד צו־ריקגעקומען. זיין פאָטער איז געווען אַ שטיקעל מאַלער, און פון איהם האָט שאַרל גע׳ירש׳ענט זיין חוש פאַר קונסט. באָדלער איז געווען איינער פון די בעסטע קונסט־קריטיקער. און ער האָט פריה ענטדעקט טאַלאַנטען צווישען מאָלער, האָט זיי ריכטיג אָבגעשאַצט און זיי געהאָלפען צו ערפאָלג. ער האָט אַרויסגעגעבען עטליכע „סאַלאָנען״, דאָס הייסט, איבערזיכטען און שטודיומס איבער יעהרליכע אויסשטעלונגען פון קונסט אין פּאַריז, וואו ער האָט צווישען די ערשטע אַרויסגעהויבען די גרויסקייט פון דעם ערשטען אימפּרעסיאָניסט, דעם זון־ליכט פּערשיכור׳טען ענגרעס. באָדלער האָט אויך געשריבען עטליכע ראָמאַנען און, כאָטש אַן אַריסטאָקראַט און

קאַטאָליק, האָט ער זיך דאָך פייערדיג אַריינגעוואָרפען אין דער רעוואָ־לוציאָן פון 1848 און האָט געקעמפפט אויף די באַריקאַדען און אויך אַרויסגעגעבען אַ רעוואָלוציאָנער בלעטעל. דאַמאָלס איז ער צום ערשטען מאָל געקומען אין פערבינדונג מיט דעם ראַדיקאַל פרודהאָן.

באַדלער האָט דורך זיינע ווייטע רייזען גוט אויסגעלערענט זיך ענגליש, און ער האָט זיך פערליבט אין דעם אַמעריקאַנער פאָעט עדגאַר אַללאַן פאָו, אין וועמען ער האָט געפונען אַ פערוואַנדטע נשמה, פונקט אַזוי ווי פאָו, אין א קלענערען גראַד, האָט זיך ווידערגעפונען אין דעם דייטשען ראָמאַנטיקער, ערנסט טהעאָדאָר אַמאַדעאוס האָפמאַן. באַדלער האָט זיך גענומען איבערזעצען פאָו אין פראַנצויזיש און האָט געשאַפען אַ וואונדערבאַרע איבערזעצונג פון כמעט גאַנץ פאָו. צו דערזעלבער צייט האָט ער זיך באַפריינדעט מיט די פראַנצויזישע ראָמאַנטיקער פון זיין צייט, ספּעציעל מיט גאָטיע, און האָט אָנגעהויבען פיהרען אַ וואונדערליך לעבען, שלאָפענדיג בייטאָג און שאַפענדיג ביינאַכט, פער׳שיכור׳ענדיג זיך מיט אָפיום און חאַשיש וועמעס ליב ער האָט, ווי דער ענגלישער קווינסי, באַזונגען אין פּאָעזיע און פּראָזע.

אין 1857 האָט זיין פריינד מאַלאַדי געזאַמעלט זיינע לידער וואָס זיינען געווען צוזעעט איבער די זשורנאַלען און וועלכע איין זשורנאַל האָט געדרוקט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, כדי אויסצוקורירען דעם פּאָעט פון זיינע קראַנקהאַפטע נייגונגען. זיין בוך פון לידער האָט געטראָגען דעם נאָמען „בלומען פון שלעכטס״, בייזע בליהונגען פון זיין פינסטערער שטימונג. דאָס בוך האָט אַרויסגערופען אַ גוואַלדיגע אויפזעהען, און באַד־לער איז, אַזוי ווי פלאָבער פאַר׳ן ראָמאַן „מאַדאַם באָוואַרי״, געריכטליך פערפאָלגט געוואָרען פאַר „פערברעכענס געגען דער רעליגיעזער מאָראַל״. באַדלער האָט ערגער אָפּגעשניטען, ווי פלאָבער, כאָטש די גרעסטע שריפט־שטעלער האָבען זיך פאַר איהם אָנגענומען. ער האָט געמוזט באַצאָהלען אַ שטראָף, און צוויי אויסגאַבען זיינען אונטערדריקט געוואָרען. זיי זיינען אָבער שוין געווען כמעט אין גאַנצען אויספערקויפט. די פאַרפאָלגונג האָט געפירט דערצו, אַז די זשורנאַלען זיינען פאַר איהם פאַרמאַכט גע־וואָרען, און ער האָט שטאַרק געליטען פינאַנציעל. ער האָט נאָך געדרוקט קונסט־קריטיקען, און אַזוי האָט ער געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון עולם אויפ׳ן ענגלישען צייכנער ג אַ י ז, און האָט פערטהיידיגט וואַגנער׳ס „טאַנהייזער״, וואָס איז דאַמאָלס שטאַרק אַטאַקירט געוואָרען. ער האָט אַפילו געוואָלט אַריינטרעטען אין אַקאַדעמיע, מעהר צוליעב סאַטיספאַקציע, עס איז אָבער גאָרניט געוואָרען דערפון. ער איז געפאָהרען אין בעלגיען געבען פאָרטראַגען און צו דרוקן דאָרט אַלע זיינע ווערק. ער האָט אָבער ניט געהאַט אין דעם קיין ערפאָלג זיין .אָרט לעבען, זיינע אָנגעצויגענע

צאַרטע נערוועז, זיין מיסערפאָלג האָבען איהם אַריינגעטריבען אין גייס־טיגע ליידען. ער איז געוואָרען פאַראַליזירט, האָט פעלאָרען דעם זכרון, איז געוואָרען שטום און נאָך אַ לאַנגער, שרעקליכער גסיסה איז ער געשטאָרבען אין פאַריז.

באָדלער האָט, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, „קולטיווירט" זיין היס־טעריע מיט „געגוס און שרעק". ער האָט דאָס באַטאָנט דורך צופיעל עקסצענטריטעט, וועלכע פיעלע זיינען פערפיהרט געוואָרען נאָכצומאַכען. הוגאָ, אַליין דער גרעסטער דיכטער פון זיין צייט, אַ חוץ הייגע (וועלכער האָט אַליין ביטער אַטאַקירט די ראָמאַנטיקער), האָט אויף באָדלער'ן גע־זאָגט, אַז „ער האָט בעשענקט די קונסט מיט אַ נייעם ציטער". ער איז געווען העכסט אָריגינעל און קולטיווירט, האָט ווייט אַריבערגעשפרייזט זיין צייט און איידעלען קונסט־געשמאַק. ער איז אַ ראָמאַנטיקער, כאָטש זיין פאָרם איז קלאַסיש. געפייעשטשעטע סאָנעטען, מיט רייכע גראַמען, אויסגעזוכטע ווערטער, די פאָלקאָמענסטע פאָרם — דאָס איז דאָס רוב מוזיק אין ווערטער, געזוכטע, אָפט ביטערע און גיפטיגע... ער איז אַ פּראָדוקט פאַר פיינשמעקער, ווי מען געפינט זיי פיעל ביי די פראַנצויזען, וואו מען געניסט בלויז שוין די ריינע פאָרם און אויסענווענינע שעהנ־קייט פון אַ ליעד, אַ קונסטווערק.

ער האָט איינגעפיהרט, אָדער אייגענטליך אָפּגעפרישט, וואָס עס געפינט זיך שוין ביי פּעטראַרקאַ די איבער'חזר'ונג פון דיזעלבע גראַמען און שורות דורך דעם גאַנצען ליעד, עפּעס וואָס די דעקאַדענטען נאָך איהם האָבען פיעל, אָדער, אפשר, שוין צופיעל, נאָכגעמאַכט. זעהט, למשל, זיין ליעד „האַרמאָניע פון אָבענד":

איצט קומט די צייט, ווען ס'ציטערט אויף איהר שטאָם זיך אַזוי שטיל,
און ס'הויכט זיך אויס אַ יעדע בלום, ווי ווייהרויך פון אַ פאַן.
אין לופט דאָ זייבען, קלאַנג און דופטען טאַנצנדע פאַראַן,
אָה וואַלס, דו מעלאַנכאָלישער, וואָס הויכסט מיט בענקשאַפט פיעל!
עס הויכט א יעדע בלום זיך אויס, ווי ווייהרויך פון אַ פאַן,
און ווי א האַרץ, אַ שווער געדריקטס, דאָרט ציטערט פיעדעל־שפיעל.

אָה, וואַלס דו מעלאַנכאָלישער, וואָס הויכט מיט בענקשאַפט פיעל,
דער הימעל טרויריג־שעהן, ווי דאָרט, וואו אייביג רוה ז'פאַראַן.
און ווי אַ האַרץ, אַ שווער געדריקטס, דאָרט ציטערט פיעדעל־שפיעל,
אַ האַרץ, אַ צאַרטס, וואָס האסט דעם גאָרניט, וואָס איז שוואַרץ, אָהן פלאַן.
דער הימעל טרויריג־שעהן, ווי דאָרט, וואו אייביג רוה ז'פאַראַן.
די זון טרינקט זיך אין בלוט שוין, וואָס צוגיסט זיך אום איהר היל.

אַ האַרץ, אַ צאַרטס, וואָס האָסט דעם גאָרנישט, וואָס איז שוואַרץ, אָהן פּלאַן,
און קלייבט א יעדע שפור צונויף פון עבר'ס שטראַהלען־שפּיעל.
די זון טרינקט זיך אין בלוט שוין, וואָס צוגיסט זיך אום איהר היל,
און ווי אַ זאַך, צו ווייזען בלויז, לויפט ס'בילד דיינס, וואָס כ'דערמאָן.

אָדער נעמט זיין בעזיגעגן פון מיאוסקייט.
כ'בין איין נאַכט ביי אַ שרעקליך מיאוס'ער אידישקע געוועו,
האָב זיך, אַ מת, ווי נאָהענט צו נאָך אַ מת געשטרעקט,
האָט אַ געדאַנק מיך ביים פּערקויפטען גוף געוועקט,
אַז איך באַרויב פון דעם מיך, וואָס איך גאַר, פון דעם וואָס שעהן.

איך האָב מיר פאַרגעשטעלט איהר איינגעבויר'נע מאַיעסטעט,
איהר בליק, וואָס איז פול קראַפט, פול חן'ען, ווי אַ בלום.
די האָר ארום איהר קאָפּ אַ קיוועך פול פּאַרפיום,
כ'דערמאָן זיך און אין מיר די ליעע־בענקשאַפט וועהט.

דען איך וואָלט פייערדיג צוקושט דיין נאָבלען גוף
און פון די פרישע פיס ביז צו די שוואַרצע לאָקען כ'וואָלט
דעם אוצר פון מיין טיעפען לאַשטשען פאַר דיר אויפגעראָלט —

אויב אין אן אָבענד מיט אַ לייכט געוויין, אַ שמערצענס רוף,
וואָלסט נור אַמאָל, דו אכזר־קעניגין,
געוואָרפען אויף דיין קאַלטען אויגען־גלאַנץ אַ שלייער אַהין.

אָדער נעמט אַ שטימונגס־ליעד.
איהר זייט אַ שעהנער הערבסט־הימעל, וואָס ראָזעווע און קלאָר,
דער טרויער אָבער הויבט מיין האַרץ אויף, ווי דער ים,
און לאָזט ביים אָבפליסען אין שטרענגען ליפען־פּאָאַר
צוריק אַ זכרון, וואָס מיך ברענגט, ווי ציטראָן־זאַפט, ווי סם.

ס'גליטשט זיך דיין האַנד אומזיסט מיר אויף דער ברוסט, וואָס איז צוריסען,
דאָס, וואָס זי זוכט, אָה, פריינדין, דאָס איז א חרוב'ער אָרט,
דורך ביייזען צאָהן און נאָגעל פון אַ פרוי איז עס צוביסען.
די חיות האָבען עס צוגעסען, זוך עס מעהר ניט דאָרט.

מיין האַרץ איז אַ פּאַלאַץ, וואו איינגעבויגען־קרום
מען שיכור'ט אָן זיך, פאלט צום טוידט, צי רייסט זיך ביי די האָר,

ס'שווימט אַ פּאַרפיום דיר ביי דיין באַק'טין האַלז אַרום.
אַ, שעהנקייט, זעעל־דערשלאָגענער, ווילסט מיך פאַנגען גאָר!

קום, מיט די פייער־אויגען, וואָס ווי יום־טובים שיינען
די שטיקער, וואָס די חיות נאָך געלאָזט, פאַראייניגען.

אָדער נעהמט דעם אָנהויב פון זיין בעשרייבונג פון האָר:

אַ, האָר, וואָס כוואַליעט אויפ'ן האַלז זיך אַזוי רייך,
אָה, לאָקען, אָה פּאַרפיום, וואָס פול מיט שטיפערישקייט
עקסטאַז, אום צו באַפעלקערען היינט מיין שטיבעל טרויעריג בלייך,
מיט די זכרונות־שלאָפענדע אין רייכען האָרען־טייך,
כ'וויל זיי אין לופט צוואווארפען, ווי אַ טיכעל ווייט און ברייט.

דאָס ברענענדיגע אַזיען, אַפריקאַ צוגליהט,
אַ גאַנצע ווייטע וועלט, אַוועק כמעט ווי טוידט
ארון די תהומות דיינע, דופטען־וואַלד, איצט פליהט.

און ווי גייסטער פלאַטערען אום אויף מוזיק ווייך און מיעד,
שווימט אום מיין גייסט, געליבטע, אין דופט פון האָר און הויט.

זיין סאָנעט „צו אַ קעצעלע" איז זעהר כאַראַקטעריסטיש.

צום האַרץ, וואָס האָט דיך ליעב, קום, קעצעלע, מיין גליק
און האַלט צוריק די פיסלאַך און דיין קראַל
און לאָמיך קוקען טיעף דיר אין דיין שעהנעם בליק,
וואָס איז פערמישט פון אַגאַט און מעטאַל.

ווען לאַשטשענדיג מיין פינגער אויף דיר געהט
אויפ'ן קאָפּ און דיין עלאַסטיש רוקענדעל אַרום
און ס'שיכור'ט אָן די האַנד זיך פון אַ זיכ'רער פרייד,
ס'עלעקטריש גוף'עלע דיר טאַפּען אום און אום,

זעה איך מיין פרוי אין גייסט פאַר מיר, די אויגען,
ווי דיינע, טהייער חיה'לע, אין אומרוה־לויף,
טיעף, קאַלט זיי שניידען, שטעכען ווי אַ פייל פון בויגען,

און פון די פיס ביז צו דעם שעהנעם קאָפּ אַרויף
אַ צאַרטע לופט און א געפּעהרליכער פּאַרפיום,
זיי שווימען אויף איהר ברוינעם, ברוינעם לייב אַרום.

זיין בעציהונג צו די אָרימע קען מען זעהן פון זיין „טוידט פון די אָרימע".
עס איז דער טוידט, וואָס שטענדיג טרויסט און, אַה, וואָס מאַכט צו לעבען.
דאָס איז דער צוועק פון גאַנצען זיין, די איינציגע האָפנונג דאָ,
וואָס הויבט אונז אויף און שיכור'ט אָן אין פריה'רער לעבענס־שעה,
און וועט אַמאָל אונז שפּעטער האַרץ צו געהן ביז אָבענד געבען.

און ווען מיר ווערען דורך דעם שטורם, דעם שנעע און פראָסט געטריבען,
די ליכטקייט ס'איז, וואָס ציטערט אויפ'ן שוואַרצען האָריזאָנט,
ס'איז די אכסניה, די בעריהמטע, וואָס איז אין בוך פערשריבען,
דאָרט וואו מען וואָלט אי עסען, שלאָפען, דורכזיצען געקאָנט.

אַ מלאך איז עס, וואָס אין די מאַגנעטישע פינגער האַלט
דעם שלאָף און רייכע חלומות־גאָב פון פינגער האַלט
עס בעט די בעטען אויס פאַר נאַקעט־אָרימע צו שלאָפען,

דער רוהם פון געטער, ס'איז דער אוצר מיסטיש־אונבעקאַנט,
די בירזשע פון אָרימאַן, זיין אַלטעס פאָטערלאַנד.
דער טוידט איז עס, וואָס שטעהט פאַר אונבעקאַנטע הימלען אָפען.

צולעצט אַ שטיקעל פון באָדלער פּראָזע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע אנזיכטען.

דער פּרעמדער

— וועמען האָסטו ליעב, דו, חידות׳דיגער מענש? זאָל עס זיין דיין פאָטער, דיין מוטער, דיין שוועסטער, דיין ברודער?

— כ׳האָב ניט קיין פאָטער, קיין מוטער, קיין שוועסטער קיין ברודער.

— דיינע פריינט?

— איהר בענוצט דאָ אַ וואָרט, וועמענס מיינונג איז מיר ביז אויף היינט געבליבען אונבעקאַנט.

— דיין פאָטערלאַנד?

— איך ווייס ניט, אונטער וועלכען ברייטע־גראַד עס געפינט זיך.

— די שעהנקייט?

— איך וואָלט זי גערן געליעבט, די געטין, די אונשטערבליכע.

— דאָס גאָלד?

— איך האָס עס מעהר, ווי איר האַסט גאָט.

— וואָס דען האָסטו ליעב, זעלטזאַמער פרעמדער?

— איך האָב ליעב די וואָלקען, די וואָס געהען דאָרט פערביי, די וואונ־דערבאַרע וואָלקען...

ליבע פון אבן עזרא

אין נשמה אין נאַכט פון מיין ליעבשאַפט
לויכט די זון פון מיין פרייד אין איהר פּראַכט,
זיסע פרוכט איהרע ווערטער, איהר ליפּ איז אַ בעכער
און דער ווייןן פון איהר קוש איז מיין מאַכט.

מיינע רויזען זיי בליהן אויף איהר פנים,
אויף די באַקען מיין מירט בליהט אין פּראַכט,
ווען איהר אויג שניידט אַריין זיך אין האַרצען,
האָט איהר קוש מיר דעם באַלזאַם געבראַכט.

האָמער׳ס איליאַדע

(פון גריכיש, אין ווערזמאָס פון אָריגינאַל)

א י ל י אַ ד ע. בוך 1

זינג פון דעם צאָרן אָ געטין, פון אכיל, זוהן פון פּעלעאוס,
דעם פערניכטענדען וואס האָט געבראכט די אַכאַיער פיעל וועהטאָג,
פיעלע מעכטיגע זעעלען פון העלדען געשליידערט אין האדעס
און זיי׳רע לייבער געוואָרפען האָט צו די הינד פאר א מאָכל
און צו די פויגעל פאר שפּייז. דערפילט איז געוואָרען זעאוס׳ ווילען,
זינט צוערשט אין נעקריעג זיך זענען אַנטקעגענען געשטאַנען
אַטרעאוס׳ זוהן, דער הערשער פון מענער, און געטליכער אַכיל.
ווער פון די נעטער האָט זיי געטריבען זיך קריעגען און קעמפּפען?
לעטאָ׳ס און זעאוס׳ זוהן; ווייל ער האָט, אין כעס אויף דעם קעניג,
אויף דער אַרמעע געוואָרפען א שווערע פעסט און געשטאָרבען
זענען די פעלקער, ווייל אַנגעטהאָן האָט צו כריזעס, זיין פּריעסטער
אום־כבוד אַטרעאוס׳ זוהן. דען ער איז צו די שיפען געגאַנגען
פון די אַכאַיער אום אויסצולייזען זיין טאָכטער, מתנות
ברענגענדיג אָהן א שיעור און האַלטענדיג אין דער האַנד דאָס
באַנד פון ווייט־וואַרפענדען גאָט אַפּאָללאָ אויף גאָלדענעם שטעקען
און מיט די ווערטער האָט ער געבעטען אַלע אַכאַיער
און בפרט די צוויי זיהן פון אַטרעאוס, וואס פיהרען די פעלקער:
קינדער פון אַטרעאוס און איהר גוט־בעשיענטע אַכאַיער,
מעגען די געטער אייך געבען, וואס וואוינען הויך אויף אָלימפּאָס,
איהר זאָלט פערוויסטען די שטאָדט פון פּריאַם און גליקליך אַהיימגעהן,
נור גיט מיר מיין טאָכטער, מיין ליעבע, נעהמט אָן די מתנות,
עהרענדיג זעאוס׳ זוהן, דעם ווייט־וואַרפענדען גאָט אַפּאָללאָ.
דאָ האָבען אַלע אַכאַיער געגעבען זייער הסכמה,
מע זאָל עהרען דעם פּריעסטער און נעהמען די טיי׳רע מתנות.
אָבער דאָס איז ניט געפעלען אין האַרצען דעם האַר אַגאַמעמנאָן
און ער שיקט איהם מיט בייז אַוועק און בעפעהלט איהם מיט שטרענגקייט:
לאָמיך דיך, אַלטער, פון הייגט ביי די הויהלע שיפען ניט טרעפען
סיי פערבלייבענדיג איצט, אָדער קומענדיג שפּעטער ווען ווידער,
אַז עס זאָל דיר ניט העלפען דאָס באַנד און דער שטעקען אַפּאָללאָ׳ס.
זי אָבער גיב איך ניט אָפּ, עס וועט גיכער זי עלטער דערגרייכען,
אין אונזער הויז אין אַרגאָס ווייט פון איהר לאַנד, דעם געליבטען

וועבענדיג אויף איהר וועבשטוהל און דינענדיג פאַר מיין געלעגער.
דו אָבער געה, ניט דערבייזער, זאָלסט קומען אַהיים ניט בעשעדיגט!
ער האָט געזאָגט, ס'האָט דער אַלטער געשראָקען זיך און האָט
געהאָרכט איהם.
שווייגענדיג איז ער געגאַנגען ביים ברעג פון פיעל רוישענדען ים, ער
איז דאַן אַוועק אין אַ זייט און געבעטען האָט ער, דער אַלטער,
קעניג אַפּאָללאָ, וואָס איז פון שעהן־לאָקיגער לעטאָ געבאָרען:
הער מיך גאָט מיט־דעם־זילבער־בויגען, וואָס געהסט אַרום כריזע,
און אום דער געטליכער קיללאַ און הערשסט מיט מאַכט אין טענעדאָס.
סמינטהעוס! אויב איך האָב ווען געבויט אַ טעמפּעל, אַ שעהנעם,
אָדער געבערענט צו דיין כבוד אַמאָל די שענקעל, די פעטע,
סיי פון אָקסען און ציעגען, דערפיל־זשע איצט מיין בקשה,
זאָל'ן די דאַנאער בעצאָהלען דורך דיינע פיילען די טרערען!
ער האָט געזאָגט דאָס אין תפלה, געהערט האָט אים פאָיבאָס
אַפּאָללאָ
און פון אָלימפּאָס' שפּיצען געגאַנגען איז ער, בייז אין האַרצען,
אויף די פּלייצעס זיין בויגען און דאָפּעל־בעדעקטען פייל־זאַק.
ס'האָבען די פיילען געסווישטשעט אויף זיינע פּלייצעס ביים געהען,
און געגאַנגען איז ער אַזוי שווייגענד און שטיל ווי די נאַכט געהט.
האָט זיך אַוועקגעזעצט ווייט פון די שיפען, אַ פייל אויסגעשאָסען,
און אַ שרעקליכער קלאַנג האָט געקלונגען פון זילבערנעם בויגען.
ער האָט געטראָפען מוילעזלען צוערשט, און די הינד דאַן, די פלינקע,
דאַן שטעלט ער אָן אויף די מענשען אַליין זיין שפּיציגע פייל און
שיסט; און פון דאַן האָבען שטענדיג געברענט די פייערן פאַר מתים.
ניין טעג איז אין דער אַרמעע געפלויגען דער פייל פון אַפּאָללאָ,
און אין דעם צעהנטען האָט אַכיל גערופען דאָס פאָלק צו פערזאַמלונג,
ס'האָט אין געדאַנקען געלעגט איהם ווייס־עלענבויגענע הערא,
זי האָט געזאָרגט זיך פאַר די דאַנאער, וואָס זענען געשטאָרבען.
ווען זיי זענען צונויפגעקומען זיך אין דער פערזאַמלונג,
האָט גערעדט צו זיי אויפשטעהענדיג שנעל־פיסיגער אַכיל:
— אַטרעאוס' זוהן, איצט וועלען מיר וואַנדערן אַהיים, אַזוי דענק איך,
און זיך אומקעהרען צוריק אויב מיר וועלען פון טויט גאָר אַנטלויפען,
אויב דער קריעג און די פעסט וועלען קעמפּפען מיט די אַכאַיער.
לאָמיר פרעגען הכלל אַ נביא אָדער אַ פריעסטער
אָדער אַ פותר חלומות — דען ס'קומט אויך דער חלום פון זעאוס —
זאָל ער זאָגען פאַרוואָס עס איז בייז אַזוי פאָיבאָס אַפּאָללאָן:
שטראָפט ער אונז וועגען אַ נדר אָדער אַ העקאַטאָמבע

אָדער וויל ער דעם זאַפט פון לעמער און פאַלקאָמ'נע ציעגען
אָננעהמען און וועט די פעסט דערווייטערן פון אונז דאָן אויף אייביג.
זאָגענדיג דאָס האָט ער זיך געזעצט און ס'איז אויפגעשטאַנען
קאַלכאַס, דער זוהן פון נעסטאָר, דער בעסטער פותר חלומות,
וואָס האָט געוואוסט וואָס איז איצט, וואָס וועט זיין און איז שוין געוועזען
און האָט געפיהרט אַריין די אַכאַאישע שיפען קיין איליאָן
דורך דער נביאות וואָס איהם האָט געשענקט גאָט פאָביאָס אַפּאָללאָן.
ער האָט מיט גוטען ווילען גערעדט און געזאָגט אָט די ווערטער:
— אַכיל, דו גרויסער, בעפעהלסט מיר, געליעבטער פון זעאוס, דיר זאָגען
פון דעם צאָרן פון אַפּאָללאָן, דעם גאָט און ווייט־וואַרפענדען קעניג.
דאָס וועל איך זאָגען דיר, אָבער אַ בונד זאָלסטו מאַכען און שווערען,
דאָס מיט דיין גאַנצען האַרץ וועסט מיך שיצען מיט ווערטער און טהוען,
דען איך דענק, כ'וועל דערצערנען אַ מאַן, וואָס הערשט גרויס איבער אַלע
זיינע אַרגעער און וועמען עס פאָלגען אַלע אַכאַיער,
דען עס איז מעכטיג אַ קעניג, ווען ער איז אין כעס אויף אַ פּראָסטען,
זאָל ער אַפילו דעם צאָרן דעם זעלבינען טאָג אויך פערבייסען,
וועט ער דאָך, ביז עס וועט דורכגעפיהרט ווערען, האַלטען זיין כעס
אין זיין ברוסט פערשלאָסען: איצט זאָג־זשע מיר, וועסטו מיך שיצען?
איהם האָט אָפּענטפערנדיג געזאָגט שנעל־פיסיגער אַכיל:
— דו האָב מוטה און זאָג דאָס אָראַקעל אַזוי ווי דו ווייסט עס.
כ'שווער ביי אַפּאָללאָ, דעם זעאוס' געליבעטען, צו וועמען דו, קאַלכאַס,
בעטענדיג האָסט די דאנאער אָנגעזאָגט די אָראַקעל,
קיינער, ווי לאַנג איך לעב און האַלט אויף דער ערד מיינע אויגען,
וועט אויפהויבען אַ שווערע האַנד ביי די הויהלע שיפען
פון אָט די אַלע דאנאער, אפילו אויב ס'איז אגאַמעמנאָן,
וואָס ווערט פון אַלע געהאַלטען דער בעסטער פון די אַכאַיער.
דאָ האָט נעהמענדיג מוטה געזאָגט דער לויטער'ער נביא:
ניט פאַר קיין נדר שטראָפט אונז דער גאָט און פאַר קיין העקאַטאָמבע
נאָר פאַר דעם פריעסטער, וואָס אַגאַמעמנאָן האָט שענדליך בעליידיגט
און ניט זיין טאָכטער געגעבען און ניט די מתנות גענומען.
ס'האָט דערפאַר דער ווייט־וואַרפענדער שמערצען געגעבען און וועט נאָך
געבען, און ווען ניט פריהער די פעסט, די שווערע, פערטרייבען,

ביז ער וועט ניט דעם פאָטער דאָס ליטכיג־אויגיגע מיידעל
געבען אָהן אויסלייז־געלד און אָפשיקען אַ העקאַטאָמבע
אַף קיין כריזע און וועט פּראוועז דורך תפלות איהם איבערבעטען.
זאָגענדיג דאָס, האָט ער זיך געזעצט, און ס'איז אויפגעשטאַנען
אַטרעאוס' זוהן, דער גבור, וואָס האָט וויט געהערשט, אגאַמעמנאָן,
גליהענד פון כעס, און זיין האַרץ, דאָס שוואַרצע, האָט אָנגעפילט
שטאַרקער
צאָרן און די אויגען געווען זענען גלייך צו אַ העלישען פייער.
וואָרפענד צוערשט זיין בליק אויף קאַלכאַס, האָט ער געזאָגט דאָס:
— נביא פון בייז, דו האָסט קיינמאָל געזאָגט נאָך אַ זאַך וואָס איז
פרעהליך,
שטענדיג האָסטו עס ליעב צו זאָגען שלעכטע נביאות,
קיינמאָל האָסטו געזאָגט און דורכגעפיהרט עפּעס־וואָס גוטעס;
און איצט רעדסטו איין די דאַנאער וועגען אָראַקעל,
דאָס דאַרום גרייט צו דער ווייט־וואַרפענדער איצט זיי די שמערצען,
ווייל איך האָב פאַר דעם מיידעל כריזעאיס די טייַ'רע מתנות
ניט געוואָלט נעהמען, דערפאַר ווייל איך וויל זי האָבען
זעהר אין מיין הויז, דען איך האַלט זי טייערער פאַר קליטעמנעסטראַ,
מיין געזעצליך ווייב, ווייל זי איז פון איהר גאָר ניט ערגער,
ניט אין פיגור, אין געשטאַלט, ניט אין מח, ניט אין איהר טהוען.
כ'גיב זי צוריק פון דעסטוועגען, אויב איהר האַלט דאָס פאַר בעסער,
דען איך וויל גיכער דאָס פאָלק זאָל זיכער זיין איידער ס'זאָל
שטאַרבען.
גרייט מיר דערפאַר אָן אַנאַנדער געשאַנק, כדי איך זאָל דער איינצ'גער
פון די אַרגעער ניט זיין אָהן געשאַנק, ווייל אַזוי איז נישט פאַסיג,
און איהר זעהט דאָך אַלע ווי מיין געווינס געהט פערלאָרען.
ענטפערנד איהם האָט געזאָגט שנעל־פיסיגער, געטליכער אַכיל:
— אַטרעאוס' זוהן, דו נאָבעלסטער, זשעדנעדיגסטער נאָך
שלאַכט־רויב,
ווי וועלען דיר די אַכאַיער גרויסהאַרציג געבען אַ מיידעל?
נאָך, נאָך ווייסען מיר ניט פון גרויסע, בשותפות'ע אוצרות
וואָס פון די שטעדט איז גענומען, דאָס איז שוין פערטיילט לאַנג,
און עס פאַסט ניט עס קלייבען צוריק פון אונזערע פעלקער.
דו, אָבער, גיב זי צוריק צום גאָט, און עס וועל'ן די אַכאַיער
דריימאָל און פיערמאָל דיר געבען צוריק, ווען עס וועט אַמאָל זעאוס
געבען אונז איינצונעהמען די גוט־בעמויערטע טראָיאַ.
ענטפערנדיג האָט געזאָגט דער מעכטיגער אַגאַמעמנאָן:

ניט אַזוי, כאָטש דו ביזט מוטהיג, דו געטער־עהנליכער אַכיל,
ניץ אויס דיין כיטראָסט! דו ווערסט מיך ניט נאַרען און ניט איבעררעדען.
ווילסטו אפשר אַליין דיר האָבען דיין שלאַכט־רויב און איך זאָל ליידיג זיצען מיט גאַרניט, און הייסטו מיר אָפּגעבען מיינע?
אָבער, אויב גרויסהאַרציג וועל׳ן מיר געבען אלע אַכאַיער איינע וואָס גלוסט איהר מיין האַרץ, ניט קלענער פון מיינער אין ווערדע —
און ווען זיי גיבען מיר ניט דאָן וועל איך אַליין מיר צונעהמען
דיינע אָדער דאָס מיידעל פון אַיאַס אָדער אָדיסעאוס׳;
איך וועל מיר נעהמען און בייז וועט זיין דער צו וועמען כ׳וועל קומען.
וועגען דעם ענין, אָבער, וועל׳ן מיר זיך שפּעטער בעראָטען.
איצט קומט שלעפּען צום געטליכען ים א שיפעל, א שוואַרצע,
און אַריינזעצען שטייערמענער גענוגטע און שיקען
אַ העקאַטאָמבע און מיטשיקען מיט איהר שעהן־באַקיגע כריזעאיס,
און דער פיהרער זאָל זיין אַ מאַן פון אונזערע יועצים:
אַיאַס, צי אידאָמענעאוס, צי דער געטליכער אָדיסעאוס,
אָדער דו פּעלעאוס׳ זוהן, דו שרעקליכסטער פון אלע מענער.
און ביי דעם ווייט־וואַרפער בעטען רחמנות און געבען קרבנות.
איהם האָט אָנגעקוקט בייז און געזאָגט שנעל־פיסיגער אַכיל:
— אָ דו, מיט אונפערשעהמטקייט אַרומגענומענער, כיטרער!
ווי קען גערן אַן אַכאַיער געהאָרכען אויף דיינע בעפעהלען,
אָדער צו געהן ווי דו הייסט אָדער קעמפּפען מוטהיג מיט מענער?
ניט מיט די טראַיער שפּיעז־טרעגער בין איך געקומען אַהערצו קעמפּפען, דען זיי האָב׳ן מיר אַליין געטהאָן גאָר קיין בייז ניט;
ניט מיינע רינדער האָבען זיי, ניט מיינע פערד ווען געטריבען
זיי האָבען ניט אין מיין ברייטער מענשען־שפּייזענדער פטהיאַ
מיר מיין תבואה צושטערט, דען צווישען מיין לאַנד און זייער׳ן
ליעגען פיעל שאָטיגע בערג, ליעגט דאָס ים, וואָס האַלט אין איין רוישען;
מיר זענען מיט דיר, אונפערשעהמטער, געגאַנגען צוליעב דיר,
רעטען מענעלאוס׳ כבוד, און דיר, הונד־אויגיגער, דיינעס
געגען טראָיאַ — און דאָס בעטראַכסט דו ניט און דיך אַרט ניט,
און דו סטראַשעסט מיר נאָך אַוועקצונעהמען מיין שלאַכט־רויב.
אויף וואָס כ׳האָב מיך געמיהט, און די אַכאַיער האָבען געגעבען,
איך וועל ניט קיין געשאַנק ווי דו האָבען, ווען די אַכאַיער

וועל׳ן די בעפעלקערטע שטאָדט פון די טראָיאַנער צושטערען;
אָבער דעם גרעסטען טהייל פון דער וואַיענדער, ווילדער מלחמה
טהוען אויף מיינע הענד, ווען ס׳וועט אָבער קומען צו טהיילונג,
קריגסטו דאָס גרעסטע געשאַנק, איך אָבער אַ קליינס און אַ טייערס
און געה דאַמיט אויף מיין שיף, ווען איך ווער מיד שוין פון קעמפפעז.
איצטער געה איך אַהיים קייז פטהיאַ, דען ס׳איז פיעל בעסער
אומקעהרען זיך אַהיים מיט די שנאָב׳ליגע שיפען, דען כ׳מיין ניט
דאָ פערבלייבען אין שאנד און קריעגען דיר גיטער און רייכקייט.
איהם האָט געענטפערט דאַרויף דער מענער־האַר אַגאַמעמנאָן:
— לויף דיר, לויף, אויב ס׳טרייבט דיך דיין האַרץ דאַצו, גלויב ניט איך וועל דיך
בעטען צוליעב מיר צו בלייבען, דען איך האָב אַרום מיר אויך אַנדרע,
וועלכע געבען מיר כבוד, בעזאָנדערס גאָט זעאוס, דער יועץ!
מעהר האַס איך דיך פון אַלע די גאָט־געבוירענע מלכים,
שטענדיג איז דיר דאָס קריעגען זיך ליעב, די מלחמות, דאָס קעמפפען.
אויב דו ביסט פיעל שטאַרקער, האָט דיר דאָך אַ גאָט עס געגעבען!
געה מיט דיינע שיפען אַהיים און מיט דיינע פריינדע,
הערש איבער די מירמידאָנער! איך דאגה׳ע פאר דיר זיך גאַנץ וועניג,
און מיך אַרט גאָר ניט, אויב ביסט בייז, איך זאָג דיר נור אָן דאָס:
ווייל עס בעהמט מיר אַוועק מיין כריזעאיס פאָיבאָס אַפאָללאָן,
וועל איך זי אָפשיקען מיט מיין שיף און מיט מיינע פריינדע
אָבער איך וועל מיר בעהמען דאפאר שעהן־באַקיגע בריזעאיס,
געהענדיג אין דיין געצעלט, דיין אייגענער שלאַכטרויב, זאָלסט זעהען
מיט וויפיעל איך בין שטאַרקער פאר דיר, זאָל׳ן פיינד האָבען אַנדרע,
רופען זיך גלייך צו מיר און מיר זיך אַנטקעגען צו שטעלען.
ער האָט געזאָגט דאָס. בייז ווערט דער פעלעיער און עס צעטיילט זיך
אין זיין האָאָריגער ברוסט דאָס האַרץ אין צוויי, צו בעראָטען
אויב ער זאָל ארויסציהען די שאַרפע קלינג פון די לענדען
און צוטרייבען די אַנדערע און אַטרעאוס׳ זוהן דאַן דערשטעכען,
אָדער זיין כעס איינהאַלטען, דאָס האַרץ, דאָס בייזע, איינשטילען.
און ווי ער לעגט דאָס איבער אין האַרץ און אין די געדאַנקען
ציהט ער פון שייד דאָס גרויסע שווערט זיינס. אָבער אטהענע
קומט פון הימעל, געשיקט פון ווייס־עלענבויגענער הערא,
וועלכע האָט ביידע געליעבט און געזאָרגט זיך פאַר ביידע אין האַרצען,
זי איז געשטאַנען פון הינטען, האָט די גאָלדענע האָאָר אָנגעכאַפט איהם,

האָט זיך א י ה ם נור געוויזען, קיין אַנדערער האָט זי געזעהען.
אַכיל האָט זיך פערוואונדערט, זיך אומגעדרעהט, און גלייך דער־קאַנט איהר,
פאללאס אטהענע, און ס׳האָב׳ן איהרע אויגען דאַן שרעקליך געלויכטען.
רעדענדיג דאַן צו איהר, האָט געזאָגט ער געפליגעלטע ווערטער:
— זאָג, פאַרוואָס ביסטו, קינד פון שפּיעז־טראָגענדען זעאוס, געקומען?
איז עס די חוצפה צו זעהן אַגאַמעמנאָן׳ס דעם זוהן פון אַטרעאוס?
אָבער דאָס זאָג איך דיר אויך און איך מיין, איך וועל עס אויספיהרען.
ער וועט באַלד דורך זיין אייגענער חוצפה פערליערען זיין לעבען!
איהם האָט געענטפערט אַטהענע, די ליכטיג־אויגיגע געטין;
איך בין געקומען איינהאַלטען דיין צאָרן, אויב דו וועסט מיך פאָלגען,
פון דעם הימעל, געשיקט פון ווייס־עלענבויגענער הערא,
וועלכע האָט ליעב אייך ביידע און זאָרגט זיך פאַר ביידע אין האַרצען.
אָבער קום, דו זאָלסט זיך ניט קריגען, דאָס שווערט ניט אַרויסציהן,
אָבער מיט ווערטער מעגסט דו איהם זידלען, ווי דו וועסט עס טהוען.
דאָס אָבער זאָג איך דיר אויס און עס וועט אויך דורכגעפיהרט ווערען,
דו וועסט האָבען פון היינט אָן דריימאָל אַזוי פיעל מתנות
איבער זיין חוצפה; דרום האַלט זיך איין, און פאָלג־אויס אונז ביידען.
איהר האָט אָפּגעענטפערט געזאָגט שנעל־פיסיגער אַכיל:
— מוז איך, הכלל, אָ געטין, נאָכפאָלגען איי׳רע בעפעהלען,
כאָטש איך בין שטאַרק אין כעס אין מיין האַרץ, דען דאָס איז דאָס בעסטע,
דען ווער עס פאָלגט די געטער, דעמ׳ס תפלות הערען זיי בעסער;
זאָגענדיג האָט ער פון שווערט׳ס האַפט זיין שווערע האַנד אָפּגענומען
און אין זיין שייד געשטויסען דאָס גרויסע שווערט און געפאָלגט דער געטין אַ ט ה ע נ ע׳ ס וואָרט. זי איז צום אָלימפּוס געגאַנגען,
אין דעם פּאַלאַץ פון שפּיעז־טראָגענדעם זעאוס׳ צו די אַנדערע געטער.
פעלעאוס׳ זוהן האָט ווייטער גערעדט מיט ביטערע ווערטער
צו דעם זוהן פון אַטרעאוס און האָט ניט גערוהט פון זיין כעס:
— אַנגעלאָד׳נער מיט ויין, מיט דעם בליק פון אַ הונד און אַ הירש־האַרץ,
דו האָסט נאָך קיינמאָל ווען געהן מיט דעם פאָלק אין מלחמה בעפּאַנצערט,
אָדער ווען טשאַטעווען געהן מיט די מוטהיגסטע פון די אַכאַיער

אין דיין האַרצען געוואַגט. דאָס וואָלט דיר דיין סוף דאָך געוועזען,
יאָ, ס'איז פיעל גרינגער פאר דיר אין דער ברייטער ארמעע פון אַכאַיער
רויבען אַוועק די מתנות ביי יענעם, וואָס רעדט דיר אַנטקעגען,
פעלקער־פערצהרענדער קעניג! דען איבער נישט־ווירדיגע הערשסטו,
אַנדערש וואָלסט אַטרעאוס' זוהן דאָס לעצטע מאָל איצט בעליידיגט!
איצט אָבער זאָג איך דיר עס און שווער דיר אַ הייליגע שבועה:
ביי דעם סצעפּטער, וואָס וועט שוין קיין בלעטער מעהר און ניט קיין צווייגען
געבען פון זיך, ווייל עס האָט זיין שטאַם אין די בערג לאַנג פערלאָזען,
און וועט מעהר נישט בליה'ן זינט די האַק האָט אָפּגעשיילט פון איהם
זיינע בלעטער און קאָרע, וואָס איצט די זיהן פון אַכאַיער
טראָגען אין זייער האַנד אלס שופטים און היטען די מצוות
וואָס עס האָט זעאוס געגעבען — דאָ האָסטו אַ הייליגע שבועה! —
ווען די זיהן פון אַכאַיער וועט כאַפּען אַ בענקען נאָך אַכיל,
וועסטו ניט קענען זיי קיינעם כאָטש דו וועסט פיהלען פיעל צער,
העלפען, אפילו ווען פיעלע, דורך מענער־טויטענדען העקטאָר,
וועלען פאַלען און שטאַרבען, דאַן וועסטו אויס כעס צערייסען
דיר דיין האַרץ, ווייל דו האָסט ניט געהערט דעם בעסטען אַכאַיער.
דאָס האָט געזאָגט פעלעאוס' זוהן, האָט אויף ד'ר ערד געוואָרפען דאָס סצעפּטער,
— וואָס איז מיט גאָלדענע טשוועקעס בעשלאָגען געווען — און געזעצט זיך;
אַטרעטוס' זוהן אויף דער אַנדערער זייט האָט געבייזערט זיך און דאָ
איז אויפגעשטאַנען זיס־רעדענדער נעסטאָר, דער רעדנער פון פּילאָס,
פון וועמעס צונג איז געפלאָסען די רעדע זיסער ווי האָניג,
און פאַר וועמען עס זענען צוויי דורות פון שטערבליכע מענשען
שוין געשטאָרבען, וואָס זענען פאַר זיינע אויגען געוואַקסען
אין דעם הייליגען פּילאָס — געהערשט האָט ער איבער דעם דריטען —
ער האָט אין גוטען מוטה גערעדט אַזוי און געזאָגט זיי:
וועה! אַ גרויסער וועהטאָג דערגרייכט דאָס לאַנד פון אַכאַיאַ,
עס וועט זיך פרעהען שוין פּריאַם, עס וועלען זיך פרעה'ן פּריאַמס קינדער,
און די אַנדערע טראָיער וועל'ן שטאַרק זיך פרעהען אין האַרצען,
ווען זיי וועל'ן אויסגעפינען, אַז איהר האַלט זיך דאָ אין איין קריעגען,
איהר, וואָס שטעהט איבער אלע דאַנאַער אין ראַטה און מלחמה.
אָבער פאָלגט מיךביידע דען איהר זייט פון מיר פיעל אינגער,

איך האָב שוין אָפט געגרעדט צו בעסערע מענער ווי איהר זייט,
און זיי האָבען מיך, גלויבט עס מיר, קיינמאָל בעהאַנדעלט מיט גראָבקייט,
איך האָב אַזעלכע מענער נישט מעהר געזעהן און וועל נישט זעהן,
ווי פּ ע ר י ט ה אָ אָ ס און ד ר י א ס, די פיהרער פון צאָהליגע פעלקער,
און קאַינעאוס, עקסאַדיאָס און דער געטליכער פּאָליפעמאָס
(טהעזעאוס, זוהן פון איגעאוס, וואָס איז צו אומשטערבליכע עהנליך)
זיי זענען פון די ערדישע מענשען געוועזען די שטאַרקסטע.
זייענדיג שוין די שטאַרקסטע, האָב'ן זיי געקעמפּפט מיט די שטאַרקסטע,
מיט די ווילדע פון בערג, און האָב'ן זיי שרעקליך דער'הרג'עט,
און מיט זיי האָב איך עס גערעדט, פון פילאָס געקומען,
ווייט — פון אַ ווייטען לאַנד, זיי האָבען אַליין מיך גערופען,
איך האָב אַליין פאַר מיר געקעמפּפט, מיט זיי אָבער וואָלט נישט
איינער פון די, וואָס לעבען אַצינד אויף דער וועלט, געקענט קעמפּפען,
זיי האָבען מיינע עצות געהערט און געפאָלגט מיינע ווערטער.
פאָלגט־זשע מיך איצטער, איהר ביידע, דען פאָלגען — דאָס איז דאָס בעסטע.
נעהם נישט ביי איהם, כאָטש ביסט מעכטיג, אַוועק זיין מיידעל, נאָר לאָז זי
איהם, ווייל עס האָב'ן די אַכאַיער געגעבען זי איהם אַלס מתנה,
און דו, פּעלעאוס' זוהן, צוקריעג זיך נישט מיט דעם קעניג
מיט געוואַלט, דען ס'האָט נישט קיין עהנליכען כבוד, קיין סצעפּטער —
האַלטענדער קעניג, וועמען רוהם האָט גאָט זעאוס געגעבען,
אויב דו ביסט שטאַרקער, האָט דיך אַ געטליכע מוטער געבאָרען,
ער שטעהט אָבער פיעל העכער, ווייל ע ר הערשט איבער מעהר מענשען.
אטרעאוס' זוהן, דו לאָז שוין אָפּ פון דיין כעס, איך בעט דיך,
און וואַרף אַוועק דיין צאָרן צו אַכיל, וועלכער איז אַלע
אונז אַכאַיער אַ שטאַרקער שוץ אין דער בייזער מלחמה.
איהם האָט אין ענטפער געזאָגט דער מעכטיגער אַגאַמעמנאָן:
אמת, דו האָסט דאָס אַלעס, אַ אַלטער, ריכטיג געשפּראָכען,
אָבער עס וויל אָט דער מאַן זיין איבער אַלע דערהויבען,
מעכטיג זיין איבער אַלע און קעניגען איבער אונז אַלע,
אַלעמען געבען בעפעהלען, וואָס כ'מיין, ס'וועט קיינער נישט פאָלגען,
אויב עס האָבען צום שפּיעזמאַן געמאַכט איהם די אייביגע געטער,
האָב'ן זיי איהם דען געגעבען, צו זאָגען אויך ווערטער פול זידלען?

איהם האָט אונטערברעכענד געענטפערט געטליכער אַכיל:
— איך וואָלט אין אמת׳ען: פּחדן, נישט־ווערדיגער ווערען גערופען,
ווען איך זאָל נאָכגעבען דיר אין אַלעם, אַזוי ווי דו זאָגסט עס,
אַנדערע מעגסטו בעפעהלען, מיר אָבער זאָלסט ניט בעפעהלען!
דען איך מיין, איך וועל דיר גאָר קיינמאָל ניט פאָלגען.
דאָס אָבער זאָג איך דיר איצט, דו לייג עס אין דיינע געדאַנקען:
איך וועל ניט מיט די הענד מיינע קעמפּפען וועגען דעם מיידעל,
ניט מיט דיר, ניט מיט זיי, וואָס איהר נעהמט מיר אַוועק מיין מתנה.
פון דעם איבריגען, וואָס אויף מיין שיף, מיין שנעלען און שוואַרצען,
וועסטו דיר, געגען מיין ווילען, ריהרען גאָר ניט און נעהמען.
אויב דו וועסט אָבער פּרובירען, דאַן זאָלען די מענער עס וויסען,
שנעל, וועט שפּריצען אַרויס דורך מיין שפּיז דאָס בלוט דיר, דאָס שוואַרצע.
זיי זענען זיך מיט פיינדליכע ווערטער געשטאַנען אַנטקעגען,
און די פערזאַמלונג האָב׳ן אָפּגעבראָכען דאַן די אַכאַיער.
פּעלאָוס׳ זוהן איז צו די געצעלטען און שנעלע שיפען
מיט מענאָיטיאָס זוהן און זיינע פריינדע געגאַנגען
אַטרעאוס׳ זוהן האָט אַ שיף, א שנעלע, געשלעפּט אין דעם וואַסער,
האָט צוואַנציג רודער־מענער געוועהלט און אַ העקאַטאָמבע
פאַר דעם גאָט אַריינגעשטעלט און שעהן־באַקינע כריזעאיס
איינגעזעצט; פיהרער געווען איז פיעל־עצה׳דיגער אָדיסעאוס.
זיי זענען מיט דעם שיף אויף די נאַסע וועגען געשוואומען,
און די פעלקער האָט אַטרעאוס׳ זוהן געפיהרט זיך צו וואַשען,
זיי האָבען זיך געריינינגט, אין ים די אונריינקייט געוואָרפען,
מקריב געווען צו אַפּאָללאָ די פאָלקאָמע העקאַטאָמבען,
אָקסען און ציעגען ביים ברעג פון גרויסען ים, דעם עקרה,
ס׳איז דער ריח פון רויך זיך דרעהענד צום הימעל געגאַנגען.
זיי האָבען אין דער אַרמעע געטהאַן דאָס און אַגאַמעמנאָן
האָט ניט גערוהט פון געקריעג, וואָס ער האָט געסטראַשעט אַכילעס.
און געזאָגט צו טאַלטהיביאָס און צו עוריבאַטעס —
זיי זענען אויסרופער ביי איהם געווען און דיענער זעהר פלינקע, —
— געהט איצט צו דעם געצעלט פון אַכיל, זוהן פון פּעלעאוס,
נעהמט ביי דער האַנד, פיהרט אַוועק שעהן־באַקיגע בריזעאיס;
אויב ער וועט זי ניט געבען, דאַן וועל איך אַליין זי מיר נעהמען,
געהענדיג מיט מעהר מענשען אַהין; דאָס וועט איהם מעהר וועה טון.
זאָגענדיג דאָס, שיקט ער זיי אַוועק און בעפעהלט זיי מיט שטרענגקייט.

און זיי געהען אונווייליגביים ברעג פון ים, דער עקרה,
קומען צו די געצעלטען און שיפען פון די מירמידאַנער,
און געפינען איהם ביי זיין געצעלט און אין זיין שיפעל, זיין שוואַרצער,
זיצענדיג. זעהענדיג זיי, האָט אַכילעס גאָר ניט געפרעהט זיך;
זיי אויס מורא און כבוד פאַר'ן קעניג זענען געשטאַנען,
האָבען דאָס קול ניט אויפגעהויבען און גאָר ניט געזאָגט איהם.
ער האָט אָבער געוואוסט אין זיין האַרצען און האָט געזאָגט זיי:
— זייט מיר געגריסט, אויסרופער, שליחים פון גאָט און פון מענשען,
נעהנטער קומט, ניט איהר זייט שולדיג, די שולד איז נור אגאַמעמנאָן'ס
וועלכער שיקט אייך אַהער צו ברענגען בריזעאיס, מיין מיידעל.
קום, גאָט־געבויר'נער פאַטראָקלעס און פיהר אַרויס זיי דאָס מיידעל
און גיב זי איבער צו זיי. איהר אַלע אָבער זייט עדית,
ביי די גליקליכע געטער און ביי די שטערבליכע מענשען,
און ביים אונפריינדליכען קעניג, אויב עס זאָל ווידער ווען קומען,
אַז מע זאָל מיך בעדאַרפען, דעם שענדליכען טויט אָפצוהאַלטען
פון די אַנדערע — דען ער שטורעמט אין טויטענדען האַרצען
און ער ווייס ניט צו קלערען ניט וואָס פאָרויס און וואָס היבטען,
ווי ביי די שיפען זאָל'ן קעמפפען מיט זיכערן קאַמפף די אַכאַיער.
ער האָט געזאָגט, און געפאָלגט האָט זיין פריינד זיין טייערען, פאַטראָקלעס;
ער האָט געפיהרט פון געצעלט אַרויס די שעהן־באַקיגע בריזעאיס,
און זיי געגעבען. זיי זענען געגאַנגען צוריק צו די שיפען
פון די אַכאַיער, אונווייליג דאָס ווייב, אָבער. — דאַן האָט אַכילעס
וויינענדיג זיך געזעצט ווייט אַוועק פון די פריינדע,
ביי דעם ברעג פון דעם ים, און געקוקט אויף דעם טונקעלעם וואַסער,
האָט אויפגעהויבען די הענד און געבעטען פיעל צו זיין מאַמען:
— מוטער, אַזוי ווי דו האָסט מיך געבוירען צום ווינציגען לעבען,
האָט מיר געדאַרפט דער אָלימפּער כאָטש געבען אַביסעלע כבוד,
זעאוס, וואָס דונערט פון הויך, איצט עהרט ער מיך אויך ניט מיט וועניג,
דען ס'האָט מיך אַטרעאוס' זוהן, דער ווייט־הערשענדער אַגאַמעמנאָן,
שווער בעליידיגט, אַוועקגעריסען מיין שלאַכטרויב און האַלט זי,
ער האָט געזאָגט און פערגאָסען פיעל טרעהרען, געהערט האָט זיין מוטער,
זיצענדיג אין די טיעפען פון ים ביי דעם גרייז־גרויען פאָטער
שנעל האָט זי אויפגעטויכט אין דעם גרויען ים ווי א נעפעל.

האָט זיך געזעצט לעבען איהם, וואָס האָט פיעל טרעהרען פערגאָסען
און מיט דער האַנד איהם געגלעט און איינגערעדט און צוגערופען:
— קינד וואָס וויינסטו, זאָג, וואָס פאַר צער איז אין האַרץ דיר
געקומען?
זאָג מיר, בעהאַלט מיר גאַר ניט און לאָמיר ביידע עס וויסען.
איהר האָט זיפצענדיג שווער געענטפערט שנעל־פיסיגער אַכיל:
מאַמע, דו ווייסט עס; פאַר וואָס זאָל איך דיר, וואָס דו ווייסט עס
אַלץ זאָגען?
אָנגעקומען קיין טהעבע, דער הייליגער שטאָדט פון עעטיאָן,
האָבען מיר זי צושטערט און אַוועקגעפיהרט אַלעס פון דאָרטען,
גוט צוטהיילט האָבען אַלעס די קינדער פון די אַכאַיער
און פאַר אַטרעאוס׳ זוהן געקליבען שעהן־באַקיגע כריזעאיס.
כריזעס, אָבער, דער פריעסטער פון ווייט־וואַרפענדען גאָט אַפּאָללאָ,
איז צו די שיפען געקומען פון די בראָנז־געקליידט׳טע אַכאַיער
אויסצולייזען זיין טאָכטער, געבראַכט האָט ער פיעלע מתנות
און האָט אין האַנד געהאַלטען דאָס באַנד פון ווייט־וואַרפער אַפּאָללאָ
אויף דעם גאָלדענעם סצעפּטער, און האָט די אַכאַיער געבעטען,
און בפרט די צוויי זיהן פון אַטרעאוס, די הערשער פון פעלקער.
דאָ האָבען אַלע אַכאַיער געגעבען זייער הסכמה,
מען זאָל עהרען דעם פריעסטער און נעהמען די טייערע מתנות,
אָבער דאָס איז ניט געפעלען אין האַרצען דעם האַר אַגאַמעמנאָן,
און ער שיקט איהם מיט בייז אַוועק און בעפעהלט איהם מיט
שטרענגקייט.
בייז איז דער אַלטער אַוועק און געבעטען. איהם האָט אַפּאָללאָן
אויסגעהערט זיין תפלה, דען ער איז איהם שטאַרק ליעב געוועזען,
האָט זיין פייל געוואָרפען אויף די אַרגעיער. די פעלקער
זענען געשטאָרבען אין מאַסען, די פיילען זענען געפלויגען
דורך די אַכאַיער׳ס אַרמעע. גוט־ווינשענדיג האָט דאַן דער נביא
אונז דאָס אָראַקעל געזאָגט פון ווייט־וואַרפענדען גאָט אַפּאָללאָ.
איך האָב דער ערשטער געהייסען מע זאָל דעם גאָט איבערבעטען,
אַטרעאוס׳ זוהן האָט דער כעס אָנגעכאַפּט. ער איז שנעל אויפגעשטאַנען
און געסטראַשעט מיט רייד וואָס זענען מקוים געוואָרען.
ס׳שיקען זי איצט די אַכאַיער, וואָס האָבען שטראַהלענדע אויגען,
אָפּ מיט אַ שיף, אַ שנעלער, און פיהרען מתנות צום קעניג.
איצט זענען אויסרופער אין מיין געצעלט געקומען און נעהמען
בריזעס׳ טאָכטער, וואָס ס׳האָבען געגעבען מיר די אַכאַיער.
דו אָבער, מוטער, בעשיץ דיין אייגען קינד, אויב דו קענסט עס!

געה אַרויף צום אָלימפּ, בעט זעאוס, גאַר אויב דו קענסט עס!
איהם זיין האַרץ דערפרעהט מיט ווערטער אָדער מיט טוען.
דען כ׳האָב אָפט דיך געהערט אין פּאַלאַץ פון מיין פאָטער
ריהמען, אז האָסט געראַטעט דעם שוואַרצען־וואָלקיגען קראָניאָן
פון די אונשטערבליכע נור דו אַליין — פון אַ שענדליך פערדאַרבען,
ווען ס׳האָב׳ן אַמאָל די אָלימפּיער די אַנדערע, בינדען געוואָלט איהם,
הערא און פּאָזעידאָן און זיין טאָכטער פּאַללאַס אַטהענע.
דו אָבער ביסט געקומען, האָסט אָפּגעבונדען די בענדער
און האָסט גערופען דעם הונדערט־אַרמיגען אויף דעם אָלימפּוס,
וועמען בריאַרעאָן רופען די געטער און ס׳רופען די מענשען
אַיאַגאַיאָן — וואָס איז שטאַרקער אין קראַפט פון זיין אייגענעם פאָטער.
ער האָט צו קראָניאָן געזעצט זיך, געגלאַנצט מיט זיין שטאַרקקייט;
ס׳האָבען די געטער געקראָגען מורא און זעאוס ניט געבונדען.
איצט זעץ זיך צו און דערמאָן איהם אָן דעם, כאַפּ אָן זיינע קניען,
ער זאָל וועלען פון היינט אָן שטיצען אין שלאַכט די טראָיאַנער,
און די אַכאַיער דערטרינקען אין ים אויף די שיפען
און זיי טויטען, זיי זאָלען ערפאַהרען ווער ס׳איז זייער קעניג;
וויסען זאָל אַטרעאוס׳ זוהן, וויט־הערשענדער אַגאַמעמנאָן,
פון זיין שולד, וואָס ער האָט דעם בעסטען אַכאַיער בעליידיגט.
איהם האָט טהעטיס געענטפערט דאַרויף און פערגאָסען פיעל
טרעהרען:
— אָ מיין קינד, פאַר וואָס האָב איך דיך ערצויגען, פערשאָלטענע
מוטער!
בעסער וואָלסט ביי די שיפען געבליבען אָהן טרעהרען און ליידען
איצט, אַזוי ווי דיין לעבען איז קורץ און ווערט לאַנג ניט געדויערן;
איצט אָבער ביזטו קורץ־לעביג און מעהר צו בעוויינען פון אַלע!
איך האָב דיך אין אַ בייזער שעה אין מיין פּאַלאַץ געבאָרען.
דאָס דערצעהלען צו זעאוס, וואָס פרעהט זיך אין דונערן, געה איך
אויף דעם אָלימפּאָס אַרויף, אויף דעם שנייאיגען, ער זאָל מיך הערען.
דו אָבער זעץ זיך ביי די שנעל־לויפענדע שיפען, זיך בייזער
אויף די אַכאַיער און האַלט זיך אין גאַנצען אָפּ פון מלחמה.
צום אָקעאַנאָס איז זעאוס צו די שולד־ריינע איטהיאָפּיער,
נעסטערן געגאַנגען צו מאָלצייט. מיט איהם זענען אויך אַלע געטער;
אין צוועלף טעג אַרום קומט ער ווידער צוריק צום אָלימפּאָס.
דעמאָלט געה איך צו זעאוס אין זיין בראָנזען־שוועליגען פּאַלאַץ
און וועל קניען פאַר איהם, און איך האָף כ׳וועל איהם איבעררעדען.
זי האָט געזאָגט און איז דאַן אַוועק, האָט דאָרט אים געלאָזען,

בייז אין זיין האַרצען וועגען דעם גוט־געגאַרטעלטען מיידעל,
וואָס מ׳האָט מיט געוואַלט איהם אַוועקגעריסען. — אַדיסעאוס
איז מיט אַ הייליגער העקאַטאָמבע קיין כריזע געקומען.
דאַן זענען זיי אַריין אין דעם טיעפען האַפען געקומען
האָב׳ן די זעגעל צוזאַמענגעקנייטשט, זי געלעגט אויף דעם שיפעל,
צום מאַסט־האַלטער דערנידערט דעם מאַסט, מיט די פראַנט־שטריק
געבראַכט איהם
שנעל אַראַפּ און גערודערט צום אַנקער־פּלאַץ מיט די רודערס,
און די אַנקער־שטיינער געוואָרפען אין ים און געבונדען
זיי צו שטריק, און זענען צום ברעג פון ים צוגעגאַנגען.
האָבען די העקאַטאָמבע אַרויסגעפיהרט פאַר אַפּאָללאָ,
און פון ים־געהענדען שיף איז אַרויסגעגאַנגען כריזעאיס.
פיהרענדיג זי צום מזבח האָט פיעל־ערפאַהר׳נער אַדיסעאוס
זי געגעבען דעם פאָטער, דעם ליעבען, אין האַנד און געזאָגט איהם:
— כריזעס, מיך האָט געשיקט דער מענער־האַר אַגאַמעמנאָן,
ברענגען צוריק דיין קינד און פאַר פאָיבאָס אַ העקאַטאָמבע
מקריב זיין פאַר די דאַנאַער און איבערבעטען דעם הערשער,
וואָס האָט געשיקט די אַרגעיער די זיפצען־בעלאַדענע ליידען.
ער האָט געזאָגט און אין האַנד איהם געגעבען זי. דער האָט מיט
פרייד זיין
טאָכטער גענומען און שנעל די הייליגע העקאַטאָמבע
אויפגעשטעלט אין דער רייה אויף דעם גוט־געבויטען מזבח.
זיי האָבען זייערע הענד געוואַשען און גערשטען גענומען.
כריזעס האָט הויך די תפלה געזאָגט און די הענד אויפגעהויבען:
הער מיך, דו מיט דעם זילבערנעם בויגען, וואָס געהסט אַרום כריזע
און אַרום געטליכע קיללא און הערשסט מיט מאַכט און טענעדאָס!
דו האָסט מיך פריהער געהערט, ווען איך האָב צו דיר דאַן געבעטען
און מיר כבוד געטהאָן און שווער בעשטראָפט די אַכאַיער,
איצטער בעט איך דיך אויך, זאָלסט קרוינען מיין וואונש מיט הצלחה:
האַלט אָפּ פון היינט די מגפה, די שרעקליכע, פון די דאַנאַער.
ער האָט געזאָגט דאָס אין תפלה, געהערט האָט איהם פאָיבאָס
אַפּאָללאָ,
און ווי זיי האָבען די תפלה געזאָגט און געוואָרפען די גערשטען,
האָב׳ן זיי אַוועקגעדרעהט די קרבנות׳ קעפּ, זיי געשחט׳ען,
אָפּגעשונדען די הויט, די שענקעל צושניטען, אין פעטס דאַן
איינגעוויקעלט זיי דאָפּעלט, מיט רויהען פלייש זיי באַלאַדען.
ס׳האָט דער אַלטער געברענט אויף שפּיזען און פלאַמענדען ווין אויף

זיי געגאָסען, און יונגע האָבען פינף־שפּיציגע גאָפּלען
הויך געהאַלטען, דערנאָך די פאַרברענטע שענקלען און די קישקעס
דאַן פערזוכט, זיי צושניטען און דורכגעשטאָכען מיט שפּיזען
און געבראָטען זיי אויפפאַסענדיג, דאַן אַלעס פערנומען.
האָבען זיי, נאָך געענדיגטער אַרבייט, געגרייט צו די מאַלצייט
און געגעסען, גאָר ניט געפעהלט ס'האָט ביי דעם פּרעכטיגען עסען.
דאַן ווי זיי האָבען דעם חשק נאָך עסען און טרינקען פערטריבען,
און זיי צו אַלע פערטיילט, פון די בעכער ערשט גיסענדיג נסך,
האָבען די בחורים בעקראַנצט די קרוגען מיט עדעלער משקה
האָבען דעם גאָט יענעם טאָג מיט זינגען איבערגעבעטען,
זינגענדיג אַ פּאַיאַן, אַ שעהנעם, די יונגע אַכאַיער,
זינגענדעג פון ווייט־וואַרפער. ער האָט זיי געהערט און געפרעהט זיך.
ווען ס'איז אונטערגעגאַנגען די זון און די נאַכט איז געקומען,
האָב'ן זיי זיך שלאָפען געלעגט ביי די שטריק פון זייערע שיפען.
ווען ס'האָט באַוויזען זיך מאָרגען־געבוירענע, רויז־פינגעריגע עאָס,
זיינען געפאָהרען זיי צוריק צו דעם לאַגער פון די אַכאַיער.
און אַ פריינדליכען ווינד האָט געשיקט זיי ווייט־וואַרפער אַפּאָללאָן,
האָבען דעם מאַסט אויפגעשטעלט, הויך האָבען געפלאַטערט די זעגלען
ווייס, און דער ווינד האָט געבלאָזען אין זייער בוזים, די כוואַליע
האָט, די פּורפּורנע, הויך אום זיין שנאָבעל געזונגען ביים פאָהרען.
איבער די כוואַליע דאָס שיף איז געלאָפען, זיין וועג האָט בעענדיגט.
ווען זיי זיינען געקומען צום ברייטען, אַכעיעשען לאַגער,
האָב'ן זיי דאָס שווארצע שיף ארויפגעשלעפּט אויף דער יבשה,
אויף דעם זאַמד דעם הויכען, און אונטערגעשטעלט גרויסע שטיינער
און זיך דאַן געגאַנגען צו זיי'רע געצעלטען און שיפען.
צאָרעדיג אָבער געזעסען איז ביי די שנעל־פאָהרענדיגע שיפען
גאָט־געבוירענער פּעלעאוס' זוהן, שנעל־פיסיגער אַכיל,
איז ניט געגאַנגען ניט צו די אסיפות, וואָס עהרען די מענער,
ניט אין דער שלאַכט, אָבער האָט זיך געפייניגט דאָס ליבע האַרץ דאָרט
בלייבענדיג, דען ס'האָט געגאַרט נאָך שלאַכט־געשריי און נאָך מלחמה.
ווען עס איז אָבער שפּעטער דער צוועלפטער מאָרגען געקומען,
זענען געגאַנגען אַרויף צום אָלימפּאָס די אייביגע געטער,
אַלע צוזאַמען און זעאוס פאָראויס. ס'האָט ניט טהעטיס פערגעסען

אַן דעם וואונש פון איהר זוהן. האָט אויפגעטויכט פון דעם ים׳ס כוואַליע,
איז אין דער פריה געגאַנגען צום הימעל און גרויסען אָלימפּאָס.
האָט ווייט־זעהענדען קראָניאָן געפונען זיצען בעזונדער
אויף דעם העכסטען שפּיץ פון פיעל־דורכגעשניט׳נעם אָלימפּאָס.
האָט זיך געזעצט ביי זיין זייט און האָט אָנגעכאַפּט זיינע קניען
מיט דער לינקער האַנד, און די רעכטע געגלעט אויף זיין באָרד איהם.
בעטענדיג האָט זי געזאָגט צו קראָנאָס׳ זוהן, קעניג זעאוס:
— פאָטער זעאוס, אויב צווישען אונשטערבליכע כ׳האָב דיר געהאָלפען
ווען ס׳איז דורך וואָרט און טהוען, דאַן זאָלסטו מיין וואונש מיר איצט קרוינען,
כבוד ברענג פאַר מיין זוהן, פריה־שטאַרבענדיגסטען פון אַלע
אַנדערע, דען עס האָט איהם דער מענער־האַר אַגאַמעמנאָן
שווער בעליידיגט און האַלט זיין שלאַכט־רויב וואָס ער האָט גענומען.
דו אָבער נעהם נקמה, אָלימפּישער פלאַנענדער זעאוס.
אַזוי לאַנג גיב די טראָיער די מאַכט, ביז ס׳וועלען די אַכאַיער
געבען כבוד מיין זוהן, און רייך מאַכען איהם מיט בעלוינונג.
זי האָט געזאָגט און געענטפערט האָט ניט, וואָלקען־זאַמלענדער זעאוס.
ער איז שטיל נור געזעסען. ארומנעמענדיג זיינע קניען,
האָט זיי טהעטיס געהאַלטען פעסט און געזאָגט איהם אַ צווייט מאָל:
— זאָג מיר אין אמת׳ען צו און בייג צו דיין קאָפּ אין הסכמה,
אָדער זאָג אָפּ, דען דו האָסט ניט קיין מורא, כדי איך זאָל וויסען
וויפיעל איך בין צווישען אַלע די אונ־געעהרטעסטע געטין.
איהר אין גרויס דאגה געענטפערט האָט וואָלקען־זאַמלענדער זעאוס:
— ס׳איז אַ געפעהרליכע זאַך, וואָס דו טרייבסט מיך מיט העראַ זיך קריעגען,
ווען זי רייצט מיך אויף מיט פאָרוואורף און שענדליכע ווערטער.
און איצט אויך ביי אונשטערבליכע געטער בעשטענדיג
קריעגט זי זיך, זאָגענדיג דאָס איך שטיץ אין קאַמפּף די טראָיאַנער.
דו אָבער געה איצט אַוועק, עס זאָל דיך העראַ ניט זעהען,
איך וועל זיך זאָרגען דערפאַר, אַז אַלעס זאָל דורכגעפיהרט ווערען.
זעה, איך בייג דיר מיין קאָפּ, כדי דו זאָלסט מיר געטרויען,
דען צווישען אונשטערבליכע איז עס די גרעסטע פערזיכ׳רונג,
וואָס קען ניט ווערן צוריקגענומען, קען אָפּנאַרען קיינעם,
און צו וואָס כ׳בייג מיין קאָפּ צו, קען אונדורכפיהרבאַר ניט בלייבען.

דאָ האָט זיין קאָפּ מיט די טונקעלע ברעמען געבויגען קראָניאָן,
פון דעם אונשטערבליכען קאָפּ פון דעם קעניג דאַן זענען געפלאָסען
די אַמבראָזישע לאָקן; דער גרויסער אָלימפּ האָט געציטערט.
זיי האָבען זיך צושיידט נאָך דעם עצה־נעהמען, און טהעטיס
איז פון דעם שיינענדען אָלימפּ אין ים דעם טיעפען, געשפּרונגען.
זעאוס איז צוריק אין זיין פּאַלאַץ. און אויפגעשטאַנען די געטער
זענען פון זייערע זיצען פאַר׳ן פאָטער און קיינער געוואגט האָט
זיצען ווען ער איז געקומען און אַלע זענען געשטאַנען.
ער האָט זיך דאַן געזעצט אויף זיין טראָהן, אָבער הערא
האָט גוט געוואוסט און געזעהען, דאָס עצות מיט איהם האָט
גענומען
זילבער־פוסיגע טהעטיס, טאָכטער פון גרייז־גראָען ים־גאָט.
זי האָט מיט שטעכיגע ווערטער געזאָגט באַלד צו זעאוס קראָניאָן:
— ווער פו די געטער האָט, כיטרער, מיט דיר איצט עצות
גענומען?
שטענדיג האָסטו עס ליעב, ווען איך בין פון דיר פון דער ווייטען
קלעהרען בעהאַלטענערהייט און בעשליסען. מיר אָבער וואָגסטו
גאָר ניט צו זאָגען, מיט גוטען ווילען דאָס וואָס דו קלעהרסט ווען.
איהר האָט געענטפערט דאַרויף דער פאָטער פון מענשען און געטער:
— הערא, ניט האָף, אַז דו וועסט מיינע אלע ווערטער ווען וויסען;
שווער וועט דאָס זיין פאַר דיר, כאָטש דו ביסט אַ פרוי מיר, אַן
אייג׳נע.
אָבער דאָס, וואָס עס פּאַסט זיך זאָלסט הערען, וועט קיינמאָל ניט
קיינער
וויסען פאָרויס פאַר דיר פון די געטער און פון די מענשען.
דאָס וואָס איך וויל איבערקלעהרען, זייענדיג ווייט פון די געטער,
דאָס זאָלסטו מיך ניט פרעגען און זאָלסט ניט זוכען געפינען.
איהר האָט געענטפערט דאַרויף אָקס־אויגיגע געטליכע הערא:
— שרעקליכסטער זוהן פון קראָנאָס, וואָס האָסטו געזאָגט דאָ פאַר
ווערטער,
איך האָב ביז איצט ניט געפרעגט דיך און גאָר ניט געזוכט צו
געפינען
און דו קלערסט דיר גאַנץ רוהיג איבער דאָס וואָס דו פערלאַנגסט נור.
איך האָב איצט שטאַרק מורא, עס זאָל דיך ניט איבעררעדען
זילבער־פוסיגע טהעטיס, טאָכטער פון גרייז־גראָען ים־גאָט.
פריה איז זי ביי דיר געזעסען, האָט ארומגעכאַפּט דיך די קניען.
כ׳מיין דו האָסט מיט דעם קאָפּ איהר געשאָקעלט אַ צוזאָג,
אַז אַכיל

וועסטו עהרען און טויטען אכאיער א סך ביי די שיפען.
איהר האט אפענטפערענדיג געזאגט וואלקען־זאמלענדער זעאוס:
— וואונדערבארע, רעדסט תמיד דיר איין, כ׳קען זיך ניט בעהאלטען,
וועסט אבער גארניט אויפטהוען קענען, און דו וועסט נור ווייטער
זיין דורך דעם פון מיין הארץ, און דאס וועט פאר דיר זיין פיעל ערגער.
אויב עס איז אלעס אזוי, דאך מוז עס מיר, זעהסט דאך געפעלען,
דו אבער זעץ זיך אנידער און שוויג און פאלג מיינע ווערטער;
אז ניט וועלען ניט דיך אלע געטער וואס אויף אלימפאס
רעטען פון שטראף, וואס איך וועל מיט מעכטיגע הענד אויף דיר לעגען.
ער האט געזאגט און עס האט זיך דערשראקען אקס־אויגיגע הערא,
און זי איז שטיל געזעסען און האט איהר הארץ איינגעבויגען,
און געזארגט האבען זיך אין זעאוס׳ הויז די הימלישע געטער.
ס׳האט פון זיי אנגעהויבען דער קינסטלער העפאיסטאס צו רעדען,
טהון א טובה זיין מוטער, ווייס־עלענבויגענער הערא:
ס׳איז א געפעהרליכע זאך, וואס מע וועט ניט קענען דערטראגען,
אויב איהר וועט וועגען שטערבליכע מענשען ביידע זיך קריעגען,
צווישען די געטער ברענגען געקריעג, און וועט ניט געניסען
פון דער פרעכטיגער מאלצייט, דען שטענדיג זיעגט דאך דאס שלעכטע.
מוטער, לאמיך דיר זאגען, כאטש דו ביסט אליין זעהר א קלוגע:
זאלסט זיין גוט צו זעאוס, דעם ליעבען פאטער, ער זאל ניט
ווידער זיך קריעגען און אונז די שעהנע מאלצייט פערדארבען.
דען אויב ער וויל, דאן קען דער אלימפישער, בליצענדער זעאוס
ווארפען אונז פון די זיצען, דען ער איז דער שטארקסטער פון אלע.
דו אבער, מוטער דו ווענד זיך צו איהם מיט ווערטער, מיט וויכע,
און דער אלימפישער וועט זיין צו אונז אלע פריינדליך און גנעדיג,
ער האט געזאגט און איז אויפגעשטאנען און האט א דאפעלט־דעקיגע שאל געגעבען זיין מוטער אין האנד און געזאגט איהר:
— האב גוטען מוט, ליעבע מוטער, דערטראג דאס, אפילו מיט זארגען,
איך זאל דיך ניט, ליעבע מוטער, פאר מיינע אייגענע אויגען
זעהען געשלאגען, דען כ׳וועל צו מיין צער ניט קענען דיר העלפען,
דען עס איז שווער, זעהר שווער, דעם אלימפיער אקעגען זיך שטעלען.
ער האט מיך איינמאל געשליידערט, און איך האב געוואלט דיך באשיצען,

נעהמענדיג מיך פאַר די פּיס, פון דעם שוועל פון זיין געטליכער וואוינונג,
איך בין אַ גאַנצען טאָג געפאַלען, און ערשט געגען אָבענד
אָנגעקומען קיין לעמנאָס; ס׳איז מיר קוים לעבען געבליבען;
מיך האָבען דאָן געהיילט די סינטיער באַלד נאָך מיין פאַלען,
ער האָט געזאָגט. ס׳האָט געשמייכעלט ווייס־עלענבויגענע הערא.
שמייכלענדיג האָט זי די שאָל פון דער האַנד פון איהר זון צוגענומען,
ער האָט אַלע געטער פון לינקס ביז רעכטס אין די בעכער
פון אַ קרוג, אַ גאָלד׳נעם, דעם זיסען נעקטאַר געגאָסען.
אין אונגעשטילטען געלעכטער האָב׳ן אויסגעבראָכען די געטער,
זעהענדיג העפאַיסטאָס דורך דעם פאַלאַץ געהען און סאָפּען.
האָב׳ן דעם גאַנצען טאָג געשפּייזט אַזוי ביז דעם זונען־אונטערגאַנג ס׳האָט ניט געפעהלט זיי קיין הערליכע שפּייזען.
און קיין מוזיק פון די פאָרמינקס, וועלכע געשפּיעלט האָט אַפּאָללאָ,
און ניט די מוזען וואָס האָב׳ן מיט אַ שעהנעם קול פאָרגעזונגען,
ווען עס איז אָבער דאָס ליכט פון דער זון, דאָס העלע, פערגאַנגען,
דאַן איז אַ יעדער געגאַנגען צו זיך, זיך אַנידערצולעגען,
וואו ס׳האָט יעדען גאָט זיין פאַלאַץ דער בעריהמטער בוי־מייסטער
העפאַיסטאָס געבויט מיט זיין קלוגען, וויסענדען האַרצען.
זעאוס, דער אָלימפּיער, דער בליצענדער, איז צו זיין בעט דאַן געגאַנגען,
וואו ער איז שטענדיג געשלאָפען, ווען דער זיסער שלאָף האָט דער־גרייכט איהם.
דאָ איז ער איינגעשלאָפען — לעב׳ן איהם גאָלדען־טהראָניגע הערא.

סאפּאָ :

(פון גריכיש, איבערזעצט אין ווערזמאָס פון אָריגינאַל)

I.

ליעבע ליעד

גלייך צו די אַלמעכטיגע געטער — דוכט מיר —
איז דער גליקליכער, וואָס זיצט דיר אַנטקעגען,
האָרכט זיך איין אינ׳ם לאַשצענדען, ווייכען כשוף־
קלאַנג פון דיין שטימע.

הערט דיין לאַך וואָס רייצט מיך און לאָקט און מאַכט מיר
ציטערן אויף דאָס אָרימע האַרץ אין בוזים !
ווייל קוק איך אַ שווינדענדע ווייל אויף דיר
פעהלט מיר מיין שטימע !

און עס ברעכט מיין צונג זיך. און ס׳לויפט אַ פייער׳ל
דורך און בריהט מיך אונטער דער הויט און ברענט מיך ;
פון די אויגען שווינדט דאָס זעהן און ס׳קלינגען
דומפּ מייגע אויערן

און מיין לייב בעגיסט דאַן אַ שווייס, אַ ציטער׳ן
געהמט דורך מיינע גליעדער און איך ווער בלייכער
נאָך פון גראָז, און ווייניג נור פעהלט און באַלד, באַלד
בין איך געשטאָרבען.

II.

צו אַפראָדיטאַ

קינד פון זעאוס, אונשטערבליכע אַפראָדיטע,
וואָס אויף רייכגעשניצטען טראָהן וועבסט פערפיהרונג,
כ׳בעט דיך, ניט מיט צער און וועהטאָג מוטשע
קעניגין, ס׳האַרץ מיר.

קום, נור קום אַהער. דו האָסט שוין וואו אנדערש
הערענדיג פון ווייטען מיין שטימע רופען
צוגעהערט זיך און האָסט דיין פאָטער׳ס
פּאַלאַץ פערלאָזען,

האָסט געשפּאַנט אין דיין וואָגען שעהנע פויגלען ;
זיי האָב׳ן דיך דאַן איבער דער ערד, דער שוואַרצער,

שנעל געפיהרט, די פליגעלעך פּאַטשענדיג, פון
הימעל דורך עטהער.

שנעל געקומען זיינען זיי. דו, געבענשטע,
האָסט געשמייכעלט מיט דיין אַונשטערבלעך פנים
און געפרעגט מיך: זאָג מיר וואָס ליידסטו און וואָס
האָסט דיך גערופען.

און וואָס זאָל געשעהן דיר, נאָך וואָס גאַרסטו,
אין דיין ווילדער ברוסט, וועמען ווילסטו זאָל מיין
איבעררעדונג ברענגען דיין ליעבע, ווער טהוט,
סאַפּאָ, דיר אומרעכט ?

לויפט זי פון דיר איצטער, באַלד לויפט זי נאָך דיר.
נעמט זי קיינע מתנות, וועט זי מתנות
געבען? ליעב זי ניט, וועט זי באַלד דיך ליעבען,
כאָטש זי וויל איצט ניט !"

קום צו מיר אויך איצט און בעפריי מיך, געטין,
פון די שווערע ליידען ! נאָך וואָס מיין האַרץ בענקט,
טהו עס מיר ווי דעמאָלט דו האָסט געטהאָן מיר,
העלף מיר, אַ געטין !

III.

צו העספעראָס
העספעראָס, ברענגסט צוריק אַלץ, וואָס דער שיינענדער מאָרגען צושפּרייט
האָט ;
קעהרסט אום די ציעג און די שאָף און קעהרסט אום דאָס קינד צו דער
מוטער !
(קעהר זשע מיר אום אויך, אַ טהייערער, קעהר זשע מיר אום מיין
געליעבטען !)

IV.

חתונה ליעדער :
ווי דער עפּעל, דער זיסער, אויפ'ן שפּיץ פון צווייגעל זיך רויטעלט,
אויף דעם העכסטען שפּיץ, און די וואָס רייסען די עפּעל

האָבען איהם גאַנץ פערזעהען — ניט פערזעהן! ניט געקענט גאָר דערגרייכען.
(אַזוי אויך ביזטו, כלה, אין שטאָלצער בושה געשטאַנען...)

ווי אויף די בערג צוטרעטען די פאַרטיכער די היאַצינטען
מיט די פיס, און די בלומען, די העלע, אויף דער ערד פערטונקלען —
(אזוי וועט אויך די עלטער דיין פרישע שעהנקייט צוטרעטען...)

הנ׳עוודיג איז דיין פאָרם, די אויגעלעך דיין ווי האָניג
זיס און די ליעבע צעגיעסט זיך
אויף דיין פנים, טייערע,
אַך, אַפראָדיטאַ האָט דיך געעהרט פון אַלע!

כלה, דו רינגעל אַרום מיט קראַנצען די ליעבליכע האָאר דיר
און פלעכט קווייטען פון דילע אַריין מיט די הענטלעך, די צאַרטע.
די מיט בלומען בעקראַנצטע געניעסען צוערשט די געטינען׳ס חסד,
און זיי ווענדען אַוועק זיך פון די וואָס טראָגען קיין קראַנצען.

עס בעהערשט מיך איצט עראָס. — ס׳לייזט אויף די גליעדער
דער זיס־זויערער גאָט, וואָס מאַכט שוואַך ווי אַ קינד.

עס האָט עראָס געמאַכט מיר אויפציטערען ס׳האַרץ,
ווי דער ווינט אויפ׳ן באַרג, וואָס פאַלט אָן אויפן דעמב.

דאָס איז דער שטויב פון טימאַס, וואָס איז פאַר דער חתונה געשטאָרבען
און וואָס דער פינסטערער פאַלאַץ פון פערסעפאָנע בעהאַלט.
צו איהר טויט האָבען איהרע פריינדינען אָפּגעשניטען
מיט דעם געשאַרפטען שטאָהל זיך זייערע לאָקען פון קאָפּ.

V.

נאַכט ליעדער

רונד אַרום דאָס ווינטעלע מורמעלט קיהל דורך
עפּעל צווייגען און פון דעם בלאַט וואָס ציטערט
שלאָף שטראָמט אַרונטער.

אַוועק איז שוין די לבנה,
אַוועק די שטערען און האַלבע
נאַכט און די שעה'ן פערלויפען.
איך ליעג אַליין און שלאָף שטיל.

נאַכט. אַרום דער שעהנער לבנה שוועבען
שטערען. שנעל בעהאַלטען זיי ס'ליכטיג פנים,
ווען אין פולסטען גלאַנץ זי בעשיינט די גאַנצע
ערד מיט איהר זילבער.

אנאקרעאָן :

ליעבע און וויינליעדער

I.

דעם רוהם פון די אַטרידען
פון קאַדמאָס כ'וויל בעזינגען.
מיין לירע מיט די כאָרדען
קלינגט אָבער נור פון עראָס.
צוערשט די סטרונעס האָב איך
געביטען, דאַן די לירע
און אָנגעהויבען זינגען
פון מוטהיגען הערשאָקלעס,
זי אָבער זינגט פון ליעבע.
דאַרום געזונד בלייבט אַלע,
איהר העלדען, וויל מיין לירע
זינגט אימער נור פון ליעבע.

VII.

נאַטור דעם אָקס האָט הערנער,
דעם פערד די קלוי'ן געגעבען,
די שנעלע פיס די האָזען,
דעם לייב די צייהן די שטאַרקע,
דעם פיש דאָס גלאַטע שווימען,
די פויגעלעך דאָס פליהען
און דעם פערשטאַנד די מענער.
דער פרוי — געבליבען איז גאָר ניט —
האָט זי געגעבען שעהנקייט.
איצט זעהט ! אפילו אייזען
און פייער בעזיעגט אַ שעהנע !

III.

אין אַ מיטענגאַכט׳גער שטונדע
ווען דער העלער צפון שטערען
דרעהט ארום זיך אום באַטעס
און די מענשליכע געשלעכטער
ליגען טיעף בעזיעגט פון מיעדקייט,
דאַן איז עראַס אַנגעקומען,
האָט געריהרט פון טהיר דעם ריגעל.
ווער — זאָג איך — קלאַפּט ביי מיין טהיר דאָרט
וועקט מיך אויף פון די חלומות ?
עראַס אָבער זאָגט מיר : עפען,
כ׳בין אַ קינד, האָב ניט קיין מורא,
איך בין נאַס פון טהוי און וואַנדער
אין דער אָהן־לבנה־נאכט אום.
כ׳האָב געקראָגען גרויס רחמנות,
כ׳האָב מיין לעמפּעל אָנגעצונדען
און געעפענט. כ׳זעה אַ קינד שטעהט,
האָט אויף זיך אַ גרויסען בויגען,
פליגלעך און אַ בינטעל פיילען.
זעץ איך אהם צו נאָהנט צום פייער,
וואַרים אַן איהם זיינע הענטלעך
מיט מיין האַנד און פון זיין העמדעל
דריק איך אויס דאָס נאַסע וואַסער.
ער, ווי ער האָט זיך דערוואַרימט,
זאָגט : קום, לאָמיר אויספּרובירען,
אויף ווי ווייט דורך נעץ דער בויגען
איז פערדאָרבען מיר געוואָרען !
און ער שפּאַנט איהם אַן און שיסט מיר
גלייך אריין אין האַרץ און שפּרינגט דאַן
ווי אַ גריל אַוועק און לאַכט הויך :
ווירט — זאָגט ער מיר — בלייב געזונד מיר !
ס׳האָט מיין בויגען גאָר קיין שאָדען,
אָבער דיר דאָס האַרץ וועט וועה טהון !

IV.

קום, דו בעסטער פון די מאַלער,
מאָל. דו בעסטער פון די מאַלער,

מייסטער פון דער קונסט פון רהאַדאַס,
מאָל זי — זי איז ביטאַ — ווי כ׳זאָג דיר,
מאָל, — דו ווייסט דאָך! — מיין געליעבטע!
מאָל צום ערשטען איהרע לאָקען,
ווייך ווי זייד און שוואַרץ ווי ראָבען;
אויב דיין וואַקס קען איבערגעבען,
מאָל זיי אָטהעמדיג פון באַלזאַם!
מאָל דאַן אויף איהר פולען פּנים
אונטער איהרע טונק׳לע לאָקען
גלאַט ווי עלפענביין — איהר שטערען.
און די אויגען־ברעמען זאָלסטו
ניט פערקירצען, ניט צומישען!
זאָל׳ן זיי ווי די אויגענלידער
וואו זיי ריהרען אָן די ברעמען
אין א טונק׳לען ראַנד פערגעהען!
און איהר בליק, דעם זאָלסטו ריכטיג
איבערגעבען: ווי פון פייער,
אַזוי ליכטיג ווי אַטהענע׳ס,
אַזוי פייכט ווי ביי קיטהעראַ!
מאָל איהר נאַר און איהרע באַקען,
מילך פערמישענדיג מיט רויזען,
מאָל די ליפען ווי פערפיהרונג׳ס
ברענענדע, ענטלאָקטע קושען
אויף איהר מאַרדעטשקע פול תאוה,
און איר האַלז, דעם מאַרמעל־ווייסען,
זאָלען אַלע חנ׳ען שוועבען!
דאַן, דאַן היל זי איין אין קליידער,
טונקעלע, פון טיעפען פּורפּור,
זאָל אַרויסשיינען אַביסעל
פון איהר לייב — איהר שעהנהייט׳ס עדות!
וואַרט, האַלט איין! אָט איז זי! כ׳זעה זי!
אָט, באַלד הויבט דאָס בילד אָן רעדען.

V.

אויף די צאַרטע מירהוס בלעטער,
אויף די לאָטאָס־ווייכע גראָזען
שטרעק איך אויס זיך און וויל טרינקען.

עראָס, בינדענדיג זיין העמדעל
צו זיין האַלז מיט אַ פּאַפּירוס,
זאָל מיר ריינעם ווייַן איינגיסען!
ווייל אַזוי ווי ס'ראָד פון וואָגען
דרעהט זיך און ס'לויפט אָפּ דאָס לעבען:
באַלד, באַלד רוהען מיר: — אַביסעל
שטויב און פוילענדיגע ביינער.
וואָס, וואָס טויג דעם שטיין צו זאַלבען,
אויף דער ערד אומזיסט ווייַן גיעסען?
גיכער מיך, מיין פריינד, וואָס לעבט נאָך,
זאַלב און מיט די רויזען ריינגעל
אום מיין שטערען, רוף מייַן פריינדין!
איידער, עראָס, כ'וועל אַהין געהן
צו דעם כאָר פון אונטער־ערדישע
טרייב איך דאָ פון מיר די זאָרגען!

VI.

רויזען פון די ליעבעס אַלע
לאָמיר מישען מיט דעם ווייַן!
רויזען מיט די שעהנע בלעטער
צו די שלעפען לאָמיר בינדען,
לאָמיר טרינקען, פרעהליך לאַכען!
רויז, דו טהייערסטע פון בלומען!
רויז, דו פריהע זאָרג פון פריהלינג!
רויז, וואָס ליעב ביזט אויך די געטער.
רויזען פלעכט דער זוהן קיטהעראַ׳ס,
רויזען אין די שעהנע לאָקען,
ווען ער טאַנצט דאָרט מיט די גראַציעס!
קרוין מיך אויך מיט זיי, אָ באַקכוס!
כ'שפיעל מיט פלייט דאַן ביי דיין טעמפעל
און בעקראַנצט מיט רויזען־קראַנצען
טאַנץ איך צו דיין עהרע מיט איהר —
מיין טיעף־בוזים׳דיגען מיידעל!

VII.

עס טרינקט די ערד די שוואַרצע,
עס טרינקט דער בוים די ערד,

דעם הימעל טרינקען ימים,
די ימים טרינקט די זון אויס,
טאָ וואָס-זשע קריגט איהר פריינד זיך,
ווען איך וויל אויך מיר טרינקען?

פון האָראַץ

(פון לאַטיין, איבערזעצט אין ווערזמאָס פון אָריגינאַל)

I.

אָ. באַנדוזיאַ׳ס קוואַל, לויטערער ביסט פון גלאָז,
ווערט ביסטו זיסען וויין, ווערט ביסט אויך בלומען פיעל.
מקריב בין איך אַ ציג דיר
מאָרגען, פון וועמעס שטערן אַ האָרן

שפּראָצט, צוגרייטענדיג זי צו ליעבע-שפּיעל און שלאַכט.
נאָר אומזיסט, ווייל עס וועט פאַרבען איהר רויטעס בלוט
דיינע קיהלענדע ברעמען. —
מאָרגען בין איך זי מקריב דיר.

דיך קאָן די בייזע צייט פון קאַניקול, וואָס ברענט,
גאָר קיין שאָדען ניט טהאָן. דו גיסט דיין טייערע קעלט
אָפּ צו אָקסען, וואָס מיעד פון
פלוג, צו רינדער, וואָס זוכען דיך.

אייביג, אייביג וועסטו זיין דער בעריהמטסטער קוואַל.
ווען כ׳וועל זינגען פון בוים, וואָס אויף דעם הויכען פעלז,
וואָס פון איהם דיינע כוואַליעס
שפּרינגען רעדעוודיג קלאָר אַרויס.

II.

וועלכער אינגעלע שעהן דריקט דיך צום האַרצען צו,
צווישען רויזעלעך פיעל און צווישען נאַסען דופט
אין דיין הייהל, שעהנע פּירהאַ?
זאָג, פאַר וועמען דו בינדסט די האָאָר,

גאָלדען־בלאָנד און פערקאָמט מיט וויפיעל פראָסטען חן?
קלאָגען וועט ער, אָך, פיעל, וואָס ער האָט דיר געגלויבט

און וועט זעהן און זיך וואונדערן,
ווי דער שטורם-ווינד קאָכט אויף דעם ים.

ער, וואָס לייכט־גלויביג פרעהט, גאָלדענע, זיך מיט דיר,
חלומ׳ט, פוסטע, פון דיר, וואָס ביזט אַלץ פוסט און שעהן,
ווייסט ניט וואָסער געפאַהרען
ברענגען קען איהם דער קלענסטער ווינד.

וועה איז דעם וואָס דו ווינקסט צו און ער קאָן דיך ניט.
אָבער ס׳ווייזט אָן אויף מיר הייליג די נאַסע וואַנד: *)
פאַר מיין רעטונג פון שטורם, כ׳האָב
אויפגעהאַנגען אויס דאַנק מיין קלייד.

פון קאַטולוס

I.

לאָמיר, לעסביא, לעבען און זיך ליעבען
און פאַר׳ן מורמלען פון שטרענגע, אַלטע זקנים
געבען וועניגער נאָך אין ווערט ווי גאָרנישט!
מעגען זונען פערגעהן און קומען ווידער,
מיר, ווען איינמאָל דאָס קורצע ליכט געהט אונטער,
האָבען פאַר זיך איין לאַנגע נאַכט צו שלאָפען.
גיב מיר, גיב טויזענד קושען, דאַן גיב הונדערט,
דאַן גיב אַנדערע טויזענד, דאַן נאָך הונדערט,
און אַלץ ווייטערע טויזענד, ווייטער הונדערט!
וועלען מיר זיך פיעל טויזענד קושען געבען
מישען מיר זיי אויס ניט אַליין צו וויסען,
זאָל קיין שלעכטער נישט געבען קיין עין־הרע,
ווען ער׳ט וויסען די גרויסע צאָהל פון קושען.

---

*) פון שטורם געראַטעוועטע רוימער פלעגען אויפהענגען זייערע נאַסע קליידער אויף א וואַנד אַלס אָפּפער צום שטורם־גאָט.

II.

טרויערט געטער און געטינען פון ליעבע
און איהר אַלע, איהר עדלע מענשען, טרויערט! —
ס'איז געשטאָרבען מיין מיידעל'ס וואָראָבייטשיק,
ער — מיין מיידעלע'ס פראַכט, ער איז געשטאָרבען
וועמען ז' האָט מעהר געליעבט פון איהרע אויגען
און געוועזן איז ער האָניג־זיס, האָט געקענט זי
אַזוי גוט ווי זי קען איהר אייגענע מוטער
און האָט קיינמאָל ניט פון איהר שויס געריהרט זיך
און איז שטענדיג געשפרונגען אויף איהר בוזעם
און האָט שטענדיג צו איהר, צו איהר געפּישטשעט.
איצט, איצט געהט ער אַוועק אויפ'ן טונקעלען וועג פון
וואַנען קיינער — דאָס זאָגט מען — קעהרט ניט ווידער!
מעג אייך שלעכטס נור געשעהן איר שלעכטע אָרקוס' —
שאָטענס, איהר וואָס פערשלינגט דאָס שעהנע אימער!
אַזאַ פויגעלע האָט איהר צוגענומען!
אָ, וואָס האָט איהר געטהאָן, אָ, אָר'מער פויגעל,
צוליעב דיר זיינען איצט מיין מיידעל'ס אויגלעך
אָנגעשוואָלען און רויט פון וויינען, וויינען...

III.

שוין ברייננגט פריהלינג צוריק די מילדע וואַרעם
און די בעהזקייט פונ'ם ווינטער־הימעל שטיל ווערט
דורך די ליעבליכע ווינטען פון דעם זעפיר.
קום קאַטולוס, פערלאָז שוין פריגיענ'ס פעלדער
און דעם אַקער דעם גוטען פון ניקעאַ!
לאָמיר פליה'ן צו די ליכטיגע שטעדט פון אַזיען.
שוין, שוין ציטערט מיין גייסט און רייסט זיך שוועבען!
און עס שטאַרקען די פיס זיך פון פרייד און בענקשאַפט...
זייט געזונט מיר, איהר ליעבע פריינדע מחנות!
איהר, וואָס האָט אייער היים שוין לאַנג פערלאָזען,
אין פערשיעדענע וועגען פיהרען אַהיים איצט!

IV.

כ'האַס דיך און ליעב דיך, פאַרוואָס? — אומזיסט וועסטו פרעגען!
כ'ווייס עס נישט אָבער איך פיהל: ס'איז! און איך געה אויס פאַר פיין!

V.

עלעגיע

כ׳בין דורך פיעלע פעלקער און פיעלע ימים געפאָהרען
ברענגען אַ קרבן דיר איצט אויף דיין פריהצייטיגען טויט!
כ׳קום בעשענקען דיך איצט מיט אַ לעצטער טויטען־מתנה
און אָנרופען אומזיסט, ברודער, דיין שווייגענדע אַש!
ס׳האָט דאָס גרויזאַמע שיקזאַל שוין אָפּגעשיידט אונז אויף אייביג,
ברודער אומגליקלעכער מיין, ביזט אַזוי פריה מיר געראויבט;
איצט קען איך נור, ווי עס לערנען די זיטען פון אונזערע אָבות,
ברענגען אַ טויטען־געשאַנק — כ׳האָב דיך שוין זעהן ניט געקאָנט! —
נעהם אָן, נעהם מיין מתנה, בעגאָסען מיט זודיגע טרעהרען
און אויף אייביג שוין, וועה! — שלאָף אין דיין אייביגער רוה.

פיצדזשעראלד׳ס אמאר כאיאם

(רובאַיאַט)

איבערזעצט אין ווערזמאָס פון אָריגינאַל, ניו יאָרק, 1916

וואַך אויף! די זון וואָס האָט אַנטפליהן געמאַכט
פאר איהר די שטערען פון דעם פעלד פון נאַכט,
טרייבט נאַכט פון הימעל און דעם סולטאַנ׳ס טורם
שלאָגט זי מיט ליכט שוין מיט איהר גאַנצער מאַכט.

דאַך איידער ס׳צאַנקט דער פאַלשער מאָרגען אויס,
פון קרעטשמע שוין הער איך אַ קול אַרויס:
ווען ס׳איז דער טעמפעל איבערווייניג גרייט,
וואָס שלאָפסטו, פרומער, שלעפריגער, פון דרויס׳?

ביים האָהן־געקרעה אין מאָרגען־פאַרבען־מעער
— „עפענט דעם טויר!״ — שרייט פון דער קרעטשמע ווער,
„איהר ווייסט ווי וועניג איהר דאַרפט בלייבען דאָ,
איינמאָל אַוועק, ועט קומען קיינמאָל מעהר!״

באַנייט דער אַלטער וואונש אין נייי־יאָהר ווערט,
ס׳האַרץ געהט אין איינזאַמקייט, וואו עס געהערט,
דאָרט, וואו די ווייסע האַנד פון משה׳ן שפראָצט
אַרויס, די יעזוס־בלום זיפצט פון דער ערד.

איראם איז מעהר ניטאָ, ניטאָ זיין רויז,
וואו יאַמשיד׳ס זיבען־רינגען־בעכער?, בלויז
רובינען פינקלען שטענדיג באַך אין ווייז,
ביים וואַסער שפראָצען גערטנער פיל ארויס.

שטום דוד׳ס ליפען. און איך הער זיך איין,
אין פעהלעווי, וואָס געטליך קלינגט: ווייז, וויין!
גיב ווייז! — די נאַכטיגאַל שרייט צו דער רויז,
דאָס בלאַסע פנים איהרס זאָל רויט, רויט זיין!

קום, פיל דעם כוס אָן; אין פייער פון פריהלינגס־פרייד,
דאָרט וואַרף אַריין חרטה׳ס ווינטער־קלייד!
אַ קליינעם וועג האָט ס׳פויגעלע פון צייט
צו פליהן. די פליגלען זיינען שוין צושפרייט.

פון בבל געה ביז ניישפור אַראָפּ,
ס'איז פול דער כוס מיט ביט'רער, זיסער גאַב.
דער לעבענס־ווײַן, ער גיסט זיך טראָפּ נאָך טראָפּ,
די לעבענס בלעטער פאַלען איינס — איינס אַראָפּ.

ס'האָט טויזענד רויזען יעדער טאָג געבראַכט.
יאָ, וואו'ז די רויז, וואָס נעכטען האָט געלאַכט?
ס'האָט ערשטער זומער, וואָס די רויזען ברענגט,
צו יאַמשיד, קאַיקאָבאַד אַן ענד געמאַכט.

זאָל ער זיי נעמען — לאָז דו עס צורוה!
וואָס אַרט דיך קאַיקאָבאַד און קאַיקאָשרו!
לאָז זאָל און רוסטום שטורמען ווי ער וויל,
צום עסען כאַטים לאַדען, — געה ניט דו!

קום דורך דעם פעלד, וואָס גלאַנצט אין גרינעם טאָן,
דאָרט וואו פון פעלד הויבט זיך דער מדבר אָן,
וואו ס'איז פאַרגעסען סולטאַן אָדער שקלאַף
און פרידען מחמד'ן פון גאָלד'נעם טראָן.

אַ בוך פון לידער אונטער'ן צווייג און ווײַן
אין לאָג, אַ לייבעל ברויט, דו — מיין,
דו זינגסט אין מדבר דאָרטען לעבען מיר,
עס וועט דער מדבר אַ גן עדן זיין.

ווער זיפצט נאָך רוהם פון אונזער וועלט און ווער
נאָך דעם פראָפעט'ס גן עדן גיסט אַ טרעהר,
אָה, נעם מזומן, פאַלען לאָז קרעדיט,
דאָס קלאַפּען פון דעם ווייטען פויק ניט הער!

קוק אָן די רויז, וואָס בליהט ביי אונז, און זעה:
מיט לאַכען — זאָגט זי — אין די וועלט איך געה,
רייס אָפּ די זיידען־טראָלדען פון מיין טאַש,
מיין אוצר וואַרף אין גאָרטען און צעשטריי!

די, וואָס געשניטען האָבען קאָרן פון גאָלד,
און אין דעם ווינד געוואָרפען אָט דאָס גאָלד,
זיי וועלען ערד אַזאַ ניט ווערען, וואָס
פון ד'ר ערד מען וואָלט זיי אויסגעגראָבען געוואָלט.

די האָפנונג, וואָס די מענשען בויען בלינד,
ווערט אַש און — ווערט אויך גליק; דאָך באַלד, געשווינד
ווי שניי אויף מדבר'ס שטויביגען געזיכט
זי שיינט אַ ווייל צי צוויי און דאַן צורינט.

דענק, אין צושטערטען קאַראַוואַנסאַריי,
ביי וועמען טויערן: „נאַכט און טאָג" איך שטעה,
ווי סולטאַן איז נאָך סולטאַן מיט זיין פּאָמפּ,
זיין שעה געבליבען — דאַן אַוועק פון זיי.

וואו ס'האַלטען לייב און יאַשטערקע דעם האָף,
יאַמשיד האָט טיף געטרונקען וויינטרויב-שטאָף,
באַהראַם, דער יעגער גרויס, דער וואַלדעזעל
טרעט אויף זיין קאָפּ און וועקט איהם ניט פון שלאָף.

אָפט דענק איך, ס'בליהט קיין רויז ניט אַזוי רויט
אַלץ וואו אַ צעזאַר האָט געבלוט צום טויט,
דאָס אין דעם גאָרטען יעדער היאַצינט —
אַ שעהנער קאָפּ געפאַלען אין דעם קויט.

דאָס פרישע גראָז, אויף וועמעס צאַרטען גרין,
ביים טייך־בּרעג ווייך מיר שטרעקען זיך אַהין,
ליג לייכט דאַרויף, דען, אָה! ווער ווייס פון וואָס
אַ זיסער ליפּ קומט אונגעזעהן דאָס גרין!

פיל, ליבסטע, אָן דעם כוס, וואָס היינט פאַרווישט
חרטה, אַלטע מורא מאַכט צו נישט,
וואָס מאָרגען? מאָרגען קען איך אפשר זיין
מיט נעכטען'ס זיבען טויזענד יאָהר פאַרמישט!

די בעסטע כ'האָב געליעבט — זיי זיינען וואו?
וואָס צייט פון ווייןפּרעס האָט געפּרעסט. הער צו:
זיי האָבען איין מאָל־צוויי געטרונקען פון'ם כוס
און איינס נאָך איינס געשאַרט זיך שטיל צו רוה.

און מיר, וואָס פרייען זיך אין פלאַץ, אין דעם,
וואָס זומער קליידט אין גרין, — אַלס שטויב און לעהם
מיר מוזען אונטערן בעט פון ערד אַראָפּ,
אַראָפּ, אַ בעט מאַכען, ווער ווייס פאַר וועם?

נוץ אויס צום בעסט, וואָס בלייבט דיר נאָך און שפּענד
— ביז געהסט אין גרוב — אַ יעטוועדען מאָמענט,
ביז דו דער שטויב, ווערסט שטויב, צו געהן צו שטויב,
אָהן ווייַן, געזאַנג, אָהן זינגער און — אָהן ענד.

פאַר די וואָס גרייטען זיך אין איינעם פּאָרט
פאַר „היינט" און די, וואָס זעה'ן אַ „מאָרגען" דאָרט,
רופט אַ מועזזין פון'ם טורם פון נאַכט:
נישטאָ קיין שכר, נאַראָנים, דאָ, נישט דאָרט!

חכמים, וואָס גע'טענה'ט און געלערנט
פוןביידע וועלטען, האָבען גאָר קיין ווערט,
ארויסגעוואָרפען ווערען זיי פון דאַנ',
די ווערטער — שפּאָט, די מיילער פול מיט ערד.

איך אויך, ווען יונג, ביז גערן געגאַנגען מיר,
חכמים הערען טענה'ן פיעל דאפיר,
דאַגעגען — אָבער שטענדיג כ'ביז ארויס —
געגאַנגען דורך דער אייגנער איינגאַנגס־טיר.

מיט זיי דעם חכמה זאָמען כ'האָב פאַרזייט,
געהיט זיין אויסוואַקסען פון פריה ביז שפּעט;
דאָס איז דער שניט, וואָס איך האָב מיך דערלעבט:
איך קום ווי וואַסער, ווער ווי ווינד פערוויייהט!

אין וועלט אַריין — איך ווייס עס ניט — וואָרום?
פון וואַן? ווי וואַסער כ'פליעס אָהן ווילען אום,
ארויס פון דאַן ווי ווינד אין מדבר וועהט
וואוהין? איך ווייס ניט. כ'געה אָהן ווילען אום.

וואָס מאַכט אויס, אומגעפרעגט, געבראַכט, פון וואַן?
וואָס מאַכט אויס, אומגעפרעגט, אַוועק פון דאַן'?
מעקט אויס, איהר כוסות פון פאַרבאָט'נעם ווייַן,
זכרון פון דער חוצפּה — וואָס כ'דערמאָן.

פון ערד־האַרץ דורך דעם זיב'טען טויע'ר אַרויף
איך געה צום סאַטורנ'ס טראָן — איך זיץ דאַרויף,
און מאַנכען קנויל צונעהם איך אויף דעם וועג,
דאָך ניט דעם שווערסטען: אונזער שיקזאַל'ס לויף.

כ׳געפין קיין שליסעל צו דער איינציגער טיר,
אַ שלייער — איך זאָל ניט זעהן — פאַרשטעלט אים מיר.
אַ ביסעל רעדט מען נאָך פון „מיר״ און „דיר״,
דאַן אויס און גאַרניט מעהר פון „דיר״ און „מיר״.

ערד ענטפערט ניט און ניט דער אָקעאַן,
וואָס ליגט טיעף בלאָה — זיין האַר איז ניט פאַרהאַן,
ניט הימעל מיט די צייכענס דאָרט ענטפלעקט,
וואָס נאַכט און טאָג באַהאַלט פון יעדען מאַן.

דאַן פון דעם „דו״ און „איך״, וואָס זיך באַהאַלט
הינטער דעם שלייער, כ׳הייב אויף די הענד, זעה באַלד
אַ לאָמפּ אין פענסטער, ווי פון דרויסען הער —
— „דאָס ׳איך און דו׳ איז בלינד״ — אַ שטימע שאַלט.

איך בויג זיך צו דער ליפּ פון אָט דער שאָל
אויס ערד, דעם לעבענס-סוד פאַר אַלעמאָל
דערוויסען. ס׳שעפּטשעט ליפּ צו ליפּ: ווי לאַנג
דו לעבסט, טרינק! ווייל ווען טויט, קומסט צוריק קיינמאָל!

איך גלויב, די שאָל, וואָס רעדט אין איילעניש,
געווען אַמאָל אַ לעבעדיג באַשעפעניש
און האָט געטרונקען. כ׳האָב די ליפּ געקושט,
אָה, וויפיעל זי קען נעמען — געבען קיש!

כ׳געדענק, מיך האָט אַמאָל מיין וועג געבראַכט
זעהן איינעם קלאַפּען ליים, וואָס אַ טעפּער מאַכט,
געשעפּטשעט האָט מיט זיין פערלענדטער צונג
דאָס לעהם: זאַכט, ברודער, כ׳בעט דיך, זאַכט, קלאַפּ זאַכט!

געהט אַזאַ מעשה ניט פון צייטען אַלט,
וואָס טיעף דורך אַלע מענשען-דורות שאַלט,
דאָס פון אַ וואָלקען אָנגעפּייכטען שטויב
האָט גאָט געמאַכט די מענשליכע געשטאַלט?

קען זיין, פיעל טראָפּענס געשאָטען אויס פון שאָל
פאַר ד׳ר ערד צו טרינקען, גנב׳ענען זיך צומאָל
אַראָפּ, צו לעשען אַנגסט-פייער אין אַ אויג,
וואָס ליעגט באַהאַלטען טיעף, פון לאַנג, אַמאָל?

און ווי דער טוליפּאַן, וואָס ס׳דורשט איהם זעהר,
וואַרט לעכצענד אויף זיין טרונק, די הימעלס־טרעהר,
זאָלסט פרום דאָס זעלבע טאָן, ביז הימעל וועט
צו ערד דיך אומקעהרען — אַ כוס, וואָס לעער.

מיט מענש־און־גאָט־פראַגען ניט מוטשע לאַנג
זיך גיב דעם קנויל צום ווינד, זאָל טאָן ניט באַנג!
און שטעק די פינגער אין די לאָקען פון
דעם וויין־געבער, וואָס ווי ציפּרעסע שלאַנק.

אויב וואָס דו דריקסט און טרינקסט: די ליפּ, דער וויין
זיך ענדיגט וואו ס׳הייבט אָן, לאָזט אויס — איז „זיין״,
דענק, דו ביסט היינט, וואָס נעכטען ביסט געווען,
און מאָרגען וועסטו ווינציגער ניט זיין.

און ווען דער מלאך פון דעם טונקלערן טראַנק
וועט דיך געפינען שטעהן ביים טייך צו לאַנג,
וועט לאַדען דיך צו טרינקען פון זיין כוס,
נעם צו די ליפּען, זאָל ניט טאָן דיר באַנג.

ווען ס׳וואַרפט נשמה אָפּ דיין שטויב אַהן ווערט,
געטראַגען נאַקעט זי אין הימעל ווערט,
אויב דאָס קאָן זיין — איז ניט קיין שאַנד, קיין שאַנד
צו בלייבען אין נבילה־היל, דער ערד?

ס׳איז א געצעלט, וואו ס׳רוהט נאָר אויף איין טאָג
אַ סולטאַן, געהט צום טויט דאָן שטיל, אָהן קלאָג.
שטעהט אויף א סולטאַן, גרייט צו דער פעראַש
פאַר נאָך אַ גאַסט און גיט דעם טויטען־שלאָג.

האָב ניט קיין מורא, אַז ווען ס׳קומט דער בראָך,
וועט מעהר ווי דו און איך ניט זיין! ווי דאָך!
דער אייביגער סאַקי גיסט פון שאָל, ווי אונז,
מיליאָנען בלאָזען און וועט גיסען נאָך.

ווען איך און דו שוין הינטער יענעם שלייער,
די וועלט וועט אַנהאַלטען נאָך לאַנג, נאָך מעהר,
וועט זאָרגען זיך פאַר אונזער קומען, געהן,
ווי ס׳זאָרגט זיך פאַר אַ שטיינדעלע דאָס מעער.

האַלט אויף אַ ווייל זיך און געניס אַ ווייל
ביים קוואַל פון מדבר איידער געהסט דיין מייל,
דען, זעה, דאָס קאַראַוואַן־געשפּענסט איז דאָ
ביים אויסגאַנגס־פּונקט — דעם גאַרנישט! געה און אייל!

ווילסט אויסברענגען דיין ביסעל לעבען, פריינד,
דעם סוד דערוויסען? וואָס דאָס אלעס מיינט?
אַ האָאַר טיילט אפשר אָפּ, וואָס אמת, פאַלש;
אויף וואָס, איך בעט דיך, הענגט דיין לעבען היינט?

אַ האָאַר טיילט אָפּ, וואָס פאַלש איז און וואָס וואָהר,
אַן „אלף" איז דער שליסעל צו דעם וואָהר,
ווער ווייס? געפינען קענסט צום אוצר נאָך
דעם שליסעל און צום מייסטער אפשר גאָר,

וואָס אין זיין סוד דורך שאַפונגס־אָדערן טרייבט,
זיך ערגעץ־וואו ווי קוועקזילבער פאַרקלייבט,
זיך בייט פון מאה ביז מאה — לויפט פון דיר
די פאָרמען זיינע שטאַרבען אָפּ, ער בלייבט!

פרואווסט טרעפען און שוין איז ער איינגעטאָן
אין פאַרהאַנג שוואַרץ פון שפּיעל, וואָס געהט דאָ אָן,
וואָס פאר הנאה פון דער אייביגקייט
ער זעלבסט טראַכט אויס און שפּילט און קוקט עס אָן.

דאָך אויב אומזיסט אין עקשן־ערד, אום דיר
דו קוקסט און אין פארמאכטער הימעלס־טיהר
אויף „היינט", ווען דו ביסט דאָ, ווי׳ט מאָרגען זיין,
ווען דו ביסט שוין ניט דו, ס׳איז אויס מיט דיר?

פאַרליר די שעה ניט, זאָל ניט זיין געזוכט
דאָס, יענס אין יעדען ווינקעלע און שלוכט.
ס׳איז בעסער פריי׳ן זיך ביי דעם וויינטרויב־זאַפט,
ווי טרויערן נאָך גאָר קיין — אָדער ביט׳רע פרוכט.

איהר, פריינד, איהר ווייסט מיט וואָסער שוים און ברויז
כ׳האָב ווידער חתונה געהאַט אין הויז.
איך האָב דעם טרוק׳נעם שכל אָפּגעג׳ט!
איצט איז מיין ווייב דעם ויינשטאָק׳ס טאָכטער בלויז.

כאָטש איך מעסט אָפּ און וועג, וואָס „זיין" „ניט זיין",
פון אַלץ, וואָס כ׳וואָלט געוואָלט דערגרונטעווען,
באַגרעניץ „אויבען־אונטען" לאָגיש, פיין,
כ׳בין טיעף געווען און גאָרניט אויסער — ווייןֹ.

דאָך זאָגט מען, ס׳האָט מיין חשבון אויפגעבויט
אַ בעסער יאָהר, — עס אָננעהמען געגויט.
ס׳איז פון קאַלענדער נאָר אַראָפּגעהאַקט
אַן „אומגעבויר׳נער" „מאָרגען", „היינט", וואָס טויט.

כ׳האָב דורך דער קרעטשמע־טיהר ניט לאַנג געזעהן
אַ מלאך שיינען אין דעם אָבענד־ברען,
אַ שאָל איז אויף זיין שולטער, ער גיט מיר
פאַרזוכען, ס׳איז דער וויינטרויב־זאַפט געווען.

וואָס לאָגיש־אַבסאָלוט באַזיגט אין צייט
די צוויי און זיבציג סעקטען, וואָס צוזייט;
דער גרויסער אַלכעמיסט, וואָס אין מאָמענט
דעם לעבענס־בליי אין ריינסטען גאָלד פאַרבייט.

דער גרויסער מחמד, וואָס פון אַללאָה ווערט
געשיקט, פאַריאָגען וואָס די זעעל׳ פאַרצעהרט,
די שוואַרצע האָרד׳ פון מורא און פון צער
פאַרטרייבט ער ווינדשנעל מיט זיין פלינקען שווערט.

אויב ס׳איז אַ גאָט׳ס־פלאַנץ אָט דער ווין, וואָס קוויקט,
וואָס וואַגסטו „פאַסטקע" רופען וואָס ענטציקט!
אַ ברכה? לאָמיר נוצען! אפשר ניט?
אַ קללה איז זי? ווער האָט זי געשיקט?

אָפּזאָגען זיך פון לעבענס באַלזאָם, אויב
פונ׳ם נאָך־טויט־חשבון, וואָס דו נעמסט אויף גלויב,
ביסט אָנגעשראָקען — אָדער געהן צום טרונק,
וואָס פינקלען וועט אין כוס, ווען ביסט שוין שטויב?

אָה, האָפנונג פון גן־עדן, שרעק פון העלל׳!
איין זאַך איז זיכער, ס׳פליהט דאָס לעבען שנעל!
איין זאַך איז זיכער, אַלעס אַנדרע פאַלש,
די בלום, וואָס האָט פאַרבליהט, בלייבט שטענדיג געל!

משונה, ניט? אַז ס'קומט צוריק קיין הויך
פון יענע טויזענדער, וואָס דורך דעם רויך
פון טונקעל זיינען דורך, דערציילען אונז
פון וועג, וואָס מיר, מיר מוזען זוכען אויך?

די אויפדעקונג פון חכם אָדער רב
פון צייטען אַלט, די זעהונגען די שטראָף,
דאָס זענען מעשות, זיי'רע פריינד דערצעהלט,
ווען אויף פון שלאָף; — זיי זיינען צ'ריק אין שלאָף.

כ'האָב דורך אונזיכטיגקייט געשיקט מיין זעעל'
דעם נאָך־טויט סוד געפינען און צו שטעל
מיר ברענגען. ס'האָט די זעעל' געענטפערט מיר
צ'ריקקעהרענדיג: איך אַליין בין הימעל, העלל'.

הימעל — צו זעהן אַ וואונש דערפילט, דערקענט,
העלל' איז דער שאָטען פון אַ זעעל' וואָס ברענט
אין חושך, וואו מיר, קומענדיג פון דאָרט,
וועל'ן באַלד זיך אומקעהרען, ווען עס קומט דאָס ענד.

מיר זיינען מעהר ניט ווי אַזוי פיעל רייהן
פון צויבער־שאָטענס, וועלכע קומען, געהן,
וואָס ס'האַלט דער מייסטער פון דעם שפיעל אין נאַכט
ביים זון־לאַמטערען, כדי ער זאָל זיי זעהן.

פיגורען הילפלאָזע פון גרויסען שפיעל,
וואָס אויף זיין שאַכברעט — „טעג־נעכט" ליגען פיעל.
ער שטעלט זיי דאָ און דאָרט, מאַכט מאַט, דערשלאָגט
און לעגט אין שאַכטעל ווידער, ווי ער וויל.

דער באַל, ער פרעגט ניט קיינמאָל „יאָ" צי „ניין".
ער מוז, וואו ס'וואַרפט דער שפילער, דאָרטען געהן
און דער, וואָס האָט געוואָרפען דיך אין פעלד,
ער ווייס דעריבער אַלץ, נאָר ער אַליין.

דער פינגער שרייבט און אָנגעשריבען דאָרט
באַוועגט זיך ווייטער, שרייבט אין איינעם פאָרט,
קיין פרומקייט, חכמה מעקט קיין שורה אויס
קיין טרעהרען קענען וואַשען אויס קיין וואָרט.

דער הימעל, זעה, דער אומגעקעהרטער כוס,
וואָס אונטער איהם מען לעבט, מען שטאַרבט, (פאַרוואָס?)
הויב ניט פאַר הילף דיין האַנד צו איהם, ווייל ער
געהט אום ווי מיר אָהן מאַכט; האָב קיין פאַרדראָס!

פון ערשטען לייהם, וואָס האָט אַ מענש געמיינט,
צום לעצטען זאָמען, מיט דער ערד פאַראייניגט,
געשריבען האָט דער ערשטער שאַפונג־טאָג,
וואָס, ווען, דער לעצטער חשבון מאַרגען לייגט.

געמאַכט האָט נעכטען הייגט׳ס שגעון גרייט
און מאָרגען׳ס רוה, טריאומף, פאַרצווייפעלטקייט.
טרינק, ווייל ווייסט ניט, פון וואַן דו קומסט, פאַרוואָס?
טרינק, ווייל ווייסט ניט, וואו און פאַרוואָס מען געהט.

איך זאָג, דאָס געהענדיג אַרויס פון ציעל,
— ווען איבער׳ן הימעלס־פעלד אין פייער־היל
מען האָט געוואָרפען פארווין, מושטארי —
אין מיין פאָראויס־באַשטימטען זעעל־שטויב שפיעל.

האָט ווייז געשלאָגען וואָרצעל, ליגט אַרום
מיין איך! — מעגסט קוקען, דערוויש, קרום!
קען זיין — אַ שליסעל ווערט פון מיין מעטאַל,
די טיהר צו עפענען, וואו דו שרייסט זיך שטום.

איינס ווייס איך, צי דאָס אמת אייגנצ׳גע ליכט
צו ליעבע לויכט מיר, צי אין כעס פאַרניכט׳
איין בליאַסק פון דעם, אין קרעטשמע אויפגעכאַפּט,
בעסער ווי׳ן מאָסק פאַרלוירען גאַנץ דאָס ליכט.

וואָס! פון דעם גאָרנישט, וואָס איז אומבאַוואוסט,
אויפוועקען עפעס, וואָס דערלאָזט ניט לוסט,
הנאה? — סטראַשעט אייביג מיר מיט שטראָף,
אויב איך זאָל ברעכען עס און טאָן ווי ס׳גלוסט?

וואָס? פון אַ הילפלאָזען צו זיין באַצאָהלט
פאַר שלעכט מעטאַל, געליה׳נעם — אמת גאָלד?
א חוב צו מאָהנען, וואָס כ׳האָב קיינמאָל ניט
געמאַכט, איך וואָלט עס ניט געוואָלט!

דו, וואָס מיט פּאַסטקעס האָסט אַרומגעשטעלט
דעם וועג, — וואָס כ'האָב צו וואַנדערן אויף דער וועלט,
וועסט ניט אין שלעכטס פאַרדרעהן, פאָראויסבאַשטימט;
מיין חטא — מיין בראָך צוטרייבען — אויב ס'געפעלט!

דו, וואָס דעם מענש האָסט גראָב פון ערד געמאַכט
און אין גן עדן אויף די שלאַנג געבראַכט,
פאַר יעדען חטא, וואָס מאַכט דעם מענשען שוואַרץ,
גיב, נעהם דעם מענטש'ס מחילה — טראָץ דיין מאַכט!

ווי מיט דעם טאָגליכט אונטערן אָבענד'ס דעק
ס'איז ראמאזאן, דער הונגריגער, אַוועק,
בין איך אין טעפּער'ס הויז געשטאַנען זיך,
אַרום מיר לייהם־פאָרמען אין יעדען עק.

געשטאַלטען אַלערליי, אי גרויס, אי קליין,
זיי זיינען פיעל אויף ערד און וואַנד געוועזן,
און פיעלע רעדעוודיג און אַנדרע, וואָס
געהערט נאָר האָבען, האָב איך דאָרט געזעהן.

פון זיי זאָגט איינע: זיכער, ניט אומזיסט!
בין איך פון ערד גענומען, ניט אומזיסט!
צו מאַכען אַ געשטאַלט, צוברעכען זי,
און צו צעטרעטען־וואַרפען זי אין מיסט!

אַ צווייטער זאָגט: ס'וועט קיין פאַרשייטער יונג
דעם כוס צוברעכען פון אַ פריידען־טרונק
און ער, וואָס האָט דעם כוס אַליין געמאַכט,
וועט ניט צוברעכען איהם אַזוי אין שפּרונג.

נאָך אַ מאָמענט פון שווייגען האָט אַ שאָל
גערעדט, וואָס מיאוס און קרום און דאַר און שמאָל:
— זיי לאַכען אַלץ פון מיר, וואָס כ'בין ניט גלייך;
געציטערט האָט דעם טעפּער'ס האַנד צומאָל?

פון זיי אַרויס, צושמאַיעט און צושוויצט,
אַ סופי־טאָפּ — איך דענק — האָט זיך געהיצט;
דאָס אַלץ פון טאָפּ און טעפּער, זאָגט מיר, כ'בעט,
ווער איז דער טאָפּ און ווער דער טעפּער איצט?

מען ר'עדט פון איינעם — אייבער טוט אַ זאָג —,
וואָס סטראַשעט וואַרפען אין גהינום־פּלאָג
דעם קאַליען טאָפּ, וואָס ער'ט אַליין געמאַכט,
איך גלויב ניט! ער איז גוט! ס'אַ געכטיגער טאָג!

לאָז מאַכען, קויפען, טון — פון אייגעם שאַלט —
מיין ערד איז טרוקען, דורך פאַרגעסונג אַלט,
דו פיל מיך אָן איצט מיט דעם אַלטען זאַפט,
ווערסט זעהן, איך וועל דערהאָלען זיך גאָר באַלד.

בשעת די כלים האָבען דאָס גערעדט,
די קליינע לבנה האָט געשיינט — פון מעטה —
„לחיים צו דעם טרעגער'ס פּלייצעס שטאַרק!"
געשריען האָבען זיי פון פריה ביז שפּעט.

אָה, מיט ד ע ם זאַפט מיין לעבענס־סוף באַשענק
און נאָך מיין טויט מיין קערפּער, כ'בעט דיך, שווענק
מיט וויין און לעג אין וויינטרויב־בלעטער מיך
אין פּיעל־באַזוכטען גאָרטען, פריינד, געדענק!

און זאָל מיין אַש, באַגראָבען, אין דער לופט
אַרויסשיקען פון וויין אַזעלכען דופט,
אַז ס'זאָל אַ גלויביגער דערפּיהלען אויף דעם וועג,
ווי עפּעס שטאַרקס רופט איהם צו זיך און רופט.

די געטשקעס, וואָס געליעבט כ'האָב אַזוי לאַנג,
פאַרדאָרבען האָבען מיין קרעדיט, אין טראַנק
האָב'ן אין פלאַמען־כוס דערטרונקען זיי מיין רוהם
פאַרקויפט מיין גוטען שם פאַר אַ געזאַנג.

כ'האָב תשובה, אמת, פרום צו זיין צוריק,
געשוואוירען שיכור'הייט אַן אויגענבליק
און דאַן אין פריהלינג מיט דער רויז אין האַנד
האָב איך צופליקט חרטה, שטיק נאָך שטיק.

און כאָטש דער וויין איז אומגלויביג, — צום סוף
האָט מיך באַרויבט פון קלייד פון כבוד, — האָף
איך, ס'האָבען מיר די ווייןקויפער פאַרקויפט
פאַר אָט דעם פּרייז אַ צווייטמאָל טייערן שטאָף.

אָה, דאָס דער פריהלינג שווינדט שוין מיט דער רויז,
דער דופטיגער יוגענד־כתב־יד צו און אויס;
די נאַכטיגאַל, וואָס ס'שוועבט איהר ליעד אין צווייג,
פון וואַן, וואוהין געפלויגען? כ'קען זיך ניט אויס!

וואָלט כאָטש דער מדבר פון דעם קוואַל, וואָס קוועלט,
אַ שיין געצייגט אין טונקעל, האַלב־פאַרשטעלט,
אַ ביסעל וויזען, ס'זאָל דער וואַנדערער,
פאַר'חלש'ט, שפּרינגען צו, ווי גראָז אין פעלד.

וואָלט כאָטש אַ מלאך, איידער עס ווערט שפּעט,
דעם גורל'ס אויפוויקלען פאַרהאַלטען, כ'בעט!
דער שטרענגער שרייבער אַנדערש חתמנ'נען
זאָל אָדער גאָר פאַרווישען, וואָס דאָרט שטעהט!

אָה, ליעבע, וואָלט איך, דו און ער, געקענט,
פאַראייניגט, דעם פּלאַן פון אַלץ אין אונזרע הענט
איצט נעהמען און צעברעכען, אויפבוי'ן דאַן,
ווי ס'טרוימט דאָס האַרץ: בע'חנ'ט, באַשעהנט!

און די לבנה, וואָס זוכט אונז אַצינד,
ווי אָפט וואַקסט ווידער זי ווי איצט און שווינדט!
ווי אָפט זוכט דאַן אין זעלבען גאָרטען זי,
געפינט ניט מעהר א י י ן אייניציג מענשען־קינד.

ערקלעהרונגען צו אָמאַר כאַיאַם

ווייסע האַנד פון משה און יעזוס — **בלומען**
איראַם — **אויך א בלום**
יאַמשיד — **אַ באַוואוסטער פערזישער קעניג**
רוסטום — **דער פערזישער הערקולעס**
זאל — **זיין פאָטער,ביידע באַריהמטע פיגורען לויט דער פערזישער לעגענדע**
האַטים — **באַריהמט פאַר זיין גאַסטפריינדליכקייט.**
נאַישאַפור — **אַ גרויסע פערזישע שטאָדט, דער געבורטסאָרט פון אָמאַר כאַיאַם**
קאַיקאָראַד און קאַיקהאָסרו — **פערזישע קעניגען**
פעהלעווי — **די אַלטע פערזישע שפּראַך**
אַהראַם — **אַ באַוואוסטער פערזישער קעניג**
פון מאַהי, מאַהדי — **פון פיש ביז צו דער לבנה**
פארווין און מושטאַר — **די פלעיאַדען שטערען און דער שטערען יופיטער**
ראַמאַזאַן — **דער הייליגער מחמד'אַנישער יום טוב. (ווי ביי יידן תשרי)**
קאַרגאַנוואַנסעראַי — **פּאַלאַץ**
מועזזין — **מחמד'אַנישער גלח**
סאַקי — **וויינשענקער, ווייַן אַריינגיסער.**

דפוס „הכרמל"

מ. זיתוני ובניו

מקבל עבודות
מסחריות, חוברות
ספרים ועתונים
עברית, אנגלית ויידיש

Tel. 85360 .טל

"HACARMEL" PRINTING

41, HACHALUTZIM St. TEL-AVIV 41 תל־אביב, רח' החלוצים

BOOKS IN ENGLISH, HEBREW & YIDISH